STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04331

GROYZAME YORN

Emil Widans

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עמיל און דניאל ווײדאַנס

גרויזאַמע יאָרן

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, ווארשע

Printed in Poland

Emil i Danieł WIDANS
GROJZAME JORN

Copyr. by Spółdzielnia Wydawnicza „Kultur Liga", Warszawa 1933

געדרוקט - 1.000 עקזעמפּלארן

Druk. „Wiedza" Warszawa, Bielańska 9

אינהאלט:

		זייט
.1	אין באהעלטעניש	5
.2	די שריפה	15
.3	דייטשן	29
.4	אין קעלער	45
.5	רוסן	56
.6	דער גירוש	66
.7	אויף די וועגן	80
.8	דורכן רעגן	98
.9	היימלאָז	112
.10	אין אַ פרעמדער שטאָט	118
.11	הינטערלאַנד	126
.12	מאָדנע צייטן	141
.13	אַ נסיעה	156
.14	דער „פּלעניק"	169
.15	מסחר	178
.16	עלנט	187
.17	קאַצנמויז	195
.18	אימה	205
.19	יתומים	209
.20	ברויט	217
.21	אַ ווינטער	230
.22	געראַנגל	244
.23	מיטן עשאַלאָן	253

1. איז באַהעלטעניש

— לייבעלע, שטיי אויף! — הער איך דורכן שלאָף אַ נאָענטע שטים. איך עפן די אויגן. איבער מיר שטייט מאַמאַ. אין איין האַנט האַלט זי מיינע הויזלעך, מיט דער צווייטער וועקט זי מיך פאַרן אַקסל. די לאָדנס זיינען שוין אָפן, און דער צימער איז פול מיט גרוי-בלוילעכן ליכט פון טאָגן. איך מאַך ווידער צו די אויגן און שלאָף.

— לייבעלע, לאָז, איך וועל דיך אָנטון, דעקט אָפּ מאַמאַ די קאָלדרע; איך פיל, ווי זי הויבט אויף מיינעם אַ פוס, דער־נאָך דעם אַנדערן, ציט שנעל אַרויף די הויזלעך, די זאָקן און נעמט זיך צו די שיך. איך זעץ אָבער פאָר מיין שלאָפן. אמת, איך הער שוין אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין צימער, ווי די שויבן פון די פענסטער ציטערן יעדע רגע אויף פון שטאַרקע דונערן. פון דרויסן דערטראָגן זיך איינער נאָך דעם אַנדערן גרויסע קלעפּ, און צום טאַקט פון די קלעפּ טוט מיך מאַמאַ אָן; ווי נאָר דער רעש איז שטאַרקער, איילט זי זיך מער.

פאַפּאַ באַווייזט זיך אין צימער, גייט האַסטיק צו צו מיין בעטל.

— איך וועל אים שוין דערענדיקן אָנטון — זאָגט ער צו מאַמאַ — זע, וועק אויף דודקען.

— דודל, קריין מיינער, מען דאַרף אויפשטיין. אָט וועל איך דיך אָנטון — הער איך, ווי מאַמאַ רעדט צו דודקען ביי זיין בעטל.

פּאַפּאַ הויבט מיך אויף, ציט אַרויף העכער די הויזלעך און נעמט דורכציען דורך מיינע הענט דאָס הויזן-ווּעסטל. מער שלאָפן קען איך שוין נישט. ער טוט אַלץ שווער, פון איילעניש פאַרטוישט ער די אַרבל, און די בלוזע קומט אויס צו שפּילען אויפן רוקן. אַ ווײַלע וויל ער שוין אַזוי לאָזן, נאָר באַמערקנדיק, אַז מיר איז אומבאַקוועם, אַז ס'דריקט מיר ביים האַלז, הויבט ער זי אָן אַראָפּציען צוריק. פון דעם דונערן און פון אַנטון האָב איך שוין פאַרלוירן דעם שלאָף, אָבער איך קען זיך נישט האַלטן אויף די פיס, איך בין נאָך קיינמאָל אַזוי פרי נישט אויפגעשטאַנען.

— נאַ, נעם צו דאָס קינד — גיט איבער מאַמאַ דודקען שוין אָן אָנגעטועגעם צו פּאַפּאַן, און אַליין גייט זי צו מיר. זי נעמט מיך אַראָפּ פון בעטל און שטעלט מיך אַוועק אויף דער דיל. שנעל מאַכט זי אין אָרדענונג מיין בלוזע און לאָזט מיך אָפּ. לעבן מיר שטייט דאָד. מיט איין האַנט האַלט ער זיך אָן אַ שטול, און מיט דער אַנדערער רייבט ער זיך די אויגן. ביי זיין בעטל טוט זיך אַליין אָן מישאַ. ער איז שוין כמעט פאַרטיק, נאָר די שנור-זענגלעך פון זיינע שיך זיינען נישט פאַרשנירט און די בלוזע איז נישט פאַרקנעפּלט.

— מישאַ, וואָס דונערט אַזוי? פרעג איך.

מישאַ קוקט מיך ערנסט אָן און זאָגט: — דאָס דונערט נישט. דאָס שיסן די דייטשן.

איינס נאָכן אַנדערן דערלאַנגען עטלעכע קלעפּ, וואָס זיינען נאָך שרעקלעכער, ווי די פריערדיקע. מאַמאַ לויפט צום וועגעלע און נעמט האַסטיק אַרויס דאָס שוועסטערל. מירעלע גיט אַ וויין און ווערט גלייך אַנשוויגן.

— אסתּר — זאָגט פּאַפּאַ צו מאַמאַ — נעם די קינדער, מיר גייען אין מויער.

— וואָס רעדסטו, הירשל, וווהין וועלן מיר לויפן? — דערשרעקט זיך מאַמאַ.

פּאַפּאַ בלייבט שטיין ביים וועגעלע. די שיסעריי וואַקסט

און די שויבן פאַרגייען אין איין ציטערן. אויף דער שוועל באַווייזט זיך די באָבע.

— נו, וואָס וואַרט איר? אַלע זייִנען שוין דאָרטן.

— מאַמע, ווו וועלן מיר גיין? זע די קינדער... שטרעקט אויס מאַמאַ די הענט, אויף וועלכע זי האַלט מירעלען, צו דער באָבע און ווייזט מיטן קאָפּ אויף אונז. דאָד שטייט נאָך ביים שטול און רייבט זיך די אויגן, ווי זיי וואָלטן שולדיק געווען, וואָס ער וויל נאָך שלאָפן. ביי מיר האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ זאָק. אויך זייִנען די קנעפּלעך פֿאַלש פֿאַרשפּילעט. עפּעס דריקט און ציט און איך פֿיל זיך זייער אומבאַקוועם. פֿריידקע, אַ צושראָקענע, זעט צו האַלטן זיך האַרט ביי מאַמאַ. מישאַ האָט נאָך אַלץ צו טון מיט זייִנע שיך, ווי נאָר ער ציט דאָס שנירל אין לעכל, גיט עס אַ טראַסק; ער גלייכט זיך אויס און זייִנע אויגן ווערן גרעסער. ער נעמט זיך ווידער צו דער איבערגעריסענער אַרבעט, אָבער אַ נייער שאָס לאָזט אים נישט דערענדיקן.

— אסתּר, גאָט איז מיט דיר, דו זעסט נישט, די גאַנצע שטוב וויגט זיך דאָך! שרייט אויס די באָבע.

— שוויגער, נעמט דאָס וועגעלע, אסתּר, גיב מיר דאָס קינד, דו נעם דודקען, און נישט וואַרטנדיק אויף מאַמאַס הסכּמה, נעמט פּאַפּאַ צו פֿון אירע הענט מירעלען. מאַמאַ וויל וואָס זאָגן, נאָר דאָס דונערן ווערט מיטאַמאָל אַזוי שטאַרק און אָפּט, אַז זי כאַפּט אָן דודקען פֿאַר דער האַנט. דאָד איז מיט דעם זייער צופֿרידן, און ער קוקט אויף מאַמאַ אַזוי, ווי ער וויל זאָגן, אַז אויב זי נעמט אים איצט אויף די הענט, וואָלט נאָך בעסער געווען.

— קומט, זאָגט פּאַפּאַ, זיך לאָזנדיק צו דער טיר.

— קינדער, קומט — חזרט איבער מאַמאַ.

פּאַפּאַ גייט דער ערשטער מיט מירעלען אויף דער האַנט, נאָך אים פֿריידקע, מאַמאַ פֿירט דודקען פֿאַר אַ הענטל, איך גיי מיט מישאַן. די באָבע שטופּט דאָס וועגעלע. אין עס־צימער בלייבט פּאַפּאַ שטיין, מיר אַלע נאָך אים שטעלן זיך אָפּ. שווי־

גער! ווייזט פּאַפּאַ אויף צוויי ציכלעך, וואָס ליגן אויפן טיש אין איינעם ליגן אונזערע זילבערנע לעפל און באַגילדטע כּוסות. אין צווייטן — געבעקס, וואָס מען האָט צוגעגרייט אויף שבת, און אַנדערע עסנוואַרג. די באָבע שאָקלט מיטן קאָפּ: גיי, גיי, איך ווייס... און נעמט אַריין די ציכלעך אין וועגעלע. פּאַפּע גייט ווייטער, און אַלע נאָך אים. די באָבע גיט אַ שטופּ דאָס וועגעלע, נאָר דערזעענדיק אויפן טיש אַ גראַפין מיט וואַסער, שטעלט זי זיך אָפּ אויף אַ רגע, כאַפּט דעם גראַפין, דריקט אים אַריין אין קישן און פאָרט ווייטער. אין קאָרידאָר איז די טיר פאַרלייגט מיט אַ שטאַנג, און מיר בלייבן אַלע שטיין פאַר איר. די באָבע הויבט אַראָפּ דעם אייזן. אין דער אויפגעפּראַל-טער טיר רייסט זיך אַריין אַ בלאָסע מאָרגנשיין, און מיט איר אַ שיסעריי, וואָס הילכט אין דרויסן אַ סך פרישער און דייט-לעכער, ווי אין שטוב.

— גיכער, גיכער, איילט אונז פּאַפּאַ, לויפנדיק פאָרויס מיט מירעלען, וואָס האָט אַ צעטרייסלטע פון געלויף זיך אויפ-געכאַפּט און זיך צעוויינט אויף זיינע הענט.

— קינדער, קינדער, שרייט מאַמאַ, שלעפּנדיק דודקען פאַר אַ האַנט. איך מיט מישאן לויפן ביידע גלייך. מיר וואָלטן אַפילו געקענט אַלעמען אַריבעריאָגן, אָבער מיר פילן זיך עפּעס זיכערער, זיך האַלטנדיק הינטער מאַמאַס רוקן. נאָך אונז הערן מיר, ווי עס שפּרינגט אונטער אויפן ברוק מירעלעס וועגעלע. איבער אונז גרעסערט זיך דער רעש. די קלעפּ ווערן דערטרונ-קען איינער אין דעם אַנדערן, אַזוי ווי מען וואָלט געשליידערט גרויסע בלעכן. פּלוצלונג דערלאַנגט אַזאַ אויפרייס, אַז אונז דוכט זיך, אַז דער הימל איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. אויף איין רגע שטעלן מיר זיך אַלע אָפּ, אָבער תּיכּף לויפן מיר ווייטער.

אָט איז דער מויער — דאָס איז אַ קלייט פון האָפן. מיר וועלן זיך אין איר באַהאַלטן, וואָרום אירע ווענט זענען פון ציגל און וועלן קיין זאַך נישט דורכלאָזן. עמיצער עפנט אונז די טירן, און מיר לויפן אַריין אַהין נישט טויט נישט לעבע-דיק, ווי מען וואָלט זיך נאָך אונז געיאָגט.

אין קלייט מיט די קליינע פענסטערלעך אונטערן דאַך איז פינסטערלעך, ווי אין אַ קלויסטער. בײַ די ווענט און אין מיטן ליגן איינע אויף די אַנדערע גרויסע אויפגעבלאָזענע זעק האָפּן, וואָס לאָזן פון זיך אַ שטאַרקן ריח. איבער אַלץ טראָגט זיך אַ געמיש פון שטימען. עס פילט זיך, אַז דער מויער איז פול מיט מענטשן. מיר האָבן זיך אויסגעלייגט מיט אונזערע זאַכן אין אַ ווינקל און צוגעקייקלט אַ פּאָר זעק, אויף וועלכע מיר זעצן זיך אויס. אויך האָבן מיר אַ פּאָר קישנס. אין וועגעלע האָט מען אַרייַנגעלייגט מירעלען. און מאַמאַ וויגט זי איצט אײַן.

— מען דאַרף מאַכן פרישטיק פאַר די קינדער, הויבט די באָבע אָן צו סאַרווערן. זי זוכט אויס אַ פענדל, פאַרשווינדט ערגעץ אין קלייט, און קומט צוריק מיט וואַסער. נישטערט אין די ציכלעך, שלעפּט אַרויס קאַקאַאָ, צוקער, מילכיקע בולקעלעך, פאַרשפּרייט אַ פּאַפּיר אויף אַ קישן, און לייגט אַלץ אויף אים אַרויף. — באַלד, באַלד, קינדערלעך גיב איך אייך עסן — באַרואיקט זי אונז, אָנפּאָמפּענדיק דעם „פּרימוס”. אין אַ ווײַלע אַרום קאָכט אויף קאַקאַאָ אויף וואַסער (וואָרום קיין מילך איז נישטאָ), יעדער פון אונז קריגט אַ פול טעפּעלע מיט אַ בולקעלע. דער „פּרימוס” רוישט אנגענעם. אונז ווערט וואַרעם פון עסן, און מיר פאַרגעסן כמעט אָן דער שיסערײַ, וואָס געדויערט נאָך אַלץ. שפּעטער אַביסל קאָכן מיר אין דעם זעלבן פענדל מאַנע-גריטץ. ווען מיר ווערן זאַט, שאַרן מיר זיך ביסלעכווייז אַוועק פון מאַמאַ, וועלכע וויל נישט אַנדערש, אַז מיר זאָלן נישט אָפּטרעטן פון איר, און יעדעס מאָל, ווען ווער שטעלט אַ טריט, זאָגט זי:

— זייט דאָ, קינדערלעך, גייט נישט אַוועק פון מיר.

מישאַ האָט דער ערשטער זיך אויפגעהויבן און אַוועק טיפער אין קלייט. עטוואָס שפּעטער גיי איך אויך אָפּ, נאָר אויף אַ קלענער שטיקל, פון מאַמאַ, נאָך מיר רוקט זיך דאָד. אַזוי ציען מיר ביסלעכווייז אָפּ פון אונזער ווינקל.

אין קלייט זענען דאָ פיל פאַמיליעס אויסגעזעצט אויף די

האָפן, אויף קישנס. דערבײַ ליגן פּעקלעך, קערבלעך, בעטצײַג, געשיר, מאַשינקעס צום קאָכן, עסנוואַרג. איין משפּחה האָט אַפילו מיטגעבראַכט אַ סאַמאָוואַר, מען האַלט אין קאָכן, אין עסן, די וואָס זענען זאַט, שמועסן צווישן זיך.

אַז מיר זענען שוין ווײַט פון מאַמאַ, פּאַרײַניקן מיר זיך אינײנעם. אונדז ציט צום אָרט, וווּ אין אַ קרײַז שטייען די מענער און פירן אַ געשפּרעך. דאָרט שטייט אויך פּאַפּאַ.

— ווער האָט דאָס געקאָנט אויסרעכענען, אַז אונדז וועט אויך אויסקומען צו שמעקן פּולווער — קוועטשט מיט די פּלײ-צעס אַ דיקלעכער ייִד — אַזאַ מהלך פון גרענעץ און נאָ דיר אַוועק...

— איר געדענקט יענעם גענעראַל — רוקט זיך אַרײַן אין שמועס אַ מאָגערער בחור — ער האָט דאָך געשטעלט זײַן קאָפּ, אויב אין צוויי וואָכן צײַט וועט ער נישט עסן מיטאָג אין בערלין.

— נו, וואָס איז געוואָרן, האָט מען אים אַראָפּגענומען דעם קאָפּ? פרעגט עמעצער.

— אַ קאָפּ האָט ער דען? מישט זיך אַרײַן מיט כּעס אַן אַלטער — קעפּ האָבן זיי דען? ווען ווער פון זיי אַלעמען וואָלט געהאַט אַ קאָפּ, וואָלט עס געקומען צו אַזאַ שחיטה?

קיינער ענטפערט אים נישט. אין דער אַלגעמיינער שטיל-קייט הערן זיך נאָר די האַרמאַטן-קלעפּ, וואָס הילכן אָפּ אין די ווענט פון מויער. די שטימונג ווערט שווער. אין אַ ווינקל צע-בליפּעט זיך אַ קינד, די פרויען הייבן אָן צו רופן צו זיך די מענער. דער קרײַז צעגייט זיך. פּאַפּאַ נעמט אונדז און פירט אַוועק צוריק אויף אונדזער אָרט.

— צו וואָס דאַרפן זיי דאָס אַזוי לאַנג שיסן? — פרעגט אונדזערע אַ שכנה בײַ איר מאַן.

— ווי ווילסטו? — זיי זאָלן גלײַך אַרײַנשפּאַצירן אין שטאָט?

— איך וויל גאָרנישט. נאָר וואָס איז די פּעולה צו שיסן, די רוסן זענען דאָך סײַ-ווי-סײַ שוין אָפּגעטרעטן.

— דו מיינסט, אַז יענע וויסן, צי די רוסן האָבן אָפּ-געטרעטן, צי נישט אָפּגעטרעטן? און סתּם דאַרפֿן די דייטשן אָנשרעקן די שטאָט, כּדי מען זאָל זיך שפּעטער נישט בונטע-ווען.

— בונטעווען — ווער וועט זיך בונטעווען? — מורמלט די יידענע.

אַנטקעגן אונז זיצן צוויי פרויען און ווישן זיך אָפּט די אויגן. די עלטערע, ענלעך אויף דער באָבע, זיצט דעם קאָפּ אין די הענט און טענהט:

— אוי האָט זיך מיין קינד געמוזט אָנליידן, אוי האָט זיך מיין קינד געמוזט אָנשרעקן, אוי קינד מיינס... זי רעדט אַזוי ווי צו זיך אַליין, נאָר אירע ווערטער הערן זיך דייטלעך אַרום, און די יינגערע פרוי לעבן איר הויבט אויף אָן יעדע ווײלע איבערחזרן, אַזוי ווי פרעגנדיק און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער:

— ווו וועל איך ערשט אַהינקומען? צו וואָס טויג מיר מיין לעבן? מאָטל מיינער! בעסער וואָלט מיך די קויל גע-טראָפן.

— מאַמאַ, פאַרוואָס וויינען זיי? — גיט דודקע אַ פרעג.
— איר זון האָט מען געהרגעט אויף דער מלחמה — ענטפערט אים מאַמאַ. — און די יונגע איז אירע אַ טאָכטער? — פרעגט ער ווייטער. — ניין, אַ שנור. — וואָס איז דאָס אַ שנור? — וויל דאָד ווייטער וויסן. — לאָז מיך צורו. מען האָט גע-הרגעט איר מאַן, טוט איר ווי דאָס האַרץ.

מישא וויל דודקען ערקלערן, וואָס אַזוינס איז אַ שנור, נאָר גאָר נאָענט פון מויער דערלאַנגט אַ מעכטיקער זעץ, וועל-כער הויבט אונז אַלעמען אויף פון די ערטער. גלייך דערהערט זיך אַ קלונג פון צעבראָכן גלאָז. אין קלייט ווערט שטיל, אַז איינער הערט דעם אָטעם פון אַנדערן. מען קוקט זיך איבער בלאַסע און דערשראָקענע.

— מיר מעגן אַלע גומל בענטשן. וויפל האָט עס גע-

פעלט, זאָגט אַן אַלטיטשקער, זיך אַראָפּלאָזנדיק דער ערשטער אויף זיין אָרט.

— און וויפל, מיינט איר, פעלט עס איצט? — האַקט שאַרף אַריין אַ בחור. אַלע קעפּ דרייען זיך אומצופרידן אויס צום בחור, אָבער קיינער זאָגט גאָרנישט.

די שיסעריי וואַקסט און טראָגט זיך איינגאַנצן איבער אונ־זערע קעפּ, אַזוי ווי מען וואָלט דערטאַפּט אונזער באַהעלטעניש. אונז דוכט זיך, אַז די דייטשן באַשיסן נאָר אונז און די באָמ־בעס רייסן זיך אויף אַלץ נענטער און נענטער פון מויער, זיך פּאַרציעענדיק אַלץ ענגער אַרום אים, ווי אַ פייערדיקער שטריק אַרום אַ האַלז. ביי יעדן שטאַרקן קלאַפּ הויבט מאַמאַ אָן צו זוכן, כאָטש מיר געפינען זיך נעבן איר. איבער דער גאַנצער קלייט טראָגן זיך קולות „ווו ביסטו?" „ווו גייסטו?" „זיי דאָ".

— לייבעלע, רוק זיך אַרויף העכער. אָט אַזוי האַלט די פּיסלעך, זאָגט מאַמאַ, מיר מאַכנדיק באַקוועמער צו זיצן.

— דודל קרוין, ווילסט עסן? איך וועל דיר געבן אַ שטיקל בולקעלע.

— זיך, אסתר, איך וועל זיי שוין עסן געבן — הויבט זיך אויף די באָבע. זי צוטיילט אונז אַלעמען מילכיקן פּלאָדן, מיר גראַבלען פון דעם אַרויס די ראָזינקעס. מער קיין אַפּעטיט האָבן מיר נישט. מיר זיצן צוגעפּרעסט צו די ערטער. די האַר־מאַטן־קלעפּ שניידן זיך איין מיט אַ ווילדן גערויש אין דער לופט און רייסן זיך אַריין, ווי כוואַליעס פון ים, איינס אין אַנדערן. איך פיל, אַז מיטאַמאָל הויב איך זיך אָן צו שרעקן מער, ווי פריער. די אויפרייסן ציען זיך, ווי אַ קייט. פון איין שאָס ביזן צווייטן איז נישטאָ קיין געדויער, און דעריבער טראָגט זיך די שרעק אין מיר, וואָס איך כאַפּ פון איין דונער, צום צווייטן, און אַזוי זי נישט פאַרלירנדיק, וואַקסט זי אין מיר, ווי עס וואַקסט אַ הויפן שניי, וואָס מען קייקלט אין ווינ־טער, ווערנדיק אַלץ גרעסער און שווערער. איך פיל, ווי די שרעק דריקט מיך, און מיר דאַכט זיך, אַז באַלד וועט זי מיך גאָר איינגאַנצן צושפּאַרן אינעווייניק. איך קוק זיך אַרום, אַלע

זענען דאָ געוואָרן אַזוי איינגעהויקערט, און האַלטן די קעפּ, ווי מען וואָלט זיך איבער זיי פאַרמאָסטן מיט אַ בייטש. מיר ווילט זיך פאַרמאַכן די אויגן. מיר קומט אויס, אַז פון דעם וואָלט מיר גרינגער געוואָרן, אָבער איך קען זיך נישט באַשליסן דאָס צו טון, מאַמאַ קען נאָך מיינען, אַז מיר איז נישט גוט געוואָרן.

— בעסער וואָלט מיך געטראָפן די קויל — הויבט ווידער אָן די יונגע קעגן אונז, און די אַלטע ענטפערט איר גלייך מיט אַ כליפּען.

— עס וועט דאָ גאָר קיין ברעג נישט נעמען — הויבט זיך פּלוצלונג נערוועז אויף דער מאָגערער בחור, און לאָזט זיך שפּאַנען הין און צוריק איבער דער קלייט. איך קען נישט כאַפּן, אויף וואָס פאַראַ ברעג ער וואַרט, צי די פרויען זאָלן שטיל ווערן, צי די שיסעריי זאָל אויפהערן.

אַ געפערלעכער זעץ שטעלט אָפּ דעם בחור אין זיין גאַנג, אַ רגע מיינען מיר, אַז די ווענט פון קלייט צעפאַלן זיך און דער באַלקן לאָזט זיך אַראָפּ אויף אונז. אַלע האָבן זיך אַ שטעל געטון אויף די פיס, ווי גרייט צו לויפן. מאַמאַ האָט אַרויסגעכאַפּט מירעלען פון וויגעלע, פריידקע האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער באָבע, דאָס פענדל איז מיט אַ קלונג אַראָפּגעפאַלן פון „פּרימוס". פּאַפּאַ האָט אָנגענומען דודקען פאַר דער האַנט, און איידער מיר באַוויזן זיך צו באַרוהיקן, דערלאַנגט אַ צווייטער אויפרייס. אַלע שטעלן אַ פאָר טריט פאָרויס, די גאַנצע קלייט מענטשן האָבן זיך צונויפגעשפּאַרט אינאיינעם, עטלעכע קינדער וויינען אויפן קול. „גאָט זאָל אונז שומר ומציל זיין" — טראָגט זיך דורך אַ שטימע.

וואָס מען שטייט צוזאַמען, נאָענט איינער צום אַנדערן, ווערט מיר דושנע. אַרום מיר שטייען גרויסע מענטשן, און אַזוי ווי זיי זענען העכער פאַר מיר, פאַרשטעלן זיי מיר די לופט, די שיין, מיר הויבט אָן צו ווערן שווער, אַז מיר ווילט זיך שרייען מאַמאַ, איך שווייג אָבער, און זוך מיט די אויגן אונזעריקע.

מיטאמאל כאפ איך, אז די שיסערייי ווערט אן אנדערע, ווי זי וואלט אוועקגיין פון אונז. מיר ציטערן מער נישט אויף פון די קלעפ, אלע אטעמען שווער אפ, ווי נאך א לאנגן געלויף, און צורוקן זיך ביסלעכווייז אויף די פאריקע ערטער. מיר ווערט קילער, גערוימער, איך צי מיט פארגעניגן אויס די גלידער. די באבע הויבט אויף דאס פענדל פון דר'ערד און זאגט:

— דער אויבערשטער האט זיך דערבארעמט.

— די דייטשן מוזן שוין זיין אין שטאט — מאכט עמיצער א סברא.

— רויק... ווייזט פאפא פלוצלונג מיט דער האנט צו די הויכע פענסטערלעך פון קלייט. אלע הויבן אויף די קעפ צום באלקן. — מען דארף ארויסגיין זען, ווו עס ברענט, — זאגט ווייטער פאפא זייער אומרוהיק.

— עפנט! באפעלט א שטארק קול פון הינטער דער טיר.

— מען קלאפט... שפרינגען אלע צושראקן אויף, קיינער רירט זיך נישט פון ארט. מיטאמאל גיט זיך עמיצער א ריס צו דער טיר און עפנט. זי צעפראלט זיך אין ביידע זייטן, און אנטקעגן אונז באווייזן זיך דריי אויסגעשטרעקטע ביקסן.

— רוסישע זעלנער ארויס! קאמאנדעוועט א דייטש. — נישטא, נישטא, שרייט די גאנצע קלייט. די ביקסן לאזן זיך אראפ. דריי דייטשע סאלדאטן מארשירן אריין אינעווייניק. באקוקן אלעמען מיט חשד און ווארפן ארויסגייענדיק צו אונז:

— פארלאזט דעם מויער. איר קענט דא פארברענט ווערן. דורך דער צעעפנטער טיר זעען מיר, ווי איבערן גאנצן הימל, ווי איבער א פענסטער, הענגט און ציטערט אין ווינט א גרויסער פארהאנג פון פלאם און רויך.

— אוי, אוי, שרייען מיר אלע — וואס איז דארט?!

2. די שריפה

— אסתר, זאָגט פּאַפּע, צונעמענדיק מירעלען פון מאַמאַ.
קינדער! שרייט מאַמאַ. מאַמאַ! שרייט דודקע, אָנכאַפּנדיק זי פאַר אַ האַנט. לייבקע! שרייט מישא. מישא! שריי איך. באָבע! — רופט פריידקע. אַזוי, רופנדיק איינער דעם צווייטן, זיך געפינענדיק און זיך פאַרלירנדיק, שפּאַרן מיר אַרויס פון מויער. אַלע וואָס זיינען דאָ געווען, איילן זיך אַרויסצוגיין וואָס גיכער, און ביים אַרויסגאַנג ווערט אַ געדראַנג, מען קוועטשט מיך אַזוי צוזאַמען, אַז איך קוויטשע. נאָר עס געדויערט אַ פּאָר רגעס, און מיר זיינען שוין אין דרויסן. ווו איז די באָבע? די באָבע? באַלד דערווייזט זי זיך אויך, שטופּנדיק פאַר זיך מירעלעס וועגעלע.

— גייט צום שטוב — ווענדעט זיך פּאַפּע צו אונז, איך וועל אונטערקומען, מען מוז זען וואָס אַרויסצוראַטעווען פון קלייט.

— ניין, ניין — האַקט אים איבער מאַמאַ, לאָז אונז נישט אַליין.

פּאַפּע ענטפערט נישט און לאָזט זיך אין דער ריכטונג פון מאַרק, ווו אין געמויערטן צייל געפינט זיך אונזער שניט-קראָם.

הירשל, ווו גייסטו! — שרייט אים מאַמאַ נאָך, מען דאַרף נישט, הירשל! פּאַפּע קוקט זיך אָבער נישט אום און ווערט פאַרשווונדן הינטערן ראָג.

מיר בלייבן שטיין צעטומלט אַרום וועגעלע. נאָך דער טונקעלער קלייט בלענדט אונז דאָס ליכט פון זוניקן טאָג. קיין

שיסערייַ הערט זיך שוין כּמעט נישט. אויסער איינצלנע פאַר־שפּעטיקטע שאָסן, וואָס שפּרינגען ווײַלעווייז דורך דער לופט. אונז כּאַפּט אַרום אַ קרעפּטיק ווינטל. די שרעק פאַר דער באָמ־באַרדירונג, וואָס האָט זיך שוין געהאַט טיף איינגענאָגט אין אונז, איז פאַרשוווּנדן, אָבער מיר זײַנען שוין באַהערשט פון אַ נײַער אומרוהיקייט. מיר קוקן זיך אַרום, און דערזעען, אַז אונזער גאַס ברענט. מיר לויפן מיט אַלע כּוחות צו דער שטוב.

— פּאַפּע, פּאַפּע, ווו איז ער אַוועק... הערט נישט אויף מאַמאַ צו חזרן אין וועג. וואָס נענטער מיר קומען, אַלץ מער דערפילן מיר אַ וואַרעמקייט, וואָס טראָגט אויף אונז, ווי פון אַן אָפענעם אויוון. עס ברענען שוין די שכנותדיקע הויפן. מענטשן פאַרשטעלן אונז דעם וועג, לויפנדיק מיט קולות אין אַלע זײַטן; פאַרסאָפּעטע און מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם, בלײַבן מיר פאַר די טירן פון אונזער שטוב.

פון אַ דערבײַיאיק הויז לויפט אַרויס אַ נידעריק יידל. איך קען אים. דאָס איז בערל דער שוסטער, וואָס רימט זיך, אַז אין זײַן גאַנצן לעבן האָט נאָך נישט פּאַסירט, אַז צו־ליב אים זאָל אַ ייִנגל בלײַבן אין חדר נישט געגאַנגען. „ווען די מאַמע זאָל נישט ברענגען פאַריכטן זײַנע שיכלעך, מעג עס זײַן האַלבע נאַכט, וועט ער זיי האָבן מאָרגן פרי".

— יידן, העלפט ראַטעווען אַ קישעלע! — שטרעקט בערל צו אַלעמען די הענט, רײַסט זיך עטלעכע מאָל אַרײַן אין שטוב, ווו עס ברענט שוין דער דאַך, וואַרפט דורכן פענסטער צו זײַן ווײַב מיט די קינדער אַ פּאָר פּעקלעך, לויפט אַרויס מיט אַ שווערן זאַק, לאָזט אים האַסטיק אַראָפּ אויף דער ערד, און וויל זיך לאָזן גלײַך נאָך אַמאָל, נאָר דאָס ווײַב כּאַפּט אים אָן פאַרן רעקל און ציט אים צו זיך:

— האָב רחמנות אויף דײַנע קינדער! וווּהין לויפסטו?

בערל בלײַבט שטיין, כּאַפּט זיך מיט בײדע הענט פאַרן קאָפּ, זײַן ווײַב האַלט אים נאָך אַלץ פאַרן רעקל. אויף דער צווייטער האַנט האַלט זי איר קינד, אַ צווייט קינד האָט מיט די הענטלעך אַרומגעכאַפּט אירע פיס, לעבן זיי אויף דער ערד

וואַלגערן זיך עטלעכע פעקלעך, און פאַר זיי ברענט שוין זייער שטיבל.

— איך בין דאָך משוגע – רופט אויס די באָבע — מען קען דאָך נאָך וואָס ראַטעווען! און די באָבע, אין איר לאַנג קלייד, וואָס פאַלט אין אַ קנייטש אויף דער ערד, לויפט אַריין אין שטוב און באַווייזט זיך אין אַ מינוט אַרום מיט אַ גרויסער פערענע. איין בערג איז פאַרקוועטשט אונטערן אָרעם, די איבעריקע הענגען אַראָפּ און וויקלען איין די טונקעלע באָבע, ווי אַ וואָלקן. זי וואַרפט אַוועק די פערענע און לויפט צוריק. — מאַמע, שרייט מאַמא צו דער באָבן – איך דאַרף דאָס נישט, איך דאַרף שוין קיין זאַך נישט — לאָז דאָס אַלץ ברענען... די באָבע פאַרשווינדט, און גלייך באַווייזט זי זיך מיט צוויי קישנס, וועלכע זי האַלט פאַר זיך פעסט צוגעדריקט צו דער ברוסט. די טיר איז צו שמאָל, און די באָבע דריקט זיך דורך מיט כּוח, אין העלפט וועג צו אונז וואַרפט זי אַוועק די קישנס, און איילט ווידער און שטוב. פריידקע לאָזט זיך נאָך דער באָבן. וואָס איז? פרעגט מאַמאַ. פריידקע כאַפּט אַ קישן און שלעפּט צום אָרט, וווּ מיר שטייען. איך מיט מישאַן לויפן צום צווייטן קישן. דודקע וויל אונז נאָכטון, אָבער מאַמאַ האַלט אים פעסט ביי דער האַנט: „בלייב דאָ, זיי מיט מיר". באַלד וואַרפט די באָבע אַרויס אַ גאַנצן קנויל זאַכן אין אַ קאָלדרע, וועלכע צעעפנט זיך, יעדער פון אונז בלייבט מיט אַ ביסל בגדים און וועש און לויפט מיט דעם צו מאַמאַ.

— קינדער, קינדער, וואָס וועלן מיר שוין טון מיט דעם... לאָז עס ברענען, וויינט מאַמאַ. די באָבע איז האַסטיק, ווי אַ ווינט. זי קען שוין אָבער קיין זאַך נישט באַווייזן. נאָך אַ קישן לאָזט זי אַראָפּ אויף דער שוועל. מיר כאַפּן אים זאַלבעדריט מיטאַמאָל, נאָר אַזוי ווי איינער שטערט דעם צווייטן, לאָזט יעדער אָפּ, ביז פריידקע שלעפּט אים אַוועק פון אָרט, באַלד לויפט די באָבע אַרויס מיט ליידיקע הענט. — קינדער, איר וועט פאַרברענט ווערן. — רייסט זיך מאַמאַ צו אונז. די

באָבע הויבט אויף דעם קאָפּ צום דאַך. קערט זיך אום צו אונדז און זאָגט:

— קומט, קינדערלעך, קומט פון דאַנען — און מיר אַלע קלייבן צוריק זיך צונויף אַרום וועגעלע.

די שכנותדיקע הייזער שטייען שוין אינגאַנצן אין פייער. דער ווינט איז געוואָרן זייער שטאַרק און יאָגט זיעם גאַנצן פלאַם אין אונזער זייט. עס געדויערט אַ פּאָר מינוט, און אונזער שטוב צינדט זיך אָן, אַזוי ווי אַ שייטל האָלץ, וואָס מען וואַרפט אַריין אין אַ ברענענדיקן אויוון. דאָס פייער פרעסט מיט אַ שרעקלעכער שנעלקייט, און נאָך נישט אַראָפּשלינגענדיק איין ביסן, נעמט עס זיך שוין צו אַ נייעם. אין איין פענסטער ווערט מיטאַמאָל ליכטיק. אין די ווייסע פאָרהאַנגען אויף די פענסטער הויבן זיך אָן דורכוועבן רויטלעכע פעדים. באַלד ווערן זיי שוואַרץ, און די גאַרדינען פאַרשווינדן אינגאַנצן. אין אַלע פענסטער ווערט זעלטן ליכטיק. עס זעט אויס, ווי אינע-ווייניק, ביי אונז אין שטוב, וואָלט פאָרגעקומען אַ גרויסע שמחה. מיטאַמאָל טוט אַ פּלאַץ גלאָז, און דורך די שויבן, ווי לויט אַ באַפעל, גיסט זיך אַרויס אַ פייער, ווערט פאַרטונקלט אין אייגענעם רויך. דאָס פייער גיסט זיך אויף די הילצערנע ווענט פון הויז, דאָס האָלץ הויבט אָן גליען, ווי קוילן, און ברענען מיט אַ פלאַם.

די נאָענטע צום פייער שטייט די באָבע, דעם קאָפּ אַראָפּ-געבויגן צו דער ערד. ווען די אויבערשטע ראַם פון פענסטער האָט זיך אָפּגעריסן מיט אַ טראַסק, און פריידקע האָט אַ געשריי געגעבן, האָט די באָבע זיך גיך אַ קער געטון צו אונז. איך האָב דערזען, אַז איר פּנים איז נאַס, אירע אויגן זיינען פול מיט טרערן, און אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ דאָס פייער, וואָס פאַרצוקט אונזער היים. מיר איז אויך שווער, זעענדיק, ווי דאָס פייער וויקלט אַלץ מער איין אונזער שטוב און לאָזט קיין זאַך נישט איבער. דאַד, מיט גרויסע צעשראָקענע אויגן, האַלט זיי אין איין אַריבערפירן פון אונזער שטוב, וואָס ברענט, צו יעדערן פון אונז, אַזוי ווי עס וואָלט אים עפּעס נישט קלאָר

געוועןּ. ער וויל געוויס וואָס פרעגן, אָבער ער פילט, דאָס ערשט איז נישט די צייט. שטייט ער דערשראָקן פון דעם, וואָס עס קומט פאָר, און דערשלאָגן פון דעם, וואָס ער פאַר־שטייט נישט. מירעלע צעוויינט זיך. „שאַ, שאַ, מיידעלע מיינס, נאַ, נאַ", וויגט זי מאַמע אויף די הענט, איר געבנדיק די טוס־קע אין מויל. מירעלע פאַרקייכט זיך. די טוסקע פאַלט אַרויס פון מויל, און דער געוויין ווערט שטאַרקער.

אונזער שטוב פרעגלט זיך שוין אין גאַנצן אין פייער. אין הויף ביי דער קלייט איז געלעגן אין אַ טורעם אָנגעגרייט אויף ווינטער האָלץ. איצט ברענט דאָס שוין מיט אַלעמען, טרוקענע בערעזע האָלץ ברענט מיט אַ קנאַק. מיר דוכט זיך, אַז די שטוב שרייט, קרעכצט, און אַלץ וואָס עס איז נאָר דאָ אין איר, ראַנגלט זיך מיטן פייער. אויף אונז טראָגט אַ היץ פון אַלע זייטן. איך פיל, ווי מיר ווערט שווערער און הייסער. אַ ווײַלע טראַכט איך, אַז באַלד וועט דאָס פייער אָנצינדן אויך אונז, אונז אַלעמען, מיטן וועגעלע און מיט די עטלעכע קישנס אַלץ וועט פאַרברענט ווערן, אַפילו די ערד אַרום אונז.

וואָס איז מיט פאַפען? פאַרוואָס איז ער נאָך נישטאָ? הויבט אָן ווידער מאַמאַ, אוי, ער ווייסט גאָרנישט פון גאַנצן אומגליק...

דאָד האָט שוין עטלעכע מאָל זיך אָנגענומען פאַרן וועגעלע. ער מוז זיך פילן שלעכט, קיינער קוקט אָבער נישט אויף אים. ווען ער דערפילט מיינע אויגן, דרייט ער צו מיר אויס דעם קאָפּ און זאָגט: „עס וועט אינגאַנצן אָפּברענען"... און איך ווייס נישט, צי ער פרעגט, אויב עס וועט אינגאַנצן אָפּברענען, צי ער זאָגט, אַז אַלץ וועט אָפּברענען.

אונזער שטוב הויבט זיך אָן צו וויגן און צעעפנט זיך, ווי אַ געשוויר. עס גיט אַ שפּאַר צום הימל רויך און פייער, דער ווינט הויבט אונטער און צעטראָגט אין אַלע זייטן ברע־נענדיקע פּאַפּיר און פונקען.

— לאָמיר אַוועקגיין פון דאַנען — בעט זיך מאַמאַ ביי דער באָבען. די באָבע ענטפערט אָבער, אַז מען מוז וואַרטן אויף

פּאַפּען. שטיין אויפן זעלביקן אָרט איז איבער דער היץ אומ־מעגלעך, מיר רוקן זיך הינטערווײַלעך מיט אַלע אונזערע זאַכן, אָבער ווײַט קאָן מען זיך נישט רוקן, וואָרום דער קעגנדיקער טראָטואַר ברענט שוין אויך. עס ברענט שוין אומעטום. אַלע גאַסן און געסלעך אַרום פּלאַקערן. יעדע שטוב ברענט באַזונדער און אַלע ברענען אינאיינעם, אַפילו אונזער באַהעלטעניש, דער מויער, איז שוין אויך פול מיט פלאַמען. אַ שרעקלעכער רעש שטייט איבער דער שטאָט. עס ברעכן זיך ווענט, עס פּלאַצט גלאָז, עס קנאַקן פונקן, מענטשן לויפן, שרייען, וואַרפן פּעקלעך אונטער די פיס. מיר שטייען און ווייסן נישט וואָס צו טון, וואוהין צו גיין. מיר שטייען אין אַ ברענענדיקן קרייז און האָבן מורא זיך צו רירן פון אָרט. פּאַפּע זאָל אונז נישט טרעפן, קען ער מיינען, אַז מיר זײַנען פאַרברענט געוואָרן, און סתם וועט זיין אַנאַכדעם שווער זיך צו געפינען.

פּאַפּע! פּאַפּע! רופן מיר אַלע אויס. מיר האָבן גאָרנישט באַמערקט, ווי ער איז צוגעקומען. ער וואַרפט אַ האַסטיקן בליק אויף אונזער שטוב, וואָס ברענט שוין אין אַ צוזאַמענגע־פאַלענער קופּע. — איך האָב אַרויסגעקײַקלט עטלעכע ראָגאָזשעס שניט אויפן מאַרק־פּלאַץ — קערט ער זיך אום צו אונז — אַלנפאַלס וועט דאָס בלײַבן, אויב די קראָם זאָל זיך אָנצינדן.

— הירשל, זע — ווײַזט מאַמאַ אויף אונזער שטוב, זע, וואָס עס איז געוואָרן פון אַלץ... — נישטאָ שוין וואָס אַהין צו קוקן — ענטפערט פּאַפּאַ — מען דאַרף גיין פון דאַנען.

— אַוודאי – כאַפּט אונטער די באָבע און הויבט אָן שטופּן אין וועגעלע די זאַכן, וואָס ליגן אויף דער ערד.

איך וואָלט גאָר קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז אין מירע־לעס וועגעלע קען מען אַזויפיל אָנלייגן: אַ קליין קישעלע, אַ פּערינקע, אַ „פּרימוס", דאָס פענדל, אַ ציכל, אין וועלכן עס ליגן אונזערע זילבערנע לעפל און כוסות, אַ צווייט ציכל מיט מילכיק געבעקס, אַ גראַפין וואַסער, אַ פלעשעלע וואַלעריאַן, אַ צווייט פלעשעלע פּעפּערמינץ און אַ טיטל האַרט צוקער און צוויי גרויסע קישנס.

— וווהין גייען מיר? — פרעגט מיטאַמאָל פּאַפּע, און גלייך צוגעבנדיק: „וואַרט אַ ביסל, איך מוז זען אַן אָרט", איילט ער גיך אַוועק. „איך קום גלייך צוריק" — וואַרפט ער אונז צו פון גאַנג. מיר קוקן אים נאָך. ער גייט צום ווינקל, ווייל גיין אַראָפּ גאַס, און ווי זיך וואָס דערמאָנענדיק, פאַרקירעוועט ער זיך אויף לינקס, און גלייך חרטה קריגנדיק, גייט ער אַוועק רעכטס.

מיר וואַרטן שווייגנדיק. אונזער שטוב איז שוין פאַרמאַטערט און ברענט שוואַכער. אַלץ דייטלעכער און דייטלעכער הויבן אָן אַרויסצוקריכן די אויוונס. ביידע אויוונס שטייען איצט אַזוי נאָענט איינער צום אַנדערן. אין דער אמתן געפינט זיך דאָך דער אויוון מיטן פּליט אין קיך, און דער צווייטער מיט די ווייסע קאַכלעס אין עסצימער, און נישט נאָר אין עסצימער, נאָר אויך אין די איבעריקע צימערן קומען אַריין זיינע ווענט. איך פאַרשטיי נישט, ווו זענען איינגעזונקען געוואָרן אַלע אונזערע צימערן...

— ווו וועט ער שוין וואָס געפינען — רעדט שטיל מאַמאַ — מיר וועלן שוין בלייבן אָן אַ דאַך אויפן קאָפּ...

מיר האָבן שוין כמעט פאַרגעסן אָן אונזער הויז, וואָס איז שוין באַלד ווי נישטאָ. דאָס הויז ברענט ערשט נידעריק, איינגעפרעסט אין דר'ערד, און עס זעט אויס, ווי די ערד אויף דעם אָרט ברענט מיט... מיר וואַרטן אומגעדולדיק אויף פּאַפּן און קוקן נאָכאַנאַנד אין דער ריכטונג, ווו ער איז פאַרשוווּנדן. ווי לאַנג איז שוין, ווי פּאַפּע איז אַוועק זוכן פאַר אונז אַן אָרט, דאָס ווייסן מיר נישט. מיר שטייען אויף די פיס, מיר זיינען מיד. אונז דורשט. מיר שטייען אָבער, ווי צוגעשמידטע צום אָרט, און וואַרטן.

אונזערע שכנים, נשרפים ווי מיר, פאַרלאָזן משפּחהווייז דעם פּלאַץ. זיי נעמען מיט מיט זיך דאָס ביסל אָפּגעראַטעוועטע זאַכן, נאָר דאָ און דאָרט לאָזט מען איבער אַ פּעקל, אַ כּלי, וואָס מען האָט אין האַסט אַרויסגעכאַפּט פון פייער און דערנאָך זיך געכאַפּט, אַז דאָס האָט געמעגט ברענען, אַז עס

איז נישט נוציק און עס איז נישטאָ וווהין מיט דעם זיך צו שלעפן. „דאָס אַרויסגעכאַפּט, און דעם מאַנטל פאַרברענען געלאָזט, ווו איז מיין קאָפּ געווען?"... נאָר דער ברוק, איינגעפּאַסט פון ביידע זייטן אין ציגעלנע טראָטואַרן, איז נישט גערירט. אָבער ער איז אויך היינט נישט דערזעלבער, אין דער שעה פלעגט אַ געשניצטער שאָטן זיך ציען איבער אים ביז אין דער העלפט פון גאַס. איצט גליט די זון פראַנק און פריי די שטיינער — דער שאָטן איז אַוועק מיט די הייזער.

ביים עק גאַס, ווו אַלע פיר ווינקלען זענען מויערן און דריי פון זיי רויכערן זיך ערשט פּוסטע, אויסגעסמאָטשקעטע פון פייער, האָט דעם פערטן נישט געשאַט. דער ווינט האָט אים איבערגעהיפּט און אַוועקגעפירט דאָס פייער אין אַן אַנדער זייט. ציען זיך נאָך אים אַ שנור הייזער פּולע, ווי פּערל, און הינטער זיי זעען זיך פון ווייטן די בלעכענע דעכער פון געמויערטן צייל, ווו עס געפינט זיך אונזער קראָם. אַ שטיקל ווייטער ברענט ווידער, און פון דאָרט ציט זיך צום הימל אַ שוואַרצער רויך, ווי טינט. דער רויך צוציט זיך וואָס העכער אַלץ שמעלער און דינער, ווי ער וואָלט עפּעס וואָס געשריבן אין די וואָלקנס.

ווען פּאַפּאַ האָט זיך אומגעקערט און אָנגעזאָגט, אַז עס איז דאָ פאַר אונז אַן אָרט, זענען מיר געוואָרן מונטער און זיך אָנגעהויבן צו איילן. מיר האָבן צוטיילט צווישן זיך די זאַכן. דעם גאַנצן קנויל בגדים און וועש האָט מען איינגעבונדן אין אַ קאָלדרע און אַ העלפט אין אַ ליילעך. יעדער האָט געקריגן זיין פּאַק, נאָר איך מיט דאָדקען האָבן גענומען בשותפות די קאָלדרע. מיר קוקן זיך אַרום. ביידע אויוונס שטייען איינזאַם אויפן קבר פון אונזער שטוב. מער האָבן מיר דאָ נישט וואָס צו טון. מיר רירן זיך אין וועג.

מיר גייען אַרויף אויף אַ ברייטע גאַס, ווו אַלע הייזער זיינען געמויערטע. זיי ציען זיך אַזוי מאָדנע מיט זייערע פענסטער און טירן, דורך וועלכע עס לייכט ערשט דורך דער הימל. מיר גייען פּאַזע ברוק און רינשטאָק, ווייל פון די

חורבות רייסן זיך אָפּט אָפּ ציגל און פאַלן אויפן טראָטואַר. באַלד דאַרפן מיר איבערשניידן די גאַס. פאַר אונז אָבער וואַקסט אויס אַ שטראָם פון פערד, סאָלדאַטן און האַרמאַטן. צו עטלעכע פּאָר ציען זיך פערד, איינגעשפּאַנט איינע אין די אַנדערע און אַלע צום האַרמאַט. אויפן האַרמאַט און אויף די פערד זיצן דייטשע סאָלדאַטן. מיר קומט אויס קאָמיש, וואָס אַזוי פיל גראָבע פערד שלעפּן עפּעס אַ כּלי, וואָס זעט גאָר־נישט אויס צו זיין שווער. קאָמיש זיינען אויך די סאָלדאַטן, וואָס רייטן אויף איינגעשפּאַנטע פערד. מיר זיינען געצוווּנגען זיך אָפּצושטעלן. איך און דאָד לאָזן אָפּ אונזער פּאַק. מישא בייגט זיך איין ביז די קני און לאָזט אויך אַראָפּ זיין משא פון רוקן. מיר וואַרטן לאַנג, און די סאָלדאַטן מיטן געווער ציען זיך אָן אַ סוף. מיר דוכט זיך, אַז זיי ציען זיך אַלץ דיזעלבע, אין אַ ראָד, וואָס וועט זיך קיינמאָל נישט איבער־רייסן. מאַמע הויבט זיך אָן צו שרעקן, מען זאָל דערווייל נישט פאַרנעמען אונזער ניי אָרט. די באָבע רוקט זיך פאָרויס און שטייט שוין האַרט ביי די פערד. ווען צווישן עק פון איין האַרמאַט און דעם שפּיץ פון די פערד, וואָס שלעפּן אַ צווייטן, באַווייזט זיך אַ שטיקל פּלאַץ, נעמט די באָבע געשווינד, ווי עס איז נאָר מעגלעך מיט איר לאַנגן קלייד און פאַרנומענע הענט, דורכלויפן דאָס פרייע אָרט. פריידקע מיטן קישן רייסט זיך דורך נאָך איר. מאַמע, וואָס טוסטו? — שרייט אויס מאַ־מאַ, אָבער זיי זיינען שוין ביידע אויף יענער זייט גאַס. איי־ניקע סאָלדאַטן קוקן אויף אונז אַראָפּ פון די פערד. מיר וואַרטן, עס זאָל פריי ווערן דער וועג. איצט זיינען מיר צעשיידט פון פריידקען און דער באָבען, ווי מיט אַ טייך. ענדלעך דערזעען מיר דעם עק פון דער קאָלאָנע. מיר לאָזן זיך מיט אימפּעט איבערן ברוק, נאָר באַלד באַווייזט זיך אַ נייע מחנה רייטער, וואָס באַוועגן זיך אויף אונז. צעטומלטע ווילן מיר אָפּטרעטן, נאָר דער ערשטער רייטער הויבט זיך אויף אין זאָטל און מאַכט מיט דער האַנט אַ צייכן. דער גאַנצער שטראָם פאַרהאַלט זיך. מיר פאַרלירן זיך אויף אַ רגע, נאָר גלייך קומען מיר צו־

זיך, און אין אַ ווײַלע אַרום זײַנען מיר שוין אַלע אינײַנעם.

מיר גייען אַרויס אויפֿן מאַרק־פּלאַץ. ער זעט זיך אײַנ־גאַנצן פֿון בריקל פֿון אונזער געשעפֿט, און איך קען אים אַזוי גוט, ווי אונזער גאַס. אין אַ מאַרק־טאָג איז ער פֿול מיט פֿורן, וואָס שטייען מיט אויפֿגעהויבענע אָגלאָבלעס. די פֿערד, פֿון הינטן, האַלטן די קעפּ אין די וואָגנס, ציען פֿון דאָרט היי און מאַלן עס לאַנגזאַם אויף די ציין. אין אַן אויסגע־שפּאַנטער פֿור זיצט אַ גויע און לויבט הויך איר הון פֿאַר אַ יידענע. די יידענע נעמט אָן אַ מויל לופֿט, פֿון וואָס אירע באַקן בלאָזן זיך אָן, ווי אַ פּענכער, און לאָזט עס מיט אַ שטראָם אויף דעם הינדל. די פּעדערן צוטיילן זיך אין איין אָרט, אין אַ צווייטן. די קונהטע זעט, די הויט איז געל, צי בלוי, און שאַצט, וויפֿל שמאַלץ עס קען אַרײַנטראָגן. פֿון אַ צווייטער פֿור שרייט אַ גאַנז, בײַ וועלכער מען זוכט קניידלעך אונטער די פֿליגלען. אַ פּויער זאָגט צו, אַז די בולקעס וועלן זײַן מעליק. אַ ייד שווערט, אַז זײַנע נאָגענעס זענען ביליק און גוט. עס קוויטשעט אַ חזיר. קרעמער פֿאַררופֿן די פּויערן אין די געשעפֿטן. אויפֿן מאַרק איז ענג. עס שמעקט מיט פֿערדיש מיסט.

הײַנט איז דאָ גאָר אַן אַנדער יאַריד. איבערן גאַנצן פּלאַץ שטייען קופּקעס ביקסן, אָנגעשפּאַרט איינער אָן אַנדערן, ווי גאַרבן. וואָס מען טריקנט אויף דער זון. בײַ די ביקסן אויף ראַנצן, פּעקלעך אָדער סתם אויף די שטיינער וואַלגערן זיך סאָלדאַטן מיטן פּנים צו דער ברענענדיקער זון, זיצן, עסן אָדער זופּן פֿון פּלעשלעך. בײַ די ברעגעס, נאָענטער צו די טראָטואַרן, זײַנען אָנגעוואָרפֿן פּעק סחורה, פּעסלעך הערינג, פֿושקעס אַרויסגעשלעפּטע אין דער לעצטער מינוט פֿון דער שריפֿה, און צווישן דעם אַלעם ליגן צוויי פֿערד מיט צעריסע־נע בײַכער, און אַרום זיי טראָגן זיך מחנות פֿליגן.

אויפֿן מאַרק איז דער געדראַנג אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט אונדז שוין עטלעכע מאָל צעטיילט. מענטשן וואָס זוכן זיך, רופֿן זיך, לויפֿן הין און הער. גרופּקעסווייז שלעפּן זיך

סאָלדאַטן, זיי שפּאַצירן געמיטלעך. אָט פּונקט אַזוי פלעגן מיר גיין פון חדר. מיר האָבן געוווסט, אַז די בעסטע צייט איז פאַר אונז דער גאַנג. אין שטוב וואַרטן אויף אונז די ביכער, וואָס מיר טראָגן מיט זיך, מאָרגן — פונדאַסניי דער חדר. נאָר אין גאַנג זענען מיר פריי. פלעגן מיר טאַקע שטעלן פּאַמעלעך די טריט, שמועסן צווישן זיך און האָבן הנאָה. די סאָלדאַטן רעדן הויך, שרייען שיער נישט, און ברעכן אָפּט אויס אין אַ געלעכטער. פון אַ צווייטן שטאָק פון אַ הויז, וואָס האָט זיך נישט לאַנג אָנגעכאַפּט, וואַרפט אַ בחור דורכן פענסטער אויפן טראָטואַר אַלץ וואָס עס קומט אים אונטער דער האַנט. אויפן ברוק שטייט אַ בעט, און אים ליגט אַ פרוי. זי פרווט יעדע ווײַלע אויפהויבן איר קאָפּ צום בחור, נאָר גלייך פאַלט ער אומבאַהאָלפן צוריק אויפן קישן. דריי יונגען אין העלע שינעלן שטעלן זיך אָפּ, באַקוקן אַ הילצערן הייזל, וואָס פלאַקערט ווי אַ בלאַט פּאַפּיר. „ווי שיין עס ברענט!" — שרייט איינער אויס.

— ווונדערבאַר! ווונדערבאַר!, כאַפּן אונטער מיט התפּעלות די איבעריקע. מיר מיידן זיי אויס און גייען ווייטער. פון ווייטן זעען מיר, ווי אין יענער זייט מאַרק שטייט נאָך גאַנץ אונזער קראָם, און נישט ווייט פון איר ליגן אויפן ברוק דריי גרויסע פּעק. דאָס איז אונזער סחורה.

ווען מיר שלעפּן זיך אַרויס פון מאַרק־פּלאַץ, זײַנען מיר זייער מיד. איך מיט דאָדקען האָבן זיך שוין אייניקע מאָל געביטן מיט די הענט. עס ווערט גרינגער, אָבער נישט אויף לאַנג. פון קאָלדרע סטאַרטשעט אַרויס אַן אַרבל פון אַ רעקל. סך־הכּל איז עס אַ פּעקל בגדים. טאָ וואָס איז עס געוואָרן אַזוי שווער? „מיר זײַנען שוין נישט ווייט" — זאָגט צו אונז פּאַפּאַ — און הויבט אָן שנעלער צו שטופּן דאָס וועגעלע.

די גאַס, דורך וועלכער מיר גייען איצט, און ווו עס האָט געוווינט די מומע דאָברע, איז אין גאַנצן אָפּגעברענט און כמעט שוין אָפּגעקילט. דער ווינט וויגט די נאַקעטע קוימענס, די אַרומגעגרייזשעטע פאַרשוואַרצטע קלעצער, וואָס דאָס

פייער האָט אין איילעניש פאַרגעסן אַראָפּשלינגען. עס שניידט די אויגן די שאַרפקייט, דער גלאַנץ, וואָס עס פאַרמאָגט ערשט די גאַס, און עס דוכט זיך, אַז אַלץ לעכצט נאָך וואַסער, כאָטש עס איז שוין שפּעט און וואַסער קען שוין נישט העלפן. די גאַס שרייט אָבער וואַסער! אַ רעגן! אַ רעגן, וואָס זאָל אַלץ דורכנעצן, אויסווייקן. די גאַס איז ליידיק, ווי אַ מדבר. מיר זיינען דאָ די איינציקע. מיר שלעפּן זיך מיטן וועגעלע מיט די פּעקלעך אין מיטן בּרוק, ווייל די טראָטואַרן זיינען פאַרלייגט מיט פאַרסמאַלעטע, פּאַגעלעס, ציגל, גלאָז און פאַרבּרענטע בּלעך. אויף אונזערע פאַרשוויצטע פּנימער לייגט זיך אַ שוואַרצער שטויבּ. ענדלעך קומען מיר צו אַ נישט געריטער גאַס. דורך אַן אָפענעם טויער פירט אונז פּאַפּאַ אַריין אין אַ סאָד, וווּ אונזערע פיס הויבּן אָן טרעטן אין גראָז, ווערן מיר אַלע מונטער. דאָס וועגעלע הערט אויף אונטערצושפּרינגען און שניידט ווייך מיט די רעדלעך אין דער ערד. אַ בּאַיאָרנטער מענטש קומט אונז אַנטקעגן, זאָגט אונז טרייסטווערטער און עפנט אונז די טירן פון אַן אָפּגעזונדערט שטיבּל, וואָס שטייט צווישן די בּוימער. מען הויבּט אַריבּער דאָס וועגעלע איבּער דער שוועל, און אַלע גייען אַריין אין הויז. איך מיט דאָדקען זיינען די לעצטע. אַזוי איז שטענדיק — איז נישטאָ קיין פרעמדער, זיינען מיר די ערשטע. אין קעגנוואַרט פון אַן אומבּאַקאַנטן האַלטן מיר זיך אָבער פון הינטן. דער אַלטער גיט אונז האָפענונג, אַז מיר וועלן נאָך אויפשטעלן אַ מויער. בּאַלד לאָזט ער אונז אַליין.

דאָס גאַנצע שטיבּל בּאַשטייט פון איין צימער מיט אַ קיך. מיר בּאַקוקן דאָס קנאַפּע מעבּל, וואָס געפינט זיך אין צימער. אַ בּרייט בּעט, אַ טיש, אַ קליינע סאָפקע, עטלעכע ווייכע נעבּעכדיקע שטולן, אַ קאָמאָד. די בּאָבּע בּאַפרייט דאָס וועגעלע, ווו מאַמאַ, ווען עס טוען שוין ווי די ה ז, לייגט אַריין מירעלען. די בּאָבּע פּאָרעט זיך אַרום אונזערע זאַכן.

אין צימער איז טונקל און פול מיט שאָטנס פון די

אַרומיקע בוימער. דאָ קומט דער אָוונט פריער, ווי אומעטום. די באָבע איז אַרויס ביי אַ שכנה זוכן אַ לאָמפּ. פּאַפּאַ ער־קלערט מאַמאַ, דאָס ער מוז אומבאַדינגט גיין זען, וואָס עס הערט זיך מיט דער קראָם, און זאָגט צו גלייך זיך אומצו־קערן.

— עס כאָטש וואָס אָפּ — בעט אים מאַמאַ.

— איך האָב שוין געגעסן — ענטפערט פּאַפּאַ, און גייט צו דער טיר. ער האָט געהאַט אַ טעות, טראַכט איך — ווען האָט ער געקענט עסן?

— הירשל! זוים זיך נישט, שרייט מאַמאַ נאָך פּאַפּאַן, עפנדיק נאָך אים די טיר. מיר, קינדער, קריכן אַריין אין בעט. מיר טוען ווי די פיס. דאָדקע באַקלאָגט זיך אויף די פּלייצעס. מאַמאַ באַרואיקט אים, אַז באַלד וועט איבערגיין. מישא בורטשעט אונטער. פריידקען איז קאַלט. די באָבע צינדט אָן אויפן קאָמאָד אַ קליין גאַז־לעמפּל מיט אַ פאַררויכערטן צעלענדער. ער פּינטלט אַ ווײַלע, דערנאָך ברענט ער רוהיק, פאַרשפּרייטנדיק אין צימער אַ שוואַכע דריקנדע שיין. מירעלע שלאָפט רואיק אין וועגעלע, און מאַמאַ זעצט זיך צו אויף אונ־זער בעט. — באַלד וועט קומען פּאַפּאַ, מען וועט מאַכן עסן, רעדט זי צו אונז, ציט אויס די פיסעלעך. אָט אַזוי. זי ציט אַראָפּ פון דאָדקען די שיכלעך, די זאָקן, נעמט אין די הענט זיינע פיסלעך, וואַרעמט זיי: פאַרפרוירן, פאַרפרוירן מיין ייִנ־געלע...

— מאַמאַ, פאַרוואָס איז נאָך פּאַפּאַ נישטאָ? פרעגט פריידקע פּלוצלונג.

— טאַקע, פּאַפּאַ איז נאָך אַלץ נישטאָ — דערמאָנט זיך מאַמאַ. זי הויבט זיך אויף, קוקט אין פענסטער, ווו עס זעט זיך נאָר אַ טונקעלע וואַנט פון בוימער, גייט צו דער טיר און קומט צוריק צו אונז. — צו וואָס האָב איך אים אָוועקגעלאָזן? מאָנט זי אַלץ ביי דער באָבע.

די באָבע, וואָס האָט שוין צוויי מאָל געזאָגט: „וואָס ווילסטו, ער וועט באַלד קומען“, שטייט אויף, מאַכט צורעכט

דאָס טיכל אויפן קאָפּ און מיט די ווערטער „איך גיי אים רופן" וויל זי אַרויסגיין.

— מאַמע, דו גייסט אויך אַוועק... ווו וועסטו אים געפינען — שטעלט זי אָפּ מאַמאַ. זיץ, גיי נישט, איך בלייב נישט אַליין.

— זיי נישט קיין קינד, אסתּר, איך קום גלייך מיט הירשלען — זאָגט געלאַסן די באָבע, און פאַרשווינדט.

מיר זיצן לאַנג אין אומרוהיקער וואַרטעניש. מיר האָבן נישט קיין זייגער. מיר ווייסן נישט, ווי לאַנג איז, זינט פּאַפּאַ איז אַוועק, זינט די באָבע איז אים געגאַנגען זוכן. אונז שלעפערט. נאָר מאַמאַ גייט אַלץ זיך איינהערן בײַ דער טיר,

3. דײַטש

מען קלאַפּט אָן, און אײדער מיר באַװײַזן צו ענטפֿערן, עפֿנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן אַ הױכער דײַטש. מיר שפּרינגען שיִער ניט אױף פֿון שרעק. דאָס האָבן מיר זיך אַזױ דערשראָקן, װײַל מיר װאַרטן אױפֿן פּאַפּע און דער באָבען — און דאָ אַ דײַטשער זעלנער. דרױסן איז פֿינסטער און לײדיק. מיר זײַנען אַלײן. מאַמאַ האָט אַזש אױסגעשריִגן. דער סאָלדאַט בלײַבט שטײן בײַ דער טיר אין פֿאַרלעגנהײט, ער הױבט זיך אָן אַנטשולדיקן, װאָס ער האָט אונדז איבערגעשראָקן. ער האָט זיך לחלוטין ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז ער מיט זײַן אױסזען זאָל אַזױ װירקן. ער שטײט דאָ ניט װײַט מיט אַ לאַזאַרעט, האָט ער דערזען בײַ אונדז ליכט, און אַזױ װי די נאַכט גײט ער אַװעק נעענטער צו די פּאָזיציעס, האָט זיך אים פֿאַרװעלט אַרײַנגײן אױף עטלעכע מינוט אין אַ ציװיל הױז.

מאַמאַ שטײט נאָך אַלץ אַ בלאַסע, אַ צעציטערטע, און עס באַמערקנדיק, הױבט דער סאָלדאַט אָן זי בעטן, זי זאָל זיך באַרויִקן.

— איר זײַט אַזױ נערװעז, געערטע פֿרױ.

ער רעדט װײך, און מיר באַקומען צוטרױ צו אים. מאַמאַ גיט אים אַ שטול. ער זעצט זיך. לײגט אַרױף זײַנע הענט אױף די קני.

— איר זאָגט, איך בין נערװעז — הױבט מאַמאַ זיך אָן באַקלאָגן — מיר זײַנען דאָך ערשט געבליבן, װי די מאַמע האָט אונדז געהאַט. אַלץ איז הײַנט מיטן רױך אַװעק. מער װי

די פּאָר קישעלעך צו ראַטעווען נישט באַוויזן. איך אַליין בין ווי משוגע געווען. ווען נישט מיין מוטער, וואָלט איך אפילו אויף וואָס מיינע קינדער זאָלן קענען די קעפּלעך אָנשפּאַרן נישט געהאַט. קיין העמדל פאַר זיי האָב איך איצט נישט, אַלץ וואָס דאָ ליגט — ווייזט מאַמע אויף אונזערע פּעקלעך — איז זאַכן, וואָס ווער דאַרף זיי שוין. פון פינף אַזייגער באַגי-נען זיינען זיי שוין אויף — ווייזט זי ווייטער אויף אונז — וואָס מיר האָבן שוין היינט איבערגעלעבט! וואָס מיר האָבן זיך היינט אָנגעליטן! פון צרות און שרעק ליגן זיי אַזוי און קענען נישט איינשלאָפן — מיין מאַן האַלט אין איין היטן דאָס געשעפט און ווייסט גאָרנישט, וואָס פאַר אַ פּיין ער טוט אָן מיר און די קינדער מיט זיין אַוועקגיין. די מוטער איז אים זוכן געגאַנגען, און איצט שרעקט מיר דאָס האַרץ פאַר ביידן. אוי, די מלחמה... ווער דאַרף די מלחמה?

דער סאָלדאַט הערט זיך איין אָן באַוועגונג צו מאַמאַס רייד, און ווען זי ווערט אַנשוויגן, שאָקלט ער מיטן קאָפּ:

— וואָס קען מען מאַכן... ס'איז דאָך קריג... מען מוז זיך שטאַרקן, פרוי, וואָס ווייסט איר, וואָס יעדער פון אונז האָט זיך שוין אָנגעזען פאַר דער צייט, וואָס די מלחמה דויערט. גרוי קען מען פון דעם ווערן. איך בין אַליין אַ דאָקטאָר, מיין לאַזאַרעט גייט הארט מיטן פראָנט. מיר גיבן די אומגליקלעכע די ערשטע הילף. וויפל ליידן... היפל ליידן...

מירקע צעוויינט זיך. מאַמע גייט צו, מאַכט איר באַקווע-מער. אילע, ליולע, ליולינקע, וויגט מאַמע מירעלען, שלאָף, מיין טייערע גדולהנקע — מירעלע וויינט שוואַכער. מאַמע וויגט נאָך אַלץ: ליולע, ליולע, ליולינקע. ווו איז פּאַפּאַ? און ווייטער: אלע, ליולע, ליולינקע, עס איז דאָך שוין אַזוי שפּעט. מאַמאַ הערט אויף צו וויגן. גייט צום פענסטער, און קוקנדיק אין דער פינסטערער נאַכט אריין, זאָגט זי:

— ווו זיינען זיי ביידע? וואָס האָט דאָ געמוזט פּאַסירן?

דער סאָלדאַט נעמט אַרויס פון טאַש אַ פלעשעלע, בעט

אַ גלאָז וואַסער, ציילט אַריין אין דעם איינציקע טראָפּנס און גיט עס איבער מאַמאַ.

— נעמט, מאַדאַם, אַ פּאָר זופּן, דאָס וועט אייך באַרוהיקן.

מאַמאַ טרינקט עטוואָס אָפּ. דערנאָך גייט זי מיט דעם גלאָז אין האַנט צום בעט, און גיט יעדן פון אונז עטוואָס פון דעם שמעקנדיקן וואַסער.

— אין שטאָט איז רוהיק. איר דאַרפט זיך נישט שרעקן— ווענדעט זיך דער דייטש צו מאַמאַ – ווּהין, זאָגט איר, איז אייער מאַן געגאַנגען?

— איך ווייס? ענטפערט מאַמאַ, די קראַם היטן האָט ער געזאָגט. וואָס מען קאָן שוין דאָ אויסהיטן...

— אייער קראָם מוז דאָך נישט ווייט זיין, זאָגט מיר, ווי זי געפינט זיך, וועל איך גיין איבערגעבן אייעריקע, דאָס איר זייט אומרוהיק.

— אום גאָטס ווילן – באַדאַנקט מאַמאַ מיט הארץ — ווּהין וועט איר גיין, איר זעט אויס גענוג מיד. און ווי קען מען דאָ איצט וואָס טרעפן, איך וואָלט אַליין נישט געוווּסט דעם וועג. אַ בית עולם איז דאָך דאָ שוין, נישט קיין שטאָט.

— אָט גייט ער, אומזיסט מאַכסטו שרעק אָן — עפּנט פּלוצלונג די באָבע די טיר. זי דערזעט דעם זעלנער און ווערט גלייך שטיל, אים באַקוקנדיק מיט אומצוטרוי. דער דייטש קוקט אויף דער באָבען זייער פריינטלעך. ער הויבט זיך אויף פון זיין אָרט און בלייבט שטיין ביים שטול.

באַלד נאָך דער באָבען באַווייזט זיך פּאַפּע: — אסתר, וואָס... וויל ער וואָס זאָגן, נאָר באַמערקנדיק אַ פרעמדן, דער־ענדיקט ער נישט זיינע ווערטער און גיט אָפּ אַלעמען אַ גוטן אָוונט. דער סאָלדאַט אַליין ענטפערט אים.

מיר זיצן שוין אַלע אַרום טיש, וועלכן מען האָט צוגע־רוקט צום בעט. מאַמאַ זיצט מיט אונז אויפן בעט, פון דער אַנדער זייט טיש, אויף שטולן, זיצן פּאַפּע און דער סאָלדאַט, וואָס זאָגט, אַז ער איז אַ דאָקטאָר. אויפן „פּרימוס" קאָכן זיך אייער. אויפן טישטוך ליגט דאָס מילכיקע געבעקס.

— איך ראַט אייך, איר זאָלט פון דאַנעט אָפּפאָרן — רעדט דער סאָלדאַט, דאָ איז איצט נישט זיכער, איר וואָלט באַדאַרפט אויסקלויבן אַן אָרט, וואָס ליגט עטלעכע מייל טיפער.

— ווי איז דאָס מעגלעך — זאָגט פּאַפּע — מיר זיינען אַלע אַזוי צעבראָכן. און נאָך מיט אַזוינע קליינע קינדער.

— און ווי איז דאָס מעגלעך מיט אַזוינע קליינע קינדער צו בלייבן אין אַזאַ סכּנה — באַשטייט אויף זייניקן דער סאָלדאַט.

די באָבע דערלאַנגט אייער, וואָס זיינען האַרט אָפּגעקאָכט, מיר עסן אַלע מיט אַפּעטיט. דער דייטש לאָזט זיך זייער בעטן. ער טענהט, אַז ער מאַכט אונז ענג און פּרוווט פון אַלץ זיך אָפּזאָגן, צוגעבנדיק, אַז בעסער דאָס געבן ווען פון די קינדער. עס זעט אויס, ווי מען וואָלט אים דאָ אַוועקגעזעצט אויפפּאַסן, מיר זאָלן בעסער עסן. מיר האָבן אַ פולע פּאַן קאַווע. מיר האָבן אָבער נישט מער ווי איין גלאָז און איין טעפּעלע. אין גלאָז גיסט מען אָן דעם גאַסט, און דאָס טעפּע־לע קריגט דאָד, אָבער דער דייטש טרינקט נישט. ער זאָגט, אַז דאָס יינגעלע (דאָס מיינט ער מיך) דאַרף באַקומען פריער. ער האַלט דאָך ביים איינשלאָפן (דאָס איז נישט אמת), ער וועט נאָך בלייבן נישט געטרונקען. ער איז אַזוי איינגעשפּאַרט, דאָס מען גיט מיר טאַקע איבער די קאַווע, אָבער מאַמאַ גיסט אָפּ אַ דריטל, ווייל זי רעכנט, אַז פאַר מיר איז צופיל איצט אַ פולע גלאָז. איך טרונק זייער לאַנגזאַם, אָבער איך בין נישט שולדיק. איך וויל וואָס גיכער אויסטרינקען. ס'איז אָבער הייס. איך וואָלט אינגאַנצן אָפּגעגעבן די קאַווע, ווייל מיר איז מאָד־נע, וואָס אַ סאָלדאַט וואַרט אויף מיין גלאָז. נאָך מיר מיט דאָדקן קריגן מישא מיט פריידקען, וואָרום דער סאָלדאַט וויל נאָך אַלץ נישט, דאָס איבער אים זאָלן קליינע קינדער יואַרטן.

איצט וויל מאַמאַ נישט אַנדערש, אַז איך זאָל אָנשפּאַרן דעם קאָפּ אָן קישן און די פיסלעך אַריינגעמען אין בעט. אַזוי ווי איך שעם זיך פאַרן סאָלדאַט נישט צו פאָלגן, ליג איך שוין. נעבן מיר שלאָפט דאָד, פריידקע דרעמלט צופוסנס, נאָר

איך מיט מישאן זענען אויף און הערן זיך איין, וואָס מען
רעדט. דער דייטש טרינקט שוין אויך. צו אים האָבן זיך גע-
גענומען אי פּאַפּע, אי מאַמאַ, אפילו די באָבע, און זיי האָבן
געפּועלט, אַז ער זאָל אויפעסן אַן איי מיט אַ בולקעלע און
אויסטרינקען אַ גלאָז קאַווע. איצט דערציילט ער עפּעס וואָס,
אָבער איך הער נישט, ווייל ער רעדט שטיל. ער נעמט אַרויס
פאָטאָגראַפיעס און ווייזט זיי פּאַפּען, מאַמאַן, דער באָבן. אַלע
באַקוקן, און ער הערט נישט אויף צו דערציילן ; עס מוז זיין
אינטערעסאַנט, ווייל פּאַפּע, מאַמאַ און די באָבע הערן זיך
אויפמערקזאַם צו, פרעגן עפּעס — אויף וואָס דער דייטש ענט-
פערט לאַנג און גערן. פּלוצלונג דערמאָנט ער זיך וואָס, נעמט
אַרויס אַ זייגער פון קעשענע, הויבט זיך אָן איילן. ער שטעלט
זיך אויף, גיט אַלעמען די הענט, און האַלט איין דאַנקען,
און פּאַפּאַ, מאַמאַ און די באָבע דאַנקען אים אויך. אַזוי ווינטשנ-
דיק איינער דעם אַנדערן און באַדאַנקנדיק, געדויערט לאַנג,
ביז ער געזעגנט זיך. עס ווערט אַ גאַנצער טומל. איך מיט
מישאַן זעצן זיך אַוועק אין בעט. פריידקע אַ פאַרשלאָפענע
עפנט די אויגן. דער דייטש גייט צו צו אונז, דערלאַנגט די
האַנט פריידקען, מישאַן, דערנאָך מיר. איך גיב אים מיין האַנט,
ער נעמט זי איינגאַנצן אַריין אין זיין האַנט, האַלט אַ ווײַלע,
און דערנאָך, גלעטנדיק מיטביידע הענט, לאָזט ער זי אָפּ.
אַפילו דאָדס הענט דריקט ער אויך, און דאָד שלאָפט גאָר. אַ
מאָדנע מענטש דער דייטש. און ווידער זיך געזעגנדיק מיט
פּאַפּן, מאַמאַ און באָבן, גייט ער אַרויס. מען באַגלייט אים ביז
דער שוועל, און דורך דער אָפענער טיר שיקט מען נאָך אים
אונטער פיל מזל און גליק.

— דו לייג זיך שלאָפן מיט די קינדער — ווענדעט זיך
פּאַפּע צו מאַמאַ נאָכדעם ווי דער דייטש איז אַרויס — איך מוז
גיין צו דער קראָם. אַזוי האָבן אַלע קרעמער באַשלאָסן. מיר
וועלן היטן און וועלן זיך בייטן יעדע צוויי שעה. טאָמער
הויבט אָן ברענען, וועט מען אַלעמען געבן צו וויסן. דאַן קען
מען נאָך באַווייזן וואָס אַרויסצוראַטעווען.

— און איך זאָל דאָ אַליין מיט די קינדער בלייבן? — ווערט דערשראָקן מאַמאַ — איך דאַרף נישט קיינע קראָמען!

— אסתּר, מיר האָבן איצט גאָרנישט. ווען די קראָם זאָל, חלילה, אָפּברענען, וועלן מיר גיין איבער די הייזער. די סחורה, וואָס איך האָב מיט אַזוי פיל האָרעוואַניע אויף דער גאַס אַרויס־געקייקלט, האָט מען צעשלעפּט, בשעת איך האָב אייך אַהער־געפירט.

— זעסט, עס ווערט פון קיין זאַך גאָרנישט — ברעכט מאַ־מאַ מיט די הענט, מען קען גאָרנישט העלפן זיך· עס איז גע־קומען אַן אומגליק אויף אונז! ניין, איך וועל דאָ אַליין מיט די עופהלעך נישט בלייבן. גייסט דו — גיי איך מיט די קינ־דער מיט.

פּאַפּאַ ענטפערט שוין גאָרנישט, ער שפּרייזט עטלעכע מאָל איבערן צימער און שטעלט זיך אָפּ ביים פענסטער, קוקט דורך די שויבן אין דער נאַכט, וועלכע איז היינט אומרוהיק. מאַמאַ זיצט אויף אַ שטול ביים טיש, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין די הענט. די באָבע סנוידעט אויף אַ פּעקל לעבן קאָמאָד. איך וויל שלאָפן.

אין מיטן נאַכט כאַפּ איך זיך אַ פּאָר מאָל אויף. אין בעט איז זייער ענג. מישא פון איין זייט, דאָד פון דער אַנדערער, דריקן מיך צונויף. יעדעס מאָל זע איך אַלץ פּאַפּאַן ביים פענסטער, קוקנדיק אויפן הימל וואָס איז טיילווייז רויט. ער קוקט אין דער ריכטונג פון אונזער קראָם. מאַמאַ ליגט אויף צוויי שטולן, דעם קאָפּ האַלט זי ביי אונז צופוסנס אויפן זעלבן קישן, ווו עס שלאָפט פריידקע.

עס איז שוין פולער טאָג. איך, די באָבע און מישא גייען צו אונזער הויז, וואָס האָט נעכטן אָפּגעברענט, ווייל נישט אַלץ האָט דאָך געמוזט פאַרברענט ווערן, נישט אַלץ ברענט דאָך. גייט טאַקע איצט די באָבע זען, וואָס עס איז איבערגעבליבן, און מיך מיט מישאן נעמט זי מיט זיך, צו העלפן ברענגען

וואָס מיר וועלן דאָרטן געפינען. די באָבע גייט פאָרויס, און מיר ביידע האַלטן זיך פון הינטן. גייסטו אין איין שורה מיט דער באָבען, קען מען גאָרנישט ריידן צווישן זיך. ווי דו רעדסט אויס אַ וואָרט, פרעגט זי גלייך „וואָס?" עס דוכט זיך איר, דאָס מען מיינט זי און פרעגן פרעג איך גאָר מישאן, מיר גייען דורך אַ פּאָר נאַקעטע אָפּגעשטאָרבענע גאַסן און קומען נענטער צום מאַרק-פּלאַץ. מיר גייען פאַזע טראָטואַר, וואָרום אין מיטן ברוק פאָרט מען. דאָ גייען שוין מערערע מענטשן, און אַזוי ווי יעטוועדער וויל זיך האַלטן וואָס ווייטער אי פון די אָפּגעברענטע געביידעס. אי פון די אַלע מיניב ווענער, וואָס די דייטשע זעלנער לאָזן שנעל און אומפּאָרי־זיכטיק איבער דער גאַס. שטאָפּן זיך אַלע אינאיינעם הארט ביים רינשטאָק. די באָבע האָט אונז אָנגענומען פאַר די הענט און בור־טשעט צו די גאַנצע צייט: „איך האָב אייך נישט געטאָרט מיטנעמען".

ביים ראָג איז די גאַנצע גאַס פאַרשטעלט מיט אַ לאַנגן אָבאָז. מענטשן אַפילו שפּאַרן זיך דורך די באָבע אָבער בלייבט שטיין מען וועט אונז דאָ נאָך צומאָלן — זאָגט זי — קומט צוריק. מיר קערן זיך אום און גייען צוריק אַ שטיקל, ביז מיר באַמערקן, ווי פיל פאַרבייגייער דרייען זיך אַראָפּ פון ברוק צו די אָפּגעברענטע מויערן. צווישן זיי האָט מען שוין באַוויזן אויסצוטרעטן אַ סטעזשקע. מיר גייען אויך אַרויף אויף איר, זי ציט זיך, דרייט זיך ווי אַ שלאַנג, אויסמיידנדיק גריבער און בערגלעך, און פירט אונז אַרויף אויף אַ גאַס, וואָס איז נישט ווייט פון אונזער אַמאָליק הויז. פון ביידע זייטן גאַס שטייען, ווי מצבות, אויסגעשטעלט די איווונס, און אַזוי ווי מצבות, זיינען זיי ערשט אומנוציק. אונטער אַנדערע חורבות, אין די בראַנד קעלערן, האָבן זיך שוין באַזעצט אַ סך משפּחות. דאָס זיינען יענע, וואָס האָבן נישט געפונען קיין אָרט אין די ניצול געבליבענע הייזער, און אונטער די מויערן קריכן אריין און ארויס קינדער און גרויסע, און עס דוכט זיך מיר, אַז דאָרט איז אַזוי ווי ביי די מוראַשקעס: פינסטער, טיף און פול אָנגעפּאַקט. איך קאָן אויף קיין פאַל זיך נישט דערמאָנען,

ווי די גאַס האָט פריער אויסגעזען, אַ חוץ אַז ערגעץ ווו האָט געדאַרפט זיין אַ הילצערנער גאַניק און דאָ אַ געפאַרבטער פאַרקאַן. איך האָב שוין פאַרלוירן די נייגעריקייט און וואָלט גאָר קיין זאַך נישט געהאַט זיך אומצוקערן אַהיים. אָבער די באָבע גייט פאַרויס, און מיר שלעפּן זיך נאָך, קוקנדיק אין אַלע זייטן. ביי אַנדערע חורבות שטייט ווער און זוכט, הויבט וואָס אויף, באַקוקט דאָס, האַלט עס אַ ווײַלע אין האַנט, קלערט, ביז די זאַך גליטשט זיך אַליין פון זיין האַנט אַרויס. דעמאָלט נעמט ער ווייטער נישטערן אין אַש. מיר זוכן אונזער שטוב און קענען זי נישט געפינען. מיר ווייסן אַפילו נישט, אויף וועלבער זייט זי איז געווען. ביידע זייטן זיינען ענלעך אין זייער ליידיקייט און אומעט. די גאַנצע גאַס זעט אויס, ווי אַן אויסגעהאַקטער וואַלד, מער ווי די וואָרצלען זיינען נישט געבליבן. ענדלעך דערקענען מיר אַ פירקאַנטיקן אויסגעהויבענעם פלעק. די באָבע שפּרייזט אַרויף אויפן פונדאַמענט, מיר נאָך איר. מיר קאַרשקענען זיך אין דעם אַש. טיף איז דאָס אַש נאָך וואַרים, און אין אַנדערע ערטער גליען פונקען. אָט ליגט די רער פון אונזער גראַמאָפאָן. אַזאַ פיינע מעשענע רער געווען, האָט זי דאָס פייער אויפפרעסן נישט געקענט, האָט עס זי צעקייט און אַרויסגעשפּיגן. מישא הויבט זי אויף — אַ פאַרשוואַרצטע און אַ צעביילטע, קען מען קוים דערקענען, וואָס דאָס איז אַמאָל געווען. אַפילו דאָס וואָס דאָס פייער קען נישט פאַרברענען, מאַכט עס חרוב. איך שטויס זיך אָן אויף דיקע גלאָז. אַ שטיקל הויב איך אויף. ־אָס איז אַ שפּליטער פון אונזער גרויסן שפּיגל. די זון קוקט זיך גלייך אין אים איין און שפּיגלט זיך אָפּ פון דאָרט אויפן אַש. איך לייג דאָס אַריין אין קעשענע. מיר נישטערן ווייטער און געפינען אַלץ אויסגעדרייטע צוועקעס און קרוקעס – פון וואַנען נעמען זיי זיך אַזויפיל ? — דאָס געוויכט פון דעם זייגער, שערבלעך, פאַרצעלייט, געסמאַלעטע שטאָף. דאָס איז אַלץ, וואָס מיר טרעפן. דאָס מעבל, די בעטן איז אַלץ געווען ביי אונז הילצערנע, און איצט איז קיין סימן פון זיי נישטאָ.

— לייבקע, רופט מישא. — וואָס? — זע! ער הויבט אָן אַרויטשלעפּן גאַנצע בינטלעך בלעטער, פאַרגעלטע בלעטער מיט אָרומגעגריזשעטע שוואַרצע ראַנדן. דאָס האָט דאָס פייער זיי געלעקט און נישט דערענדיקט, אויף דער געלקייט טרעטן אַרויס נאָך שוואַרצער און דייטלעכער די געדרוקטע אותיות. אַ גאַנצע וואַנט פון די דילן ביז צום באַלקן האָבן די ביכער ביי אונז פאַרנומען. שטיל זענען זיי אויף די פּאָליצעס געשטאַנען. פלעגט אָבער פּאַפּאַ איינס פון זיי אויפן שטענדער אויסשפּרייטן, פלעגט יעדער בלאַט באַזונדער מיט אַן אַנדער ניגון זינגען. איך האָב זיי נאָך נישט געלערנט און מען האָט זיי שוין פאַרברענט...

— קינדער, — גייט צו די באָבע צו אונז מיט אַ קוּפּערנער פאַן אין האַנט. דאָס האָט זי פון אויוון אַרויסגענומען — ווייל עס איז דאָרט פאַררוקט געווען, איז עס גאַנץ געבליבן. — קומט, קינדער, דאָ איז נישטאָ וואָס צו טון. אַלץ איז אַוועק מיטן רויך.

אין שטוב איז היינט נישטאָ וואָס צו טון. האָבן מיר ביי די פענצטער, אויף דער ווייכער ערד, מיט אַ שערבל „קלאַסן" אויסגעצייכנט און האַלטן אין איין אַרומשפּרינגען אויף איין פוס, שאַרנדיק פאַר זיך דאָס שערבל. מיר גייט נישט: איך בין שוין צוויי מאָל ביים גן-עדן געווען, בין איך איין מאָל אויף דער גרענעץ מיטן פוס אַרויף, און דאָס אַנדערע מאָל דאָס שערבל אַרויפגעשאַרט אויפן שטריך, און געמוזט אָנהויבן אויף דאָסניי. איצט האַלט איך ביים פערטן קלאַס און קען בשום אופן אַהין נישט טרעפן. עס איז שוין דריי מאָל געווען מיין גאַנג, און איך וואַרף אַלץ מיין שערבל עטוואָס ווייטער אָדער נענטער, אַזוי אַז איך האָב פאַרלוירן דעם גאַנצן חשק צו דער שפּיל. דאָדקען גייט אַ סך בעסער, אָבער ער וויל אויך נישט מער שפּילן, ווייל ער איז אומצופרידן, וואָס מיר האָבן אים נעכטן נישט מיטגענומען צו אונ־

זער שטוב. ער וואָלט וועלן זיך ערשט אַ ביסל דורכגיין אין גאַס. איך מיט מישא זײַנען אויך נישט דאַקעגן. אָבער אַ ביסל קלערן מיר, ווײַל פֿון ווײַטן טראָגט זיך הײַנט אַ שיסערײַ. צײַטנווײַז הערט זי אויף, און ווי נאָר מען פֿאַרגעסט אָן איר, פֿאַנגט זי ווידער אָן. מיר האָבן אָבער פֿאַר איר נישט קיין מורא. פֿאַר די דײַטשע סאָלדאַטן האָבן מיר שוין אויך נישט קיין מורא. און מיר ווײַסן, אַז קיין שלעכטס טוען זיי נישט. אָט פֿריער, בשעת מיר האָבן נאָך געשפּילט אין קלאַסן, האָט איין סאָלדאַט, פֿון די וואָס וואַרעמען זיך דאָ אין סאָד אויף דער זון, גערופֿן עטלעכע מאָל דאָדקען. דאָד איז אָבער געשטאַנען, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, און זיך נישט גערירט פֿון אָרט. דאַן האָט דער דײַטש זיך אויפֿגעהויבן, צו צו אונז, און דאָדן געגעבן אַ בלעכן פּושקעלע פֿון ציגאַרעטן. זייער אַ שיין פּושקעלע; אויף דעם איז אויסגעמאָלט, ווי אַ טערק אין ברייטע רויטע הויזן, אין אַ רויט היטל מיט אַ לאַנגן שוואַרצן פֿראַנז, זיצט די פֿיס אונטער זיך און האַלט אין מויל אַ לאַנגע קישקע, פֿון וועלכער עס גייט אַ רויך. דאָדקען געפֿעלט זייער דאָס פּושקעלע. ער האַלט עס אין קעשענע און נעמט עס אָפּט אַרויס צו באַקוקן. אָבער ווען דער סאָלדאַט האָט אים דאָס פּושקעלע אויסגעצויגן, האָט ער עס נישט גענומען. נאָר ווען יענער האָט אים האַלטנדיק פֿאַר דער מאָרדעטשקע אַ פֿרעג געטון: ווי הייסטו, יינגעלע? פֿאַרוואָס נעמסטו נישט דאָס פּושקעלע, עס געפֿעלט דיר נישט? האָט דאָד אָנשטאָט אַן ענטפֿער עס צוגענומען מיט בײדע הענטלעך. דאָד האָט געקוקט אויפֿן טערק, און דער סאָלדאַט, אים אָנקנײַפּנדיק די בעקלעך, אויסגלעטנדיק די האָר, און זאָגנדיק „אַ שיין יינגעלע", איז אַוועק צו זײַנע חברים און וואַרעמט זיך ווײַטער אויף דער זון.

מאַמאַ האָט אונז אָנגעזאָגט, אַז אויסערן סאָד זאָלן מיר נישט גיין, אָבער מיר זענען שוין ערשט אַ שטיק פֿון אים. מיר רעכענען צו גיין ביז אונזער קראָם, וואָס שטייט נאָך אַלץ פֿאַרשלאָסן. דאָרטן וועלן מיר מסתמא טרעפֿן פּאַפּאַן.

פּאָפּאַ האַלט בײַ זיך די שליסלען, ווײַל עס האָט פּאַסירט אין אַ סך ערטער, אַז סאָלדאַטן האָבן אויפגעבראָכן די געשעפטן. דעריבער איז שוין בעסער אַליין עפענען די טירן און זיי לאָזן נעמען, וואָס זיי ווילן. אָט נעכטן האָט פּאַפּאַ באַמערקט, ווי אַ גרופּע סאָלדאַטן באַטראַכטן אונזער קראָם, האָט ער אַליין אויפגעשלאָסן די טירן, די זעלנער האָבן זיך אויסגעקליבן עטלעכע טוץ טאַשן-טיכער און זענען אַוועק. ווען מען ברעכט אָבער אויף די טירן, קען די קראָם צעראַבירט ווערן אין איין קוק, אי פון זעלנער, אי פון פאַרדעכטיקע שטאָטישע אײַנוווינער. מיר גייען שנעל, פאַרשפּאָרנדיק גאַנצע שטיקער גאַסן. אויפן אָרט פון די פריערדיקע הײַזער זענען ערשט חורבות, און מען קען דורך זיי שפּרייזן, ווי דורך פּוסטע הויפן. צו די סאָלדאַטן, צו די וועגענער און צום גאַנצן גערומל זענען מיר שוין צוגעוווינט. מיר מײַדן זיי אויס, ווי געניטע מענטשן, און קומען אַרויס אויפן מאַרק-פּלאַץ. דאָ געפינען מיר אַ לאַנגע רײַ האַרמאַטן. די האַרמאַטן, די סאָלדאַטן, וואָס שטייען ערשט אין רעדלעך, די פערד — אַלץ האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט. מיר בלײַבן אויך שטיין. שטיל באַקוקן מיר אַ האַרמאַט, נישט דרייסט דערנענטערן מיר זיך צו אים. ביז דאָד לייגט דער ערשטער צו זײַן האַנט און גיט אים אַ ריר. נאָך אים גיבן אַ טאַפּ דעם האַרמאַט איך און מישא, און גלײַך, צופרידענע, ציען מיר פון אים אַלע דרײַ אָפּ אויף אַ פּאָר טריט.

— ווי שיסט ער? — פרעג איך. — גאָר פּשוט — הויבט מישא אָן צו ווײַזן — דאָ אין דעם הינטערשטן טייל לייגט מען אַרײַן די באָמבע, די צווייטע זייט בלײַבט אָפן. ווען מען גיט אַ קלאַפּ אין דער באָמבע, רײַסט דער פּולווער אויף, און זי פליט אַוועק.

— און ווי ווייס די באָמבע צו פליען, וווּ מען באַדאַרף? — פרעג איך ווייטער.

— העי! שטיי! — דערהערן מיר פּלוצלונג קולות. מיר קערן זיך אום צו דער זייט, פון וואַנען די קולות קומען.

פאַזע מאַרק, אויפן בריק, פאָרט אַ פור. אַ געוויינלעכע פויערשע פור אויף איין פערד. אין איר זיצט אַ פויער מיט אַ פיפּקע אין מויל, מיט די לייצעס אין די הענט, און צו אים, ער זאָל זיך אָפּשטעלן, שרייען דאָס צוויי סאָלדאַטן. ער, דער פויער, דרייט זיך אויס, קוקט אין די זייטן, אויב מען שרייט דאָס צו אים, און דאָס פערד לויפט פאַמעלעך פאָרויס. די זעלנער, אין כּעס, מאַכן מיט די הענט, אַז ער זאָל זיך אָפּשטעלן, און אין זייערע זשעסטן פילט זיך באַפעל און דראָונג. דער פויער שטעלט אָפּ דאָס פורל. וועלנדיק זען, וואָס דאָ וועט זיין, לויפן מיר צו נענטער. מיט דער פיפּקע אין האַנט, מיט אָפענע מויל און אויגן זיצט דער פויער אין וואָגן און וואַרט אויף די דייטשן.

אַראָפּ! — זאָגט איינער פון די דייטשן, מאַכנדיק אַ באַוועגונג מיטן קאָפּ פון פור צום בריק. דער פויער פאַרשטייט נישט, וואָס דער סאָלדאַט האָט געזאָגט, ער ווערט אָבער צושראָקן. דעם סאָלדאַטס דריי מיטן קאָפּ אָן אַ זייט האָט ער, ווי עס ווייזט אויס, יאָ פאַרשטאַנען, אָבער גלויבן ווילט זיך אים נישט. און ער פאַרענגט זיך ביים ווענטל פון פור, אַזוי ווי עס וואָלט דעם גאַנצן פרייען פלאַץ אָפּגעבן. און מיט האָפענונג קוקט ער אויפן צווייטן דייטש, וואָס קריכט אין וואָגן. „איך וועל אייך צופירן, ווו איר דאַרפט נאָר. מיט מיר וועט איר שנעלער קומען. דאָס פערד איז געוויינט צו מיר, עס פאָלגט מיך" — רעדט דער פויער מיט אַ בעטנדיקער שטימע. ער מישט די ווערטער, רוסישע און אַ פּאָר דייטשישע. ער מאַכט מיט די הענט. מיר דוכט זיך, דאָס זיי, די דייטשן, פאַרשטייען אים. איך, מישא, דאָד און דאָס גאַנצע רעדל מענטשן פאַרשטייען אויך, אַז דער פויער בעט, מען זאָל זיין פורל ביי אים נישט צונעמען, אויב זיי האָבן אַן עסק, וועט ער די סאָלדאַטן ברענגען, וווהין זיי ווילן נאָר, ער וועט מיט זיי אַרומפאָרן, וווהין זיי דאַרפן נאָר, ער האָט נייטיק זיין פערדל. ער האָט עס זייער נייטיק.

ביידע דייטשן זענען שוין אין וואָגן. איינער נעמט אַרויס

פון דעם פויערס הענט די לייצעס. דער פויער גיט ווי מיט שרעק אָפּ. – אַרויס, שנעלער! — שטופּן די זעלנער דעם פויער, וועלכער איז דערשראָקן, צוטומלט, און גלויבט נאָך נישט אויף זיכער, אַז מען הייסט אים טאַקע אַרויסקריכן. נו! שטעלן זיי אָן אויף אים בייז די אויגן. אַ פאַרלוירענער, אומגעלומפּערט זיך פּאַרטשעפּענדיק, קריכט דער פויער אַרויס פון זיין פור. די דייטשן גיבן אַ שמיץ דאָס פערד. דער פויער כאַפּט זיך אויף, ווי פון שלאָף, און מיט אַנטשלאָסנקייט יאָגט ער אונטער דעם וואָגן. מיטביידע הענט, מיט אַלע צען פינגער כאַפּט ער אַרום די הילצערנע אגלאָבלע, און זיך איינבייגנדיק, גיט ער זי אַ קוש, און קיין וואָרט מער נישט זאָגנדיק, גייט ער שווער אַוועק.

מיר קוקן אין דער זייט, ווי די דייטשן זענען אַוועקגעפאָרן מיטן פויערס פערד און וואָגן, אויפן פויער, וואָס שלעפּט זיך איצט אַוועק פון מאַרק, און אומצופרידענע גייען מיר צו אונזער קראָם.

שוין עטלעכע טעג, ווי די דייטשן זיינען אין שטאָט. די גאַנצע צייט הערט זיך אַ דייטלעכע שיסעריי. מיר זיינען נאָך אַלץ אין זעלביקן צימערל, און אונז איז זייער ענג. וועגן גיין לערנען רעדט מען אַפילו נישט. מאַמאַ לאָזט אונז נישט אָפּ פון זיך, און אַ ביסל זיך דורכשפּאַצירן קומט אונז אָן מיט גרויס מאַטערניש. ענדלעך האָט זיך אונז איצט פּאָרט איינגעגעבן זיך אַרויסכאַפּן אין גאַס. מיר גייען אין שטאָטפּאַרק, וווּ מיר זענען שוין לאַנג נישט געווען. דאָרט, ביים אַריינגאַנג, צוקאָפּנס פון אַ גראָבן בוים, ליגט אויסגעצויגן אַ פרישער קבר. מיר דערזעען אים פון ווייטנס. ער דערשרעקט אונז אַ ביסל, און פּאַמעלעך קומען מיר צו אים. אויפן פרישן בערגל ליגן נעבן אַנאַנד אַ דייטשער קיווער און אַ רוסיש סאָלדאַטסקע היטל. צופוסנס זענען איבערגעקרייצט צווי שפּיזן פון ביקסן, אויפן צלם איז אָנגעהאָנגען אַ ברייט ברעטל, מיט אַן אויפשריפט: „ביידע זענען זיי געבליבן טריי זייער פאָ-

טערלאַנד, און טרעפנדיק זיך אויף דעם אָרט, האָט זיך איינער דעם צווייטן נישט אונטערגעגעבן און העלדיש אין קאַמף גע־פאַלן, איינער דעם אַנדערן דערשטאָכן, און זיך אַרומנעמענ־דיק, האָבן זיי גאָט די נשמות אוועקגעגעבן. אַן אייביקער אָנ־דענק". מישא לייענט עס אַלץ איבער פאַרזיכטיק, לאַנגזאַם, מיט אַ ניגון. מיר הערן דאָס אויס שטיל און אויפמערקזאַם. דאָך קען נישט פאַרשטיין, צו וואָס די סאָלדאַטן האָבן געדאַרפט דערשטעכן איינער דעם אַנדערן, און אויב זיי האָבן זיך שוין געשטאָכן, טאָ פאַרוואָס האָבן זיי זיך אַרומגענומען שטאַרבנ־דיק. מישא זאָגט, אַז דאָס שרייבט זיך נאָר אַזוי, און אין דער אמתן קומט אַנדערש פאָר. איך זאָג, אַז איין סאָלדאַט האָט געדאַרפט אויפהויבן די הענט אין דער הויך, און דער צווייטער וואָלט אים גענומען אין געפאַנגענשאַפט. אין אַלגע־מיין איז נאָך פאַר אונז אַן אומפאַרשטענדלעכע זאַך די מלחמה.

מיטאַמאָל גיבן מיר זיך אַ כאַפּ און קוקן זיך פאַרוווּנ־דערט איבער. דאָס איז צוליב דעם, וואָס עס האָט דערלאַנגט אַ בוכצע פון אַ האַרמאַט מיט אַ קראַפּט, וואָס מיר האָבן שוין נישט געהערט לאַנג. און גלייך נאָך אים אַ צווייטע און אַ דריטע בוכצע. אַ היים! — שרייען מיר אויס, און ווי מיר קענען נאָר, לאָזן מיר זיך לויפן. מיר יאָגן איינער אַריבער דעם אַנדערן, און דער וואָס לויפט דער ערשטער, האַלט אין איין שרייען „גיכער"! צעהיצטע, שווער פּרייכנדיקע און שטאַרק צושראָקענע, לאָזן מיר זיך אַריין אין שטוב. מאַמאַ האָט עפּעס צו אונז טענות, נאָר זי פאַרגעסט גלייך אָן זיי, ווייל די באָמ־באַרדירונג ווערט אַלץ שטאַרקער. ביי אונז, און אויך ביי אַלע אונזערע שכנים אין הויף, שטייען די טירן אָפן, און עס איז אַ געמיש. מען לויפט איינער צום צווייטן, מען האַלט זיך אין איין עצהנען און באַקלאָגן, אין סאַד שטייען אָנגעזאָטלט די פערד, און לעבן זיי די סאָלדאַטן, וואָס זענען איינגעשטאַנען אין הויף. זיי זאָגן, אַז זיי טרעטן אָפּ אויף אַ פּאָר טעג, און דערנאָך וועלן זיי צוריק קומען. זיי ראָטן אונז נישט בלייבן

אין די הייזער און זיך בעסער אויסלייגן אין גרובן, וואָס ציט זיך פּאזע סאָד און ווו עס לויפן נאָך אַ רעגן די שטאָטישע וואַסערן. זיי זאָגן, אַז אין דער קאַנאווע זענען מיר באַשיצט פון דער שיסעריי. נישט אינז און נישט די איבעריקע שכנים געפעלט דאָס נישט. קיינער באַגרייפט נישט, ווי קען מען עס גיין אין אַ גרובן מיט אַזעלכע עופהלעך. עופהלעך — דאָס מיינען זיי אונז, קינדער, די מיידעלעך פון אַנטקעגן און דעם באַלעבאָס ייִנגל. די סאָלדאַטן לויבן אויף די גרוב, וואָס אונזער סטרוזש האָט זיך אויסגעגראָבן אין מיטן סאָד. ער האָט זי פון אינעווייניק באַקלאַפּט מיט ברעטער, אונטערגעשפּרייט מיט שטרוי און אַריינגעשטעלט אַ לייטער. ווי עס הייבט נאָר אָן אביסל צו שיסן, לויפט ער גלייך מיט זיין ווייב און קינדער אין גרוב און פאַרמאַכט זיך פון אינעווייניק מיט אַ הילצערנער דעק. מיר לאַכן אָפּט פון דעם, ווייל ווי נאָר אַ שטיקל שיסעריי, זיי שוין קאַטאַי אין גרוב אַריין. מיר האָבן איר אַ נאָמען געגעבן „זייער קבר". איין פרימאָרגן האָט זיך געטראָפן, אַז דער סטרוזש מיט זיין משפּחה זיינען דאָרט געלעגן פאַרדעקטע, און איך, מישא און דאָד האָבן אַרום קבר אַרומגעטאַנצט. מישא זאָגט, דאָס זיי האָט זיך אינעווייניק געמוזט אויסדאַכטן, אַז עס קומט פאָר אַן ערד-ציטערניש. ערשט זיינען מיר זיי מקנא אויף דעם באַהעלטעניש, וואָס די סאָלדאַטן רימען אַזוי. פון קעלער, ווו מיר ווילן גיין, זענען די דייטשן נישט נתפּעל. זיי מיינען, אַז מען קען דאָרט באַגראָבן ווערן לעבעדיקערהייט, וואָרום די גאַנצע שטוב איז אַ שוואַכע, איינזינקען לעבעדיקערהייט ווילן מיר נישט. אַזוי אַז זייער מיינונג ווירקט אויף אונז שטאַרק. אָבער די באָמבאַרדירונג, וואָס צופלאַקערט זיך, ווירקט אויך נישט שוואַך. שטייען מיר אַלע, איינוווינער פון די עטלעכע הייזער, וואָס געפינען זיך אין סאָד, מיט קליינקייטן אין די הענט, און ווייסן נישט, וויהין זיך צו באַהאַלטן. איינס איז קלאָר: אין די שטובן קען מען אין אַזאַ האָגל נישט בלייבן. פאַרן הויז שטייען בליין און שווייגנדיק די דייטשן. זיי וואַרטן נאָך אויף עפּעס.

— לויפט שוין בעסער אין קעלער. דאָ שטיין איז גאָר קיין אַרבעט נישט — רופט זיך אָפּ צו אונז אַ דייטש — און גלייך הויבן מיר אָן לויפן, שטופנדיק איינער דעם אַנדערן, צום קעלער. אין גלויף זע איך, ווי צו די סאָלדאַטן קומט אָן עלטסטער, און זיי שפּרינגען אַלע אַרויף אויף די פערד און רייטן אַוועק.

— אויף ווידערזען! שרייט צו אונז איינער פון די ריי־טער.

מיר ענטפערן נישט. מיר לויפן צום קעלער.

4. אין קעלער

אין קעלער איז שטאָק-נאַכט. איך ווייס, אַז דער טאָג האַלט זיך שוין ביים פאַרוויקלען, נאָר אין דרויסן איז נאָך געווען גאַנץ ליכטיק. דאָ אָבער הערשט אַ פּייכטע פינסטערניש. דער קעלער איז פול מיט מענטשן. אויף דעם האָבן מיר זיך גאָרנישט געריכט. עס ווייזט זיך אַרויס, דאָס מען איז געלאָפן פון די צווייטע גאַסן, כּדי אַהער צו קומען. מיר פאַרנעמען אַן אָרט ביי דער וואַנט. אויף עפּעס אַ נידעריקן קאַסטן זעצן מיר זיך אויס. פּאַפּע מיט דער באָבן בלייבן שטיין, מחמת עס קלעקט קיין אָרט נישט. ווען מיר נעמען מיט אַ קישן, וואָלט זייער גוט געווען. עס איז זייער האַרט, און מאַמאַ מוז האַלטן די גאַנצע צייט מירקען אויף דער האַנט. מיר האָבן נאָך מיט זיך אַן אויסגעקאָכטע הון, אַ חלה, וואָס איז געבאַקן אָן הייוון, ווייל קיין הייוון איז אין שטאָט נישטאָ, און אַ קריגל מילך. די באָבע זאָגט, אַז מען איז געפלויגן ווי די רוחות, האָט מען שוין געקענט געדענקען וואָס מיטצונעמען, זי וויל לויפן נאָך אַ קישן, אָבער ווער וועט זי ערשט לאָזן.

צי ווייל דעמאָלט איז טאָג געווען, צי די קלייט אין בעסער פאַרן קעלער, נאָר אַ שווערע דריקעניש הערשט דאָ אין שטיינערנעם קאַסטן אין דער ערד. יעדער שאָס הילכט דאָ אָפּ, ווי אין אַ הייל — דומפּ און פאַרשטיקט. עס ווערט אַן אומרו און לאָזט נישט איינזיצן אויף אַן אָרט. עס איז גוט, וואָס מאַמאַ האָט מיט די הענט אָפּגעריסן עטלעכע שטיקער הון; ערשט סמאָטשקענדיק און גריזשענדיק דאָס פלייש, ווערט אַ סך לייכטער. די חלה עסן מיר נישט, געבאַקן אָן

הייוון געפעלט זי אונז נישט. די באָבע האָט געפונען אַן אַלטן עמער, אים איבערגעקערט און זיצט שוין אויף אים. נאָר פּאַפּע שטייט ביי דער וואַנט, די הענט אויף הינטן, ווי ער פלעגט שטיין פאַרן פאַרצעלייענעם אויוון אין אַ ווינטער נאַכט. איך טראַכט, אַז די שטיינערדיקע וואַנט מוז זיין פריקרע און קאַלט אַנצורירן.

צו דער פינסטערניש האָב איך זיך שוין צוגעוווינט, און זע שוין אַ ביסל אַרום זיך. אין קעלער איז שטיל. רעדט עמי־צער, זיינען דאָס שטיל געזאָגטע ווערטער. די הון האָב איך שוין געענדיקט עסן. איך האָב אפילו די ביינדלעך צוריגבן מיט די ציינער. מיר, קינדער, האָבן שוין יעדער פון קריגל מילך געטרונקען, ווייל נאָך דער הון האָבן מיר געקראָגן דורשט. איך וויל שוין ווידער טרינקען, נאָר איך האַלט זיך איין, ווייל איך ווייס, אַז קיין וואַסער האָבן מיר נישט, דאָס ביסל מילך, וואָס עס איז נאָך געבליבן אין קריגל, האַלט מאַמע זייער טייער, און סתם דאַרף איך איצטער קאַלטע וואַסער, מילך וועט דעם דורשט נישט שטילן.

עס האָט איצט דערלאַנגט אַזאַ קלאַפּ, אַז מיר האָבן זיך אַלע אַ ריר געגעבן פון די ערטער, און מיר האָבן געמיינט, דאָס דער באַלקן לאָזט זיך אראָפּ אויף אונז. איך, מישא און דאָד זיינען געבליבן שטיין אויף די פיס. פּאַפּע האָט אונז געבעטן זיך זעצן, און מיר האָבן זיך געזעצט. נישט ווייט פון אונז שטייט מיטן פּנים צו דער וואַנט דער באַלעבאָס פון הויף.

— וואָס האָט איר אים דאָרט פאַררוקט ווי אַ טשאָלנט־טאָפּ? — ווענדעט זיך עפּעס איינער, ווערמענס געזיכט מען זעט נישט אין דער טונקלקייט, צום באַלעבאָס. דער אַלטער פאַר־שטייט נישט גלייך, וואָס יענער מיינט, און זיך אַ ציי־געבנדיק צום אָרט, פון וואַנען עס קומט דאָס קול, פרעגט ער „וואָס״ז נאָר גלייך כאַפּנדיק, גלייכט ער זיך אויס, גאָרנישט ענטפערנ־דיק. אין וואַנט, ביי וועלכער ער שטייט, געפינט זיך אַ נישע, דאָס לאָזט מען אין יעדן קעלער, אַזוי ווי אַן אָפּן שאַפּקעלע, ווו מען לייגט אַן אַנדערשמאַל אויס פאַלעטשקעס. אין דער

נישע האָט אונזער באַלעבאָס אַצינד אַריינגעזעצט זיין ייִנגל, און אַליין שטייט ער דערביי.

— דאָרטן איז טאַקע זיכערער, זאָג איך, ווען די לובעס זאָלן זיך פון אַ באָמבע איינברעכן, וועט אים נישט שאַטן.

אוודאי, — זאָגט מישאַ, מען היט אים, ווייל ער איז אַ בן־יחיד.

אַ קלאַפּ טרייסלט אויף דעם גאַנצן קעלער אינאיינעם מיט אונז און מיטן בן־יחיד, וואָס זיצט אין נישע. איך טראַכט, אַז דעם בן־יחיד איז נישטאָ וואָס מקנא צו זיין. ער מיינט, איך מיין אויך, אַז אין זיין אָרט איז ער אַביסל זיכערער. אָבער די נישע איז צו קליין און זי קען אפילו זיין פּאָטער נישט אַריינעמען, אַזוי אַז טאָמער פּאַסירט וואָס מיט אונזער באַלקן — אין דער פינסטער זע איך אים נישט, אָבער ער איז דאָ און מוז זיין זייער אַ שווערער — און אַז דער באַלקן אינאיינעם מיט דעם הויז זאָלן זיך אַראָפּלאָזן אויף אונז, ווי די סאָלדאַטן האָבן צוגעזאָגט, וועט דאָך פון אים ווערן דאָס, וואָס פון אונז אַלעמען. וואָס דען, נאָר ער, דער בן־יחיד, וועט דעמאָלט אַרויסקריכן פון זיין באַהעלטעניש. איך וואָלט דאָן נישט געוואָלט זיין אויף זיין אָרט. אויב דאָרטן איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אונזער גאַנצער פאַמיליע, וואָלט איך אַהין נישט געקראָכן.

מיר זענען שוין צוגעווינט, אייגנטלעך, צו דער גאַנצער שפּיל, וואָרום פויקן הערט נישט אויף. אָט האָט דערלאַנגט אַ דונער, אַז ווען דאָס פּאַסירט פריער, וואָלטן מיר אַלע, מיין איך, געחלשט. און ערשט — גאָרנישט.

מיר האָבן זיך אָנגעהאַקט איינער אָן אַנדערן, זיך אויס־געגלייכט, און עס האָט זיך געפילט, אַז עטלעכע רגעס האָבן אַלע אויף עפּעס געוואַרט, און דערפילנדיק, אַז עס פּאַסירט גאָרנישט, האָט דער קעלער אָפּגעאָטעמט, און אַן אַלטער ייִד, וואָס זיצט נישט ווייט פון אונז, האָט ווידער גענומען עפּעס שעפּטשן. דעמאָלט, פאַרזיכטיק, פּאַמעלעך טרעטנדיק אין דער פינסטער, איז פּאַפּע צו אים צוגעגאַנגען און גאָר אין דער

שטיל אים עפּעס וואָס געזאָגט. דער ייִד האָט נישט מפסיק געווען, נאָר ער זאָגט שוין גאָר שטיל אין זיך. פּאַפּע איז שוין אויף זיין פריערדיקן אָרט. איך מיין, אַז ער האָט דעם יידן געבעטן נישט דערשרעקן די ווייבער מיט זיין ווידוי. מיר דאַכט זיך, אַז די באָבע שעפּטשעט אויך די גאַנצע צייט מיט די ליפּן.

איך בין געשלאָפן. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, ווייל מיין קאָפּ, זיך בויגנדיק אַלץ נידעריקער, האָט זיך אָנגעשטויסן אָן מישאס פּלייצע. איך בין נישט פאַרשלאָפן, אָבער איך רייב זיך גוט די אויגן און טשוכע זיך. דאָס טו איך, ווייל מיר ווילט זיך זייער, אַז איך זאָל האָבן שוין לאַנג געשלאָפן. אָבער מיט מיין טשוכען האָב איך אויפגעוועקט דאָדקען, וועל־כער האָט אויך געדרימלט. ער פרעגט גלייך, וויפל איז דער זייגער, מיר קומט אויס זייער מאָדנע, דאָד זאָל זיך נאָכפרעגן אויף דער צייט. — איך ווייס נישט, זאָגט מישא.

— עס איז שוין דריי אַזייגער. עס וועט שוין באַלד זיין ליכטיק. שלאָפט — ענדיקט פּאַפּע. פּאַפּע הייסט שלאָפן. שלאָפן איז זייער גוט. שלאָפן ווילן מיר טאַקע. אָבער מיר געפינען זיך איצט אין אַזאַ צושטאַנד, אַז מיר קענען קיין זאַך נישט טון, נישט ריידן, נישט עסן און נישט איינשלאָפן. מיר הויבן אָן פון דאָסניי זיך איינהערן, אָנגעשטרענגטערהייט, ווי עס רייסן אויף די האַרמאַטן־קוילן.

— עס איז שוין דריי? פרעגט מאַמאַ מיט אַ צופרידענער פאַרוווּנדערונג ביי פּאַפּען.

— עס וועט באַלד זיין. אין צוויי שעה אַרום — גיט ער צו שטיל.

איך ווייס, דער זייגער איז נישט דריי, דער זייגער איז איצט איינס. פּאַפּע נאַרט אונז, עס בלייבט נאָר איינשלאָפן, דאַן גייט די צייט אַוועק געשווינד, און אַז איך וועל מיך אויפכאַפּן, קען שוין זיין אינגאַנצן רוהיק. מאַמאַ האָט שוין עטלעכע מאָל געזאָגט — „עס וועט באַלד אויפהערן, וועלן

מיר אין שטוב גיין, מיר וועלן טיי מאַכן, און אַ גאַנצן טאָג וועל איך אייך לאָזן זיך אויסשלאָפן".

מירעלע און נאָך אַנדערע קינדער צעוויינען זיך, מען הויבט זיי אָן איינשטילן. עס ווערט אַ באַוועגונג, און מיר געפעלט עס. אָבער איינער דאָרט אין ווינקל הערט נישט אויף צו קלאָגן — „איך וויל טרינקען, מאַמע, איך וויל טרינקען". „באַלד, באַלד זונעלע, וואַרט אַ ווײַלע" — ענטפערט אים זיין מוטער. שוין אַ רעכטע צייט, ווי דאָס חזרט זיך איבער, און איך בין אין כעס אויף זיי ביידע. מיר האָט זיך אויך שטאַרק געוואָלט טרינקען, אָבער איך שעם זיך איצט צו בעטן וואַסער. „איך וויל טרינקען" — שרייט דער יינגל ווייטער. „נו, ווו זאָל איך איצט פאַר דיר נעמען וואַסער?" — בעט זיך צוריק ביי אים די מאַמע. „אוי, איך וויל זייער טרינקען", שרייט ער ווידער, „מאַמע, זאָגט דאָד, איך וויל אַ טרונק". „איך וויל אויך — זאָג איך. פריידקע גיט זיך אויך אַ רוק, זי וועט אויך טרינקען. מאַמע ענטפערט גלייך נישט, וואָרום דאָס קריגל איז שוין ליידיק.

— הירשל, וואָס טוט מען? — זאָגט מאַמאַ.

פּאַפּע, וועלכער איז שוין געשטאַנען מיט אַ טריט נענטער צו אונז, אַזוי ווי קלערנדיק, „זאָל איך זיי הייסן אָפּוואַרטן, אָדער זיי וועלן באַלד אַליין פאַרגעסן אָן דורשט", איז גלייך, ווי מאַמאַ האָט אים געשטעלט די פראַגע, צוגעגאַנגען צו אונז.

— עס איז נישטאָ וואָס צו טון. עס איז שוין באַלד טאָג, עס וועט שטיל ווערן, עס איז נישט געפערלעך. אייגנטלעך טרינקט איר דאָך קיינמאָל נישט ביינאַכט, לאָז אייך דוכטן, אַז איר שלאָפט. שלאָפט טאַקע איין. מיר ענטפערן גאָרנישט.

— איך וועל גיין זען — זאָגט פּאַפּע און לאָזט זיך אין דער צווייטער זייט קעלער. איצט, קוקנדיק, ווי פּאַפּע גייט אַלץ טיפער אין קעלער צווישן די זיצנדיקע איינגענורעטע מענטשן, הויב איך אָן בעסער צו זען; אין טונקעלן נעפל הויבן זיך אָן אויסטיילן באַזונדערע געשטאַלטן. עס טרעט אַרויס

דייטלעכער פּאַר מיר די שוואַרצע מאַסע אין צווייטן ברעג. איך האָב אַלץ געטראַכט, וואָס דאָס איז. עפּעס אַ קופּע שמאַטעס, אָדער עטלעכע מענטשן, וואָס זיצן אומבאַוועגלעך. ווען פּאַפּאַ שאַרט זיך דורך פאַרביי, זע איך, אַז דאָס זיצן אָנגעשפּאַרט צוויי פּרויען און שלאָפן. נישט קשה, אַזוי רוהיק פילן זיי זיך די נאַכט, בשעת אַלץ אַרום ציטערט. איך ווייז אויף זיי מישאַן.

— אַ פּאָר בהימות — זאָגט מישאַ מיט ביטול.

מישאַ איז גאָר אַנדערש, ווי דאָד. דאָד, ווען ער שרעקט זיך, ווייזט ער דאָס נישט אַרויס, ער האַלט עס אין איין באַהאַלטן. אַז איך קוק אויף אים, איז ער שטענדיק רוהיק און שווייגעדיק; נאָר כאַפּנדיק אומגערן אַ בליק, קען מען אַמאָל באַמערקן אויף זיין פּנים אַן אויסדרוק פון מורא. מישאַ איז ביי אונז פאַרעכנט פאַרן גרעסטן פּחדן. פריידקע, דהיינו, שרעקט זיך אויך זייער, און מען זעט ווי זי ציטערט, קען נישט אַרויסרעדן קיין וואָרט, און ווערט פּשוט אַ האַלבע. מישאַ איז שוין גאָר אַנדערש. מיט אַן אומצופרידענער מינע איז ער אין אַ סכנה געפערלעך קאָנצענטרירט, און זיין שרעק באַהאַלט ער נישט, שעמט זיך נישט מיט איר, פאַרקערט. יעדע ווילע ווענדעט ער זיך צו מיר און וועגן אַלץ וועגן דער לאַגע. — לייב, ווי מיינסטו, דאָס וואָס מיר געפינען זיך ביי דער וואַנט, איז בעסער ווי אין מיטן? ער קלערט, צי יענער טון קען אונז פאַרשטעלן, צי מען וועט נאָך קענען אַרויסקריכן, אויב דער אַרויסגאַנג זאָל פאַרשאָטן ווערן, אויב עס איז נישט קיין ריזיקע צו זיצן נאָענט ביי די פענסטערלעך. און כאָטש ער טוט אַלץ, וואָס ער טראַכט אַליין אויס און וואָס אַנדערע זאָגן אים, כדי צו פאַרקלענערן די געפאַר, קען ער זיך אויף אַ האָר נישט באַרוהיקן. ער איז די גאַנצע צייט אויף און הערט פריער און בעסער פאַר אַלעמען יעדן אויפרייס. מיר ענטפערנדיק שאַרף, דאָס מען דאַרף זיין אַ בהמה, כדי ערשט רוהיק צו כראָפּען, אינטערעסירט ער זיך שוין מיט אַן אַנדער

יאך: אויב א פאַנצער פאַרהיט פון א קויל, טאָ פאַרוואָס טוט מען נישט אָן אויף מלחמה די סאָלדאַטן קיין פאַנצערס?...

פאַפאַ געפינט זיך איצט אין א צווייטן ברעג קעלער. ווו עס באַראַטן זיך אַלע טאַטעס, ווי אַזוי מען קריגט וואַסער. כאָטש וואַסער מאָגען נאָר קליינוואַרג, מאָגען אָן חכמות, מיין איך, אַז די גרויסע ווילן אויך טרינקען. אַפילו די באָבע, וואָס האַלט אונז אין איין פאַרלייגן חלה, וואַלט זיך אויך גישט אָפּגעזאָגט פון א גלעזל וואַסער. וואַסער אין א רייַנער געשליפענער גלאָז. די גלאָז איז זייער קאַלט, ווייל דאָס וואַסער, וואָס פילט זי אָן ביזן ראַנד, איז קאַלט. וואַסער האָט דאָך קיין פאַרב נישט, אָבער עס זעט זיך, מען זעט עס זייער גוט. וואַסער איז ווייך, וואַסער גיסט זיך, וואַסער ציט זיך. וואַסער איז אַפילו גוט מיט דער צונג צו לעקן, וואַסער דאַרף מען נישט קיין סך — איין לעק און עס איז גענוג. איך וואָלט ערשט אויסגעטרונקען אַן עמער וואַסער. פאַרוואָס גיט מען פערד טרינקען פון עמער און מענטשן פון קליינע גלעזער?

אָקאָרשט איז דער קעלער געזעסן שטיל, ווי מורא האָבנדיק די שאָסן נישט צוצוציען. איצט באַוועגט מען זיך. א חוץ דער באָמבאַרדירונג טראַכט מען אויך וועגן וואַסער. קינדער מאָגען וואַס־ר. גרויסע קלערן וועגן וואַסער, ווו קריגט מען וואַסער? איך וייס, וואַסער נעמט מען אין פּלומפּ. דער פּלומפּ געפינט זיך נישט ווייט פון שטוב, דאָרט ווו די בוימער זענען שיטער, ווו עס איז נישטאָ קיין שאָטן. די ערד איז זאַמדיק. דער פּלומפּ איז אַן אייזערנער. ווינטער טוט מען אים אָן א קלייד פון שטרוי. וואַסער גיט ער, אַז מען נעמט אים אָן פאַר דער האַנט און מען הויבט זי אָן דריקן הין און צוריק. איך וואָלט אַליין זיך אָנגענומען אָנפּאָמפּען וואַסער. מיר ווייסן נישט, וואָס עס קומט פאָר אין דרויסן. נאָר נאָכן געדויש, וואָס עס דערטראָגט זיך צו אונז, מוזן דאָרט די באָמבעס אַקערן די ערד. דעריבער, ווען א בחור האָט זיך אָנגענומען צו ברענגען וואַסער, האָבן די ווייבער געזאָגט, אַז זיי וועלן אים נישט לאָזן.

דעם בן-יחיד, וואָס זיצט אין נישע און וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט געגריזשעט צוקערקעס, האָט זיך אַזוי פאַרוועלט טרינקען, אַז עס העלפן נישט קיינע צוזאָגענישן. ער מאַכט אַזעלכע געוואַלדן, אַז איך, מישא, און דאָד האָבן פאַרגעסן, דאָס מיר ווילן אַליין טרינקען, און מיר הערן זיך צו מיט פאַרגעניגן צו זיינע קולות. מיר האָבן אים פיינט, און מיר קוקן מיט פאַרגעניגן, ווי ער פאַרגיסט טייכן טרערן. מישא זאָגט, דאָס מיט די טרערן, וואָס ער גיסט אויס, וואָלט ער זיך געקענט גוט אָנטרינקען.

דער טויבער, דאַרער, האַלב גראָער ייד, וועמענס בן-יחיד עס וויינט אַזוי נעבעכדיק נאָך אַ טרונק, גייט צום ווינקל, ווו עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע טאַטעס. ער איז דאָך דער באַלעבאָס פון הויף און ער ווייס, אַז גלייך ווי מען עפנט די טיר פון קעלער, שטייט אַ טון, און אין טון דאַרף זיין רעגנוואַסער. — „די כּלי איז בעסער", „די איז אָבער באַקוועמער", „און די איז גרעסער" שטופּט מען דעם בחור פון אַלע זייטן קריג און טעפּ, און כאַפּנדיק איינס פון זיי, לאָזט ער זיך צו דער טיר. אַזוי ווי הינטער דער טיר וואָלט אַ ווייסער בער געשטאַנען. באַקוקט מען, צי קיין ווייבער און קינדער זענען נישטאָ נאָענט ביי דער טיר. אַ פּאָר פון די מענער ווערן נאָך פון פריער אָפּגערופן פון זייערע ווייבער. אַנדערע טראָגן זיך אַליין אָפּ. אַרומגערינגלט פון עטלעכע מאַנסבילן, וואָס שטייען פון ביידע זייטן און האַלטן אין איין עצות געבן, אַז אייגנטלעך, דאַרף ער גאָר וויַט נישט גיין, נאָר די פּאָר טרעפּלעך פון קעלער, און אויסציִען די האַנט און אָנשעפּן, גרייט זיך דער בחור שוין אַרויסצושפּרינגען. אַ יידענע הייבט אָן שרייען, מען זאָל אים נישט לאָזן גיין — „צוליב אַ ביסל וואַסער זאָל אַ מענטש מיטן לעבן ריזיקירן". דער בחור ווערט אין כּעס, לויפט האַסטיק אַרויף אַלע טרעפּלעך. עס צעפּראַלט שנעל די אויפגעמאַכטע טיר, און אויך אַזוי שנעל ציען אָפּ אין ביידע זייטן אַלע וואָס געפינען זיך דערביי. אין טיר קוקט אַריין אַ פינסטערער דרויסן, שטאַרקער און שוואַכער, גרילצנדיק, פייפנדיק,

־ויקנדיק, הערט זיך די שיסעריי.

דאָס וואַסער האָט מען צעטיילט. עס איז רעגן־וואַסער. אַ רעגן איז ערשט געווען מיט עטלעכע טעג צוריק. די צייט איז דער טון וואַסער געשטאַנען אונטער דער זון. ווי מיר נעמען עס אַריין, שפּייען מיר גלייך אַרויס. עס שטינקט, עס איז פעט, עס האָט אַ טעם פון צעוויקט האָלץ. פונדעסטוועגן איז אין אַ האַלבער שעה אַרום שוין קיין וואַסער נישטאָ. מיט צוקער און אָן צוקער, זיך קרימענדיק, שפּייענדיק, פאַרקוועטשנדיק די נאָז, ווי בײַם נעמען ריצנאייל, זופן מיר ביסלעכווייז אויס דאָס וואַסער. דעם דורשט האָבן מיר אינגאַנצן נישט געשטילט, אָבער די צויבערקראַפט פון וואַסער האָט דער עצם פאַקט, וואָס מיר האָבן פאַרט עפּעס וואָס געטרונקען, אונטערגעבראָכן.

אין קעלער איז שטיל, אויבן דויערט נאָך די חתונה, ווי פריער. דער זייגער איז שוין דריי, איצט שוין מיט אַן אמתן. מיר זענען זייער מיד. איך האָב מישאַן געפרעגט, צי מען הרגעט זיך איצט אויף דער גאַנצער וועלט און אַפילו אויפן אינזל, וווּ ראָבינזאָן קרוזאָ האָט געלעבט. עס וואָלט ערשט גוט געווען צו זיין אויף אַזאַ אינזל — ענטפערט מישאַ, און פאַרקלערט זיך.

איך בין ווידער איינגעשלאָפן און זיך ווירער אויפגעכאַפּט. אין קעלער איז אַ געדיכטע פינסטערניש. מישאַ האָט מיר גלייך געזאָגט, אַז דאָס איז גוט. די פינסטערניש ווייזט, אַז באַלד וועט טאָגן. מאַמאַ, וועלכע האַלט מירעלן די גאַנצע צייט אויפן שויס, איז נישט צופרידן, וואָס מיר זענען אויף. זי ראַט אונז שלאָפן ווייטער. אָבער דאָ אין קעלער קען מען פון מידקייט נאָר אויף אַ ווײַלע איינשלאָפן. לאַנג שלאָפן זיצעדיקערהייט און אין אַזאַ געפּילדער, וואָס שרעקט דיך, איז שווער. איך זיץ אין דער טונקלקייט, וואָס איז געדיכט, און מיר דאַכט זיך, אַז זי וואַרימט מיך. אָבער דאָס טראַכט איך אַזוי, ווייל איך פיל, ווי עס ווערט מיר קאַלט. מיר איז שווער און בודנע. די קליידער זענען אויף מיר לויז און קלעפּעדיק.

איך ריר זיך. איך שאר מיך אויף מיין פּלאַץ און עס ווערט מיר נישט בעסער. איך בין נישט צופרידן, איך פיל, ווי עס קלייבט זיך אין מיר אַ כעס, אַן ערגערניש אויף זיך אַליין, אויף די קליידער, וואָס זענען איצט פּריקרע, אויפן שלעכטן טעם אין מויל, אויף די אויגן וואָס בייסן, אויף מישאַן, וואָס האַלט זיך אין איין דרייען, אויף דאָדן, וועלכער שלאָפט נאָך, און אויף אַלעמען, וואָס זענען דאָ דאָ אין קעלער איינגענוי־רעט, ווי פּעק אַלטע וועש. פע, אַ שמוציקער קעלער.

דער חושך ווערט אַלץ שיטערער און גייט איבער אין אַ גרויקייט, אין וועלכער אַלץ זעט זיך שוין דייטלעכער. זיצנדיק צוזאַמענגעפּאַלן, ליגנדיק צונויפגעדרייט, זעען אַלע דאָ אויס, ווי קראַנקע, בלאַסע, נאָכן ברעכן. שטעלט זיך ווער אויף, גלייכט אויס די ביינער, טוט ער דאָס נישט לייכט, מיט ווײ־טיק. אַ גרויסע אומבאַהאָלפנקייט הערשט איבער אַלעמען. עס איז נישטאָ וואָס צו טון. מיר קענען מיט גאָ־נישט זיך פאַר־לייכטערן. מיר מוזן ליגן און וואַרטן, ביז זיי דאָרט אויבן וועלן אויפהערן. מיר וויסן נישט, ווער עס שיסט, די רוסן, צי די דייטשן. אונז איז אַלץ איינס. מיר ווילן נאָר, עס זאָל אויפהערן, מיר זאָלן קענען אַרויסקריכן פון דאַנען. גיין אין שטוב. מיר ווילן, דאָס הארץ זאָל אויפהערן צו קלעמען, עס זאָל נישט זיין שווער אין גוף, מיר ווילן שלאָפן. הענגט אי־בער אונז אַלעמען, איבער די עטלעכע בינטלעך פאַמיליעס, וואָס זענען אהער צונויפגעלאָפן, אַן אַלטער, פייכטער, ציגעל־נער באַלקן, און איך טראַכט, אַז אַלע ווילן מיר דאָס זעלבע: עס זאָל ווערן צוריק ווי עס איז געווען, איידער די מלחמה איז אַרויף.

עס האָט זיך געענדיקט. די שיסעריי, וואָס מיר הערן אַצינד, איז אַן אַנדערע, אַ ווייטע, צו אונז האָט זי קיין שייכות נישט. אין קעלער ווערט פרייער, מיר הויבן זיך אָן צו באַוועגן, צוזאַמענעמען די זאַכן, וואָס מיר האָבן מיט זיך, און איידער דאָס געפיל פון זיכערקייט באַווייזט דורכצודרינגען די ביינער, דערהערט זיך אַ קלאַפּעריי פון אייזערנע פּאָדקאָ־

ווען אָן די שטיינער, און שטיל, שאַרף צוציִגן גיט עמעצער א זאָג:

— קאָ—זאַ—אַ—אַ—קן...

אין קעלער לויפט דורך אַ שטילקייט. אַלע פילן, ווי אַ געדיכטע מאַסע רייטער באַוועגן זיך איבער דער גאַס. דורך די פענסטערלעך זעען זיך נאָר פערדישע פיס. געשמידט אין פּאָדקאָוועס, וואָס טרעטן קלאַפּנדיק איבערן ברוק. ווען די לעצטע רייטער פאַרשווינדן, אָוועקטראָגנדיק מיט זיך דעם געַרויש פון אייזן און שטיין, וואַרטן מיר נאָך אַלץ מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס. עס גייען אַוועק אייניקע שטילע מינוטן. דעמאָלט, ווי צוזאַמענגערעטערהייט, כאַפּן זיך אַלע צו די ביסלעך זאַכן און פאַרלאָזן דעם קעלער. קיינעם נישט טרעפנדיק, קומען מיר אין שטוב. איך שלאָף תּיכּף איין.

5. רוסן

ווען מען וועקט מיך אויף, אַז עס איז שוין גענוג צושלאָפן, מען דאַרף עסן אויך, איז שוין שפּעט אין טאָג. דער גאַנצער הויף איז פול מיט רוסישע סאָלדאַטן. אין מיטן שטייט אַ גרויסער קעסל אויף רעדער — דאָס איז די פעלד-קיך. די סאָלדאַטן גייען אַריין צו אונז, רעדן ווייניק. זעצט זיך איינער עסן בײַ אונזער טיש — עסט ער פאַר זיך, וואָס ער האָט. קומט אַריין אַ צווייטער טרינקען — נעמט ער אַליין וואַסער, פרעגט נישט, באַדאַנקט נישט; מיר פילן זיך אָבער מיט זיי גוט. איבערהויפּט זענען מיר אין אַ געהויבענער שטימונג, מחמת דער גרוב אין וועלכן די אָפּטרעטנדע דײַטשן האָבן אונז געראַטן זיך צו לייגן, איז אינגאַנצן צוריסן פון אַ האַרמאַטן-באָמבע. מיר האָבן שוין אַ מאָל צען באַקוקט דאָס אָרט. מישאַ זאָגט, אַז אַ סך ווייסן זיי, די סאָלדאַטן. די באָבע זאָגט, אַז אַ שיינעם פּנים וואָלטן מיר געקענט האָבן, ווען מיר וואָלטן זיי געהערט.

איך, מישא און דאָד באַטראַכטן די פעלד-קיך. מיר האָבן זי שוין אונטערזוכט פון אַלע זײַטן און אײַנגעפונען, אַז עס איז זייער אַ באַקוועמע זאַך. דער קוכער, וואָס מישט אין געקעכטס מיט אַ זעלטן גרויסן קאָכלעפל, האָט אונז באַמערקט און אַ פרעג געטון: חברה, איר ווילט עסן? — ניין, שאָקלען מיר מיט די קעפּ, און אַזוי ווי ער האָט שוין צו אונז גערעדט, פילן מיר זיך בײַם קעסל היימיש און איילן זיך גאָרנישט אַוועקצוגיין. עס קלײַבן זיך צונויף נאָך עטלעכע זעלנער. דאָס זענען אַלע, וואָס קאָכן דאָס עסן, פּאַסן אויף דאָס פייער. יעט-

װעדער פון זײ האָט אַ מעשענעם לעפל. לאַנגזאַם, אױסגערעכנט נעמט דער קוכער אַראָפּ מיט זײַן לעפל דאָס אױבערשטע, דאָס פעטע פון קעסל, און גיסט עס יעדערן אָן אין זײַן כּלי. דערנאָך, שעפּנדיק פון גרונט און אָפּגיסנדיק צוריק דאָס שי־טערע, לײגט ער יעדן אָן געדיכטע קרויט. אין אַ גרויסער שיסל שטעלט מען אַװעק פּאָר אַלעמען פלײש. אַזאַ מאָדע. זעצן זײ זיך עסן; דאָס פלײש, װאָס זײ געפעלט נישט, װאַרפן אַנדערע צוריק אין טאָפּ, אַפילו נאָכדעם װי זײ האָבן די בעסערע ערטער אַרומגעגריזשעט, און שלעפן פון געקעכטס נײַע חלקים. זײ עסן מיט גרויס אַפּעטיט און װערן נישט זאַט. אונז װערט עפּעס שװער אויף זײ צו קוקן, און מיר גײען אַװעק. װען מיר גײען אָפּ אַ שטיקל, זאָגט דאָד: װעל־כע פרעסער זײ זענען! — נישט נאָר פרעסער, נאָר נישט קײן אָרנטלעכע מענטשן אויך — כאַפּט אונטער מישאַ — זײ נעמען אַראָפּ דאָס פעטע, שעפּן אױס דאָס געדיכטע, כּדי אַלײן צו עסן אַביסל געשמאַקער, פירן זײ איבער דאָס גאַנצע עסן פון זײערע חברים.

אַזוי רעדנדיק, קומען מיר אַרויס אויף דער גאַס. די גאַס איז פול מיט סאָלדאַטן. מיר שטופּן זיך צװישן זײ. זײ טראָגן די זעלבע קלײדער און קוקן מיט די זעלבע פּנימער. זײ הערן אויף צו זײַן פאַר אונז אינטערעסאַנט. מיר װערן אָבער נתפּעל פון זײער צאָל. — די רוסן זענען זײער אַ סך. זײ װעלן אױסהרגענען אַלע דײַטשן, זאָגט דאָד. — דו פאַר־שטײסט גאָרנישט. דו מײנסט, אַז כּדי די רוסן זאָלן געװינען, דאַרפן זײ אַלע דײַטשן אױסהרגענען. עס איז גענוג צו פאַר־ניכטן נאָר אײן טײל, די איבעריקע װעלן זיך דעמאָלט אונ־טערגעבן — ערקלערט מישאַ. איך רעכן, אַז מישאַ איז גערעכט. װער עס ראָט שנעלער אויס דעם גרעסטן טײל פון שונא, דער זיגט, און אויב די איבערגעבליבענע גיבן זיך נישט אונטער, הרגעט מען זײ אויך אויס.

עפּעס ציט אונז אַלץ צום אָרט, װוּ עס איז געשטאַנען אונזער שטוב. איצט האָבן מיר אויך פאַרקירעװעט אין יענער

זייט. מיר זענען אָבער אהין נישט דערגאַנגען, און געבליבן שטיין ביים ראָג, ווו פאַר דער שריפה איז געשטאַנען לעווינס אייזן-קראָם. ביי דער קראָם איז געווען אַ גרויסער הויף פון אַלע מאָל, אָנגעשטעלט מיט פעלד-מאַשינען און אָנגעוואָרפן מיט אייזן-בראָך. אַלץ האָט אָרומגעברענט, נאָר דער הויף מיט די גרין געפאַרבטע אַקער-אייזנס איז גאַנץ, ווי פריער. דאָ שטייען ערשט גאַנצע קופּקעס סאָלדאַטן. זיי באַקוקן מיט גרויס הנאה די מאַשינעס. אַ סאָלדאַט נעמט אָן אַן אַקער-אייזן און דריקט דעם שאַרף אין דר׳ערד. מיר גייען צו נענטער, אונז געפעלט, ווי די סאָלדאַטן ווערן דאָ, צערטלענדיק די אַקער-אייזנס, ריידעוודיקער און אָנגענעמער. זיי וואַרפן זיך איבער מיט רייד, מען רעדט וועגן היי, וועגן פערד, וועגן רעגן און אַפילו וועגן די שכנים דאָרטן. מיר שטייען אַ רעכ-טע צייט און קוקן זיך צו צו די זעלנער. פּלוצלינג ברעכט אויס גאָר נאָענט אַ שאַרפע שיסעריי. אַלע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן הויף, האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף דער ערד, נאָר איך, מישאַ און דאָד זענען געבליבן שטיין און מיט פאַרוווּנדערונג געקוקט, ווי גרויסע מענטשן ליגן, האַרט דריקנדיק זיך צו דער ערד. נאָר זעענדיק, ווי יענע זענען ערנסט, האָבן מיר זיך דערשראָקן און אַנטלאָפן אהיים.

אַז עס הויבט אָן צו ווערן פינסטערלעך, פאָרן כמעט אַלע סאָלדאַטן אַוועק מיט דער קיך צו די אָקאָפּעס. עס דערטראָגט זיך אַ שוואַכע שיסעריי. מיר בלייבן אין שטוב, און אין די קליידער לייגן מיר זיך שלאָפן. מאַמאַ זאָגט, עס מעג ווי שיסן, אין קעלער גייט זי נישט פאַר קיין געלט. זי איז גערעכט — איך גיי אויך נישט. מירעלע, מאַמאַ, פריידקע אין איין זייט בעט, איך מישאַ און דאָד אין דער צווייטער, די באָבע אויף עפּעס אַ קעסטל, און פּאַפּע אויף דריי שטולן — אַזוי בעטן מיר זיך אויס. אָבער מיר זענען באַלד ווי צופרידן. אין פאַרגלייך מיט נעכטן איז היינט אַ גן-עדן.

מיך וועקט אויף אַ טומל, דעם צימער, וואָס איז פול

מיט דער ליכטיקייט פון דער נאַכט, פילן אָן סאָלדאַטן. איינער נאָכן אַנדערן, מיט ביקסן אין די הענט, מיט פעקלעך אויף די אַקסלען, שטופן זיי זיך אָן. און ווי איינער געפינט נאָר אַ שטיקל פלאַץ, ציט ער זיך אויס. דעם ביקס לעבן זיך. קוים אַרויסציִענדיק די הענט פון די רימענס פון ראַנעץ, זינקט ער איין אין שלאָף. די סאָלדאַטן האָבן פאַרלייגט מיט זיך דעם גאַנצן צימער. אַפילו די שוועל. און עס איז דריקנד זייער בראָפּען אין דער נאַכט. לאַנג, שווער צוהוסט זיך די באָבע. די באָבע הוסט אָפט ביינאַכט. היינט הוסט זי אָבער מער, ווי שטענדיק. איר איז דאָ שווער די לופט, דער ריח פון שווייס און טאַבאַק.

— אַלטע, לאָז שלאָפן! — רופט זיך גראָב אָפ פון דיל אַ זעלנער.

די באָבע הוסט נאָך אַ ווײַלע און ווערט אַנשוויגן. איך שלאָף נישט. איך האָב מורא, די באָבע זאָל זיך ווידער נישט צוהוסטן. און די באָבע גיט טאַקע ווייטער אַ הוסט, און פון וועלן זיך איינהאַלטן פאַרשטיקט זי זיך און פאַרגייט אין אַ לאַנגן קייכן.

— הערסט אויף, אַלטע, אָדער איך דערשטעך דיך — שרייט מיט כּעס דער זעלבער זעלנער. אַ סאָלדאַט וויל דערשטעכן די באָבע, פון שרעק גייט אַריבער אַ קאַלטער שווייס איבער מיר. איך באַרוהיק זיך אָבער, אַז דאָס זאָגט ער נאָר אַזוי. ער וויל, די באָבע זאָל נישט הוסטן. ער מיינט, אַז זי קען זיך איינהאַלטן אויך — שרעקט ער זי. איך דריי זיך אויף מיין אָרט. איך פּרווו זיך אַוועקזעצן. מיינע אויגן באַגע־געגנען זיך מיט די אויגן פון מאַמאַ. זי איז אויך אויף.

— שלאָף, שלאָף, לייבעלע, באַרוהיקט זי מיך. די באָבע איז שוין מיד אַנשוויגן געוואָרן. דער גאַנצער צימער אָטעמט שווער אין שלאָף.

בײַ אונז זיצט אַ ברייטפּלייציקער רוס. ער האָט אָקאָרשט

געענדיקט לייענען אַ בריוו, וואָס ער האָט געקריגן פון זיין חיים. ער האַלט נאָך אַלץ דעם בויגן פּאַפּיר איןביידע הענט, באַמיט זיך אים אַריינצוזוקן אין אַ אָפּגעריבענעם קאָנווערט, און זיך ווענדנדיק צו פּאַפּאַן, מאַמע און דער באָבע, שמייכלט ער מיט אַן אָפענעם געזיכט.

— איר האָט געהערט — ווייזט ער אויפן בריוו — זיי ווייסן גאָרנישט וואָס דאָ קומט פאָר... און איך, גיט ער אוּמעטיק אַ שאָקל מיטן קאָפּ — טראָג שוין ווער ווייס ווי לאַנג די זעלבע העמד. איך האָב שוין די הויט פון זיך אַראָפּגעשונדן. זעט אַ פּנים איך האָב שוין — עפנט דער סאָלדאַט זיין ברוסט, וואָס איז אינגאַנצן צוקרייצט אין רויטע פּאַסן... אַנדערע ראַצן זענען שוין פאַרטריקנט און שיילן זיך אַראָפּ, און אויף אַנדערע איז דאָס בלוט נאָך פריש.

— אַזוי בין איך דער גאַנצער פון קאָפּ ביז די פיס — ווייזט ער זיינע צוקרעלטע אַקסלען.

— וואַרפט די העמד אינגאַנצן אַראָפּ. צוואָס דאַרפט איר אַזאַ ברוד אויף זיך — זאָגט פּאַפּאַ.

— ניין, שאָקלט אויף נישט דער סאָלדאַט, בלייבן אָן אַ העמד וועט נאָך ערגער זיין. דער מונדיר איז נישט ריינער, און ער וועט רייבן, ווי אַ ריבאייזן. און דערצו אין די אָקאָפּעס איז ביינאַכט קאַלט.

— מאַמאַ, זע פאַר אים אַ העמד — זאָגט מאַמאַ צו דער באָבע.

די באָבע נעמט נישטערן אין די פאַרבונדענע פּעקלעך. זי וואַרפט אַלץ איבער, עס געדויערט שוין לאַנג. מאַמאַ קומט צו, די באָבע זאָגט איר עפּעס, און זיי זוכן שוין זאַלבעצווייט.

— וואָס פּאָרעט איר זיך דאָרט אַזוי לאַנג — פרעגט פּאַפּאַ.

— עס איז אַלץ פרויען-וועש, פון דעם איבעריקן האָבן מיר דאָך גאָרנישט געראַטעוועט — זאָגט מיט פאַרדרוס מאַמאַ.

— וואָס איז די נפקא-מינה, אַבי אַ העמד — זאָגט פּאַפּאַ — גיט נאָר אַהער, וואָס איר האָט דאָרט אַזוינס.

מאַמאַ נעמט אַרויס אַ העמד. אַ לילאַ העמד, וואָס איז צוזאַמענגעלייגט פּינקטלעך און אויסגעפּרעסט, און דערלאַנגט עס אין פֿאַרלעגנהייט פּאַפּאַן.

— אָט וועלן מיר אייך באַלד אויספּוצן, ווי אַ כּלה — נעמט פּאַפּאַ אָן די העמד פֿאַרן אויבן און וויקלט זי אויס, שמייכלענדיק צום סאָלדאַט. ווי אַלע פֿרויען־העמדער, איז זי לאַנג, אָן אַרבל, מיט שמאָלע בענדלעך אָנשטאָט אַקסלען, גאַרנירט מיט שפּיצן ביי די קאַנטן. — עס וועט אייך קליידן — רעדט פּאַפּאַ ווייטער צום רוס, וואָס קוקט אַביסל פֿאַרלוירן און פֿאַרשעמט אויף אונז — וואָס קלערט איר, גייט אַריין אין קיך און טוט זיך איבער.

— איך קלער טאַקע גאָרנישט — כאַפּט זיך אויף דער סאָלדאַט. די העמד איז ווי פֿאַר מיר, אַ קליינער חסרון, וואָס די בענדלעך זענען אַ ביסל צו שוואַך, נאָר דאָס איז אויך קיין בייז נישט. פּאַפּאַ לאָזט אָפּ די העמד, און זי בלייבט ביים סאָלדאַט אין די הענט. ער קנוילט זי צוזאַמען און נעמט זי אַריין די גאַנצע אין פֿויסט און טראָגט צו צו דער באַק. „צאַרט ווי אַ באַנדאַזש, שמייכלט ער, מיין פֿעל וועט דערפֿון ווייכער ווערן, זי איז דאָך שוין, ווי אַ פּאָדעשווע — הייסט דאָס, מען דאַרף אַ זיידן העמדל אויף זיך אָנציען... ווו הייסט איר מיר גיין? אַהין?” פֿרעגט ער, גייענדיק צו דער קיך.

— יאָ, קיינער וועט אייך נישט שטערן. פֿאַרמאַכט די טיר — זאָגט פּאַפּע.

זייער גיך קומט ער אַרויס צוריק. זיין פּנים איז איצט אַביסל רויטלעך. ער שמייכלט אין צופֿרידענער פֿאַרלעגנהייט — יאָ, די העמד איז ווי אויף מיין איצטיקן מיסט געוואַקסן... דאַנקען דאַרף איך דאָך אייך נישט, רעדט ער לעבעדיק צו אונז.

— וואָס דאַנקען, ווען דאַנקען — זאָגט מיטן זעלביקן טאָן פּאַפּע. ערשט זעט איר דאָך אויס, ווי אַ מענטש...

און ער, דער סאָלדאַט, וואָס זעט ערשט אויס, ווי אַ מענטש, שטייט פֿאַר אונז מיט אַ נישט פֿאַרשפּילעט רעקל, דורך

װעלכן עס קוקט אַרױס אַ לילע העמד מיט אַ שמאָלן פּאַס געלבלעכע שפּיצן גאַרנירט. די פאַרלעגנהייט האָט ער שוין פאַרלױרן, און ער איז דער גאַנצער אַ שטיק צופרידנהייט. און מיר אַרום שטייען אויך זייער מונטער און צופרידן, װי אונז אַלעמען װאָלט אַ געמיינזאַם גליק געטראָפן. אַפילו דאָד האָט מיך אויפגעהערט צו שטופּן אין זײַט: „אַ מיידלשע העמד״...
„אַ סאָלדאַט אין אַ מיידלשער העמד״, און קוקט איצט אויפן רוס מיט גרויסע אויגן, װאָס זענען פול מיט אַ סך גוטע געפילן און אין זיי איז מער נישטאָ קיין חוזק.
— איר װעט דאָס נאָך אַלץ אין פריידן אייער װײַב דערציילן — שמייכלט מאַמאַ צום סאָלדאַט.
— הלװאַי, עס גלויבט זיך שוין גאָר נישט פון דעם גיהנום אַ לעבעדיקער זיך אַרויסצורייסן — פאַרטראַכט זיך אַ װיילע דער סאָלדאַט און גיט זיך גלייך אַ כאַפּ — זייט געזונט, גאָט װעט אייך באַצאָלן — לאָזט ער זיך צו דער טיר.
— זייט געזונט — ענטפערן אַלע.
— גאָט װעט אונז אַלעמען באַצאָלן מיט גוטס — לייגט צו די באָבע.

טאָג טעגלעך קומען גרופּעס סאָלדאַטן פון די פּאָזיציעס אויף אָפּרו. מיט זייערע פאַרשמוציקטע לייבער און קליידער. מיט זייער אָפּגעלאָזענער גלייכגילטיקייט דערמאָנען זיי מער אָן בעטלער, װי אָן סאָלדאַטן. װען מיר האָבן זיך אין דערפרי דערוװוסט, אַז עס זענען אָנגעקומען נײַע ריכטיקע זעלנער, נישט פון די אָקאָפּעס, נאָר פון טיף רוסלאַנד, האָבן איך, מישאַ און דאָד זיך אַרויסגעשאָטן זיי באַגעגענען. נאָר זיי האָבן אונז אויך אַנטוישט. זייערע מונדירן זענען טאַקע גאַנץ, און אַפילו די שטיװול זענען אָפּגעפוצט. אָבער פון די פנימער טראָגט מיט אַ נישט באַהאַלטענעם אומעט, און זיי הערן זיך צו מיט אַ װייטאָקדיקער נייגיריקייט צו דער װייטער שיסערײַ.
צװישן די נײַ אָנגעקומענע זענען דאָ אַ סך יידן. אונזער

צימער איז איצט פול מיט זיי. איין סאָלדאַט זיצט אויף אַ שטול, די איבעריקע שטייען ביי די ווענט, ביים אויוון. דער איינער רעדט צו פאַפּן, מאַמאַ, דער באָבן, און אַלע הערן אים:

— זעט אויף מיר — עפנט ער ברייט פאַר זיך די הענט — איך בין אַן אַלטער ייד... מיין יאָר האָט מען נאָך נישט גע-רופן, און ס'קאָן זיין, אַז מען וועט עס אינגאַנצן נישט רופן. וואָס דען, איך בין אָבער אַן אַפּטייקער, און אַפּטייקערס דאַרף מען האָבן אויף דער מלחמה אַפילו עלטערע. גוט, מען דאַרף. האָט מען מיך צוגענומען. בין איך געווען אין אַ לאַזאַרעט און געטון מיין זאַך. בין איך אָבער אַ ייד. און מיט אַ יידן מעג מען טון אַלץ... האָט מען אין איין טאָג מיך צוגענומען פון לאַזאַרעט, גלויבט מיר, ווו עס איז אַפילו נישט געבליבן, ווער עס זאָל מיך פאַרבייטן, און מען האָט מיך אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט גלייך אויף די ערשטע פּאָזיציעס, ווו מיר גייען ביינאַכט אַוועק. מיינט איר, איך בין איינער אפשר? אָט אַלע זענען מיר דאָך אַזעלכע — קוקט זיך אַרום דער, וואָס רעדט, אויף אַלע סאָלדאַטן אין צימער — אין איין צייט האָט מען אונז אַלעמען אַרויסגעוואָרפן פון די ערטער, ווו מיר האָבן געאַרבעט, און געבראַכט אַהער. קוקט אויף אונז, מיר זענען דאָך גאָר אַלטע לייט, פעלדשערס, אַפּטייקערס... נאָר אַלץ אַזוינע האָט מען אונז גענומען פאַר דער צייט... דער סאָלדאַט ווערט פאַר-שוויגן, אַראָפּלאָזנדיק אויף די קני זיינע אָפענע הענט.

— און שיסן האָט מען דאָך אונז אַפילו נישט באַוויזן אויסצולערנען — רוקט זיך אַרויס אַ צווייטער סאָלדאַט מיט אַ שוואַרצער געדיכטער באָרד. מיר קענען אַזוי זיך באַגיין מיט אַ ביקס, ווי ער — און ער ווייזט אויף דאָדקען...

— וואָס איז דאָ דאָ צו רעדן. מען שיקט אונז אויף אַ זיכערן טויט — זאָגט שפּיל עמיצער פון די, וואָס שטייען ביי דער וואַנט.

— וואָס רעדט איר — האַקט אים איבער מיט פאַרדרוס פאַפּע — אַלץ וועט זיך ענדיקן בשלום. מיר זענען דאָך אַלע אין גאָטס הענט. ער וועט העלפן. און די אַלע, וואָס פאַפּע

זאָגט, אַז זיי זענען אין גאָטס הענט, הויבן אויף זייערע פאַר־גליווערטע פנימער און שאָקלען מיט די קעפּ; נאָר ער איינער קען העלפן...

— ער וועט העלפן, — זאָגט די באָבע הויך און מיט איבערצייגונג, אויפהויבנדיק די אויגן צום הימל.

— אוי, פאַר זיך בעט איך שוין גאָרנישט — זיפצט אַ סאָלדאַט — מיינע זין, מיינע איידעמס. גאָט זאָל זיי היטן, זיי האָבן דאָך פּיצלעך קינדער.

— מען דאַרף האָפן, מען דאַרף האָפן, אַז מיר וועלן אַלע געהאָלפן ווערן. זעט, ווי מיר זעען אויס, ווייזט מאַמאַ אַרום זיך — אַלץ איז מיטן פייער אַוועק. מיר האָבן שוין קיין כּוח נישט אין קעלער צו לויפן, מיט אַ זויגעדיק עופהלה אויף די הענט, מיט ברעקלעך קינדער, עס איז אויף אונז, עס איז אויף אייך, עס איז אויף אַלעמען אַ גרויסער יאָמער.

— מאַכן טיי? — פרעגט די באָבע — איר וועט וואָס טרינקען.

— ניין, מען דאַרף נישט, הויבט זיך אויף פון שטול דער סאָלדאַט, וואָס האָט דער ערשטער גערעדט. מיר וועלן איצט דאַווענען. מיר האָבן נאָך נישט געדאַווענט. די סאָלדאַטן נעמען אַרויס פון זייערע פעקלעך טליתים, תפילין, און באַלד שטייען זיי שוין אַלע און שאָקלען זיך צו דער מזרח־וואַנט. זיי זענען איינגעוויקלט אין די העלע טליתים איבערן קאָפּ ביז די פיס, נאָר די שטיוול זעען זיך אַרויס. פּאַפּע דאַוונט אויך, און מיר קינדער זיצן מיט דער באָבן און מאַמע אַלע אין איין ווינקל און וואַרטן, מען זאָל ענדיקן דאַווענען. דאָס דאַוונען ציט זיך לאַנג, לענגער ווי געוויינלעך, און אַז עס ענדיקט זיך, לייגן מיר פאָר די סאָלדאַטן עסן מיט אונז, אָבער זיי זאָגן זיך אָפּ, זיי קענען נישט, זיי ווילן נישט, זיי טאָרן נישט היינט עסן. מיר עסן אַליין אונזער פרישטיק. פּאַפּע און די באָבע עסן זייער שוואַך. דערצו האַלט נאָך מאַמאַ אין איין איבערחזרן „עסט, קינדער, עסט, כּל־זמן איר ווייסט נישט פון קיין צרות", אַזוי אַז איך האָב פאַרלוירן דעם אַפּעטיט, און די ביסנס שטעלן

זיך מיר אין האַלז. די סאָלדאַטן זאָגן ערשט תהילים. ווער פון אַ סידורל און ווער אויסווייניק. זייערע פאַרשטיקטע קולות מישן זיך אויס אין איין טרויעריקן מורמל, וואָס פילט אָן דעם צימער. ווערט מיטאַמאָל איינער פון זיי אַנשוויגן און בלייבט אַ ווײַלע באַוועגלאָז, פאַרקלערט, כאַפּט זיך פלוצלונג אויף, קוקט זיך אום מיט שרעק, דערזעט וועמען פון שטוב — מאַמאַ, די באָבע, אָדער אונז קינדער, לאָזט ער זיך גלייך צו אונז און דערציילט אין געהאַקטע ווערטער אַלץ וואָס אים איז טייער און וואָס ער ציטערט אַזוי צו פאַרלירן. רופט אָן די קינדער, אַמאָל די אייניקלעך נאָך זייערע נעמען, דערציילט עפּעס אַ קלייניקייט וועגן זיי, ווערט אַליין דערוואַרעמט פון דער דערינערונג, ביז ער דערמאָנט זיך ווידער, אַז היינט צו פינסטער שיקט מען אים אין די אָקאָפּעס, לויפט ער צוריק מיט אַ פאַרצווייפלטן גלויבן צום תהילים.

פּאַפּע האָט עטלעכע מאָל געמוסרט די סאָלדאַטן, זיי זאָלן עפּעס עסן. „איר דאַרפט דאָך האָבן כּוחות אַלץ אַריבערצוטראָגן". נאָר עס העלפט נישט. „ביי אונז איז היינט יום-כּפּור", ענטפערן זיי.

מיר איז היינט זייער שווער. איך האָב פיינט געקראָגן אַלץ: די אָפּגעברענטע שטאָט, די ווייטע שיסערייַ, די שרעק, זי זאָל זיך נישט צעוואַקסן, די סאָלדאַטן אין די גראָבע קליידער מיט די בלאַסע פּנימער, פון וועלכע עס טראָגט מיט שווערער אומבאַשטימטקייט, און איך טראַכט — וואָס וואָלט איך איצט נישט געגעבן, איך זאָל מאָרגן צוריק קענען גיין אין חדר, און אַלץ זאָל זיך אומקערן ווי עס איז געווען. אַז מאַמאַ שיקט מיך צו חנה די קרעמערקע נאָך געמאָלטער קאַווע, בין איך זייער צופרידן. איך נעם מיט דאָדקן. שווייגנדיק, נישט איילנדיק, האַרט איינער לעבן אַנדערן, גייען מיר ביידע איבער דער גאַס. מיר האָבן הנאה פון דעם גאַנג, פון דער זון, פון דעם וואָס מיר זענען אַוועק אויף אַ רגע פון שטוב, ווו עס איז אַזוי ענג פון אומגליקלעכע מענטשן.

6. דער גירוש

די קאַווע האָבן מיר געקויפט, אָבער מיר איילן זיך נישט אין שטוב. מיר שפּאַצירן זיך אַזוי רוהיק, ביז מיר באַמערקן פּלוצלונג, ווי נישט ווייט פון אונז, ביים ראָג, וואַקסט אויס פּאָר אַ וואַנט אַ האַלבער קרייז מענטשן. ווען מיר קומען צו, זעען מיר, ווי פון געדיכטן האַלבן בייגל, צעשפּאַרנדיק דעם עולם איןביידע זייטן, קריכט אַרויס אַ גאָראָדאָוואָי*). ער האָט דאָס ערשט אָנגעקלעפּט אויף דער וואַנט אַ פּיר־קאַנטיק שטיק פּאַפּיר.

— וואָס? עס קען נישט זיין, עס איז נישט מעגלעך — טראָגן זיך ·דערשטוינטע שטימען פון די, וואָס שטייען נאָענט צום פּאַפּיר.

— וואָס איז געשען? וואָס איז עפּעס? זאָגט־זשע שוין, בעטן זיך ביי זיי די הינטערשטע, וואָס קומען נישט צו צו לייענען.

— מען יאָגט אונז אַלעמען אַרויס — זאָגט הויך, זיך אויסדרייענדיק מיטן פּנים צום עולם, אַ בחור פון די ערשטע רייען.

— ווּעמען? פרעגט אים איבער דערשראָקן אַ יידענע.

— וואָס הייסט ווּעמען — ענטפערט אויפגערעגט דער בחור — אַלע יידן מוזן פאַרלאָזן די שטאָט אין משך פון 24 שעה.

— אַ בראָך אויף מיר, פּלעכט די יידענע צענויף אַלע פינגער — ווּ האָבן מיר צו גיין?

---

*) פּאָליציאַנט.

עס קומען אלץ צו נייע יידן, דאָ הערנדיק, אז אין 24 שעה מוז מען פאַרלאָזן די שטאָט, גלויבן זיי בשעת מעשה נישט, נאָר ווען זיי ווערט קלאָר, אַז דאָס איז אמת, רייסן זיך ביי יעדערן אַרויס אַ פּאָר אויפגערעגטע ווערטער פון צאָרן.

— מיר ווען דאָך אומקומען — טענהט איינער.

— וואָס ווילן זיי פון אונז? — קען נישט פאַשטיין אַן אַנדערער.

בריטשפּרייזנדיק, קומט צו דער גאָראָדאָוואָי, און שאָקלענדיק די שווערד אין שייד, גיט ער אַ זאָג אויפן גאַנצן קול, הויך און גראָב אַפילו פאַר אַ גאָראָדאָוואָי:

— נישטאָ וואָס זיך צו קלייבן... פאָרט, פאָרט פון דאַנען. די צייט איז קורץ.

אַלע הייבן זיך אָן איילן, מען פאַרשווינדט אין די הויפן, אין די הייזער. די גאַס אָבער ווערט נישט ליידיק, אויפן אָרט פון די אַוועקגעגאַנגענע קומען אָן אַנדערע, ביי דער וואַנט בייט זיך אַלץ און ענדיקט זיך נישט דער האַלבער קרייז דערשראָקענע מענטשן, און איבער איב שטייט אַלץ דער געשריי: וואָס וועט זיין. נאָר דער גאָראָדרוואָי ווערט אַלץ פרעכער:

— מאַרש, זשידעס, פּעקלט זיך פון שטאָט. גענוג שפּאַצירט...

— דאָדקע, זאָג איך. — לייבקע! — זאָגט דאָד, און מיר לאָזן זיך לויפן אַהיים. די גאַסן זענען פול. עס טראָגן זיך מענטשן. לויפנדיק פרעגט עפּעס אַ ייד ביי אַ צווייטן; איילנדיק זיך, ענטפערט יענער. אָבער קיין עצה איז נישטאָ. אַלע זענען די זעלבע חכמים, און אומזיסט זוכט מען הילף איינער ביים אַנדערן.

אין מיטן גאַס לויפט אַ יידענע, זי לויפט שווער, אומגעלומפּערט, און שווער אומגעלומפּערט האַלט זי אין איין שרייען „וווּ איז מיין יאַנקל?" „האָט איר מיין יאַנקלען נישט געזען?" ווענדעט זי זיך צו יעדן איינציקן. אַ גידעריק יידל

סאָפּעט איר אַנטקעגן. „וווּ איז מײַן יאַנקל" שרייט זי אויף צו אים.

— ביילע, וואָס איז מיט דיר — שטעלט ער זי אָפּ — ווו לויפסטו? ווו זענען די קינדער?

די יידענע בלײַבט שטיין, פרייכט שווער, קוקנדיק אויף איר מאַן.

— איך בין באַלד ווי משוגע געוואָרן, אַליין מיט די קינדער, דו ביסט נישטאָ, און דאָ טרייבט מען אונז...

איך מיט דאָדקען לויפן וואָס שנעלער, אָבער די צע־טומלטע מענטשן, וואָס פּילן אין די גאַסן, שטערן אונז. אַ פּאָר מאָל זענען מיר שוין אויף עמעצן אַרויפגעלאָפן. איין מאָל האָט מיך אַן אַלטער אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט—„ייִנגעלע, ווו איז דײַן מאַמע? געפינסט זי נישט?" איך האָב זיך אַרויסגע־דרייט פון אים און געלאָפן ווייטער. פון דערווייטנס דערזעען מיר מאַמאַ. זי גייט שנעל, זוכנדיק מיט די אויגן אין אַלע זײַטן.

— מאַמאַ, שרייט דאָד, ווען לכער לויפט אַ שטיקל פאַר מיר.

— קינדער, שרייט מאַמאַ, זיך דערפרייענדיק מיט אונז.

— מען יאָגט אונז אַרויס — זאָגט פאַרסאַפּעט דאָד.

מאַמאַ כאַפּט אונז פאַר די הענט און לויפט מיט אונז אַהיים. מאַמאַ אין מיטן, און מיר פון ביידע זײַטן פאַרנעמען צופיל אָרט, די איילנדיקע מענטשן שטופּן אונז, און מיר באַ־וועגן זיך זייער פּאַוואָליע. דאָד האָט געקריגן אָנגעטראָטן אַ פוס, און ער הינקט אונטער. מיר לויפן אַראָפּ פון טראָטואַר און לאָזן זיך מיטן ברוק. מיר ווערן גיך מיד. מאַמאַ, אַ פאַר־שוויצטע, מיט צעשפּרייטע האָר, רײַסט זיך אָבער פאָרויס און שלעפּט אונז ביידן מיט. איך און דאָד קאָנען שוין נישט לויפן און האַלטן אין איין אונטערשפּרינגען. ביי אַנדערע ראָגן, אָדער פּשוט אין מיטן גאַס, שטייען געדיכטע רעדלעך. דאָס לייענען יידן דעם באַפעל, אָדער זיי רינגלען ארום דעם גאָ־ראָדאָוואָי. דער גאָראָדאָוואָי שטופּט אַלעמען פון זיך און זידלט

זיך. מיר דריקן זיך דורך די קופקעס מענטשן און לויפן פאַ־רויס. אין איין אָרט רייסט מען מיך אָפּ פון מאַמאַ. איך שטופּ אָבער אָפּ עפּעס אַ בחור, וואָס פאַרשטעלט מיר דעם וועג, און כאַפּ זי ווידער פאַר דער האַנט. צעדריקטע, צעביילטע, טויט מידע, דערשלעפּן מיר זיך צו אונזער הויף.

דער הויף איז פול מיט זון, דער הויף איז פול מיט סאָלדאַטן. די סאָלדאַטן קוקן מיט פאַרוווּנדערונג, ווי מיר לויפן אַלע דריי צו דער שטוב. עפּעס פרעגט מען אונז וואָס, אָבער מיר האָבן קיין כּוח נישט און קיין צייט נישט צו ענטפערן. מיר רייסן זיך אַריין אין אונזער צימער.

— שאַ, שאַ, עס איז דאָ אַ גאָט — קומט אונז אַנט־קעגן די באָבע.

מיר בלייבן זיצן אָן ווערטער, מיט אַ צעשטערטן אָטעם און אַ פאַרגאַנגען האַרץ. מיר ווייסן אַליין נישט, וואָס מיר זענען אַזוי ווילד געלאָפן. קיינער האָט זיך נאָך אונז נישט געיאָגט. מיר האָבן דאָך נאָך עטלעכע און צוואַנציק שעה. אָבער מאַמאַ קען זיך נישט באַרוהיקן. — ווי איז מיר, — הויבט זי זיך אויף פון אָרט מיט פאַרבראָכענע הענט — ווו ווען מיר איצט אַהינקומען?

— באַרוהיק זיך, קומט צו צו איר די באָבע — הירשל איז אַוועק אַ פור קריגן.

די סאָלדאַטן, וואָס זענען נאָך אַלץ אין צימער, האָבן אויפגעהערט תהילים זאָגן. זיי רינגלען אונז אַרום, זיי באַרוהיקן אונז מיט אַ זעלטענער צערטלעכקייט, זיי טרייסטן אונז, אַז די וועלט איז נאָך נישט אויס. — איר וועט מיט גאָטס הילף צו דער נאָענטסטער שטאָט דערפאָרן — רעדט אַ סאָלדאַט צו מאַמאַ — אייער מאַן וועט זיכער באַלד מיט אַ פור קומען. איר וועט נאָך נחת פון אייערע קינדער האָבן, קיין עין הרע אַזעלכע פיינע קינדער.

— קינדער מיינע — ווענדעט זיך צו מיר, מישאַן און דאָדן איינער פון די סאָלדאַטן — ווערט נישט פאַרפאַלן. מען טאָר איצט נישט אַוועקגיין פון שטוב. און אַ צווייטער זאָגט

צו אַלעמען: וואָס וועלן מיר שטיין און גלאָצן די אויגן. מען דאַרף פּאַרפּאַקן זייערע זאַכן.

אונזער ביסל האָב און גוטס, וואָס מיר האָבן פון פייער אַרויסגעריסן און וואָס איז אין עטלעכע וואָכן נאָך דער שריפה צוגעקומען, הויבן די סאָלדאַטן אָן צונויפבינדן אין זעק און פּעקלעך. זיי סטאַרען זיך צו מאַכן, עס זאָל וואָס ווינציקער אָרט פאַרנעמען און עס זאָל שטאַרקער האַלטן. אויף אַנדערע קליינ־קייטן, וואָס אָפּילו די באָבע האַלט, אַז מען קען דאָס איבערלאָזן, זענען זיי נישט מסכּים, און פּאַקן עס אויך אַריין. — צו וואָס איבערלאָזן, אויב איר וועט דאָס נישט דאַרפן, וועט איר דאָס קענען פאַרקויפן.

אַ שכנה לויפט אַריין צו אונז און דערציילט, אַז איר מאַן האָט זיך אומגעקערט אָן אַ פוס. גיב כאַטש דאָס גאַנצע פּאַרמעגן אַוועק — קען מען קיין וועגעלע נישט קריגן. אסתּר־ זאָגט זי צו מאַמאַ — מיר גייען צופוס, קומט אויך. וואַרט נישט מער, מען מוז וואָס גיכער פון דאַנען אַנטרונען ווערן, מיר זענען דאָ מיטן לעבן נישט זיכער.

— ווו איז הירשל? ווו איז פּאַפּאַ אַהינגעקומען? הויבט מאַמאַ זיך אָן צו שרעקן, און דער סאָלדאַט, וועלכער האָט אונז דערציילט, אַז ער האָט דריי מיידעלעך פאַר מיר, פאַר דאָדן און פאַר מישאַן, זאָגט צו איר: באַהערשט אייך, שרעקט נישט די קינדער. אייער מאַן וועט באַלד זיין מיט אַ פור.

אונזערע שכנים זענען שוין אַוועק. אומעטיק קוקן מיר, ווי די סאָלדאַטן לייגן אַרויף אויף אַ ליילעך אַ פּאָר קישנס, דריקן זיי איין מיט די קני, ציען שטאַרק צונויףביידע ברעגעס, פאַרפלעכטנדיק זיי אין צוויי איבערגעקרייצטע קנופּן.

— ווער וועט דאָס טראָגן? פרעגט מאַמאַ, ווייזנדיק אויף די שוין פאַרענדיקטע פּעק.

— אָפּילו איבערלאָזן קען מען דאָך אויך נישט לויזער־ הייט — מישט זיך אַריין די באָבע — גאָט וועט געבן, אַז מיר וועלן זיך אומקערן, וועט מען אַלץ געפינען גאַנץ.

עס קומט אַריין דער סטרוזש פון הויף, דער זעלבער, וואָס האָט אויסגעגראָבן אין סאַד דעם „קבר", ווו ער לויפט

זיך באַהאַלטן ביי יעדער שיסעריי. מישא זאָגט, אַז ער איז גאָר נישט אַזאַ גרויסער פּחדן, ווי ער וויל אויסנוצן זיין טרחה, דריי טעג האָט ער געגראָבן די גרוב. — דער גאַנצער הויף האָט מיר אָנגעטרויט צו היטן די פאַרבליבענע זאַכן, זאָגט ער צו אונז — איר קענט אויך ביי מיר איבערלאָזן, אויב איר האָט וואָס. עס וועט זיין גאַנץ. איך דערמאָן מיך, אַז די פּאָר וואָכן, וואָס מיר זענען דאָ אין הויף, האָבן מיר געמוזט האַלטן צוגעבונדן אונזערע הינער אָן פיסל פון בעט, אַ נישט פלעגט עס גלייך גיין צו אים אין טאָפּ. ס׳וואָלט זיין נישט היימלעך— טראַכט איך — טאָמער וועט טאַקע אויסקומען ביי אים צו לאָזן די זאַכן. — גוט, גוט, — שאָקלט די באָבע — מיר וועלן אַלץ איבערלאָזן אויף אייער השגחה, מיר וועלן אייך גוט דער-פאַר באַלוינען.

פּאַפּאַ איז געקומען מיט אַ פור. פּאַפּאַ זאָגט, אַז עס האָט פּאַסירט אַ נס און ער האָט געקראָגן צו דינגען אַ פור. צו אונזערע פענסטער פאָרט צו אַ קליין פויעריש וועגל, איינגע-שפּאַנט מיט אַ מאָגער פערדל. אַ דאַרער פויער קריכט אַראָפּ פון פורל. ער האָט דאָס אַראָפּגענומען ביי אונז די שווערקייט פון האַרצן. ווי וואָלטן מיר אויסגעזען אָן דעם פורל? אמת, איך קען גיין צופוס. איך וואָלט געגאַנגען אַזוי לאַנג, ביז מען וואָלט אויפגעהערט צו טרייבן. מישא קען אויך גיין, און אַוודאי נאָך בעסער פאַר מיר. פריידקע וואָלט דאָך אויך מיטגעגאַנגען, איר וואָלט געווען שווער, אָבער זי וואָלט געשוויגן און געזען נישט אָפּצושטיין. דאָד - אים זאָל מען פרעגן — זאָגט ער באַלד, אַז ער קען גיין גלייך מיט אַלעמען, אָבער איך ווייס אויף זיכער, אַז באַלד הינטער דער שטאָט וואָלט ער אָנגעהויבן נודיען, אַז אים טוט וויי אַ פוס. דאַן וואָלט פּאַפּאַ איבערגע-געבן מירעלען מאַמאַן און אַליין וואָלט ער געטראָגן דאָדקען. איך וואָלט אַפילו מיט זיך געקענט נעמען אַ פעקל, אַז מען טראָגט עס אויף דער פּלייצע, איז גאָרנישט אַזוי שווער.

אַ סאָלדאַט נעמט דער ערשטער דעם פּאַק, וואָס איז פאַרבונדן אין אַ ליילעך, און טראָגט אים אין הויף. גלייך

נאָך אים גייט אַ צווייטער מיט אַ זאַק אויפן רוקן, און אַזוי איינער נאָכן אַנדערן, יעטוועדער מיט עפּעס פון אונזער האָב און גוטס, רינגלען זיי אַרום דאָס פורל. סאָלדאַטן זענען דאָ אַ סך, און יעדער איינציקער וויל העלפן, אַזוי אַז זיי טראָגן אַלץ אַרויס פון שטוב אין איין מאָל, מיר אַלע גייען זיי נאָך, און בלייבן שטיין ביי דער פור.

— פּעטערל, וואָס וואַרסטו, נעם זיך צו דער מלאכה — זאָגט צום פויער, וואָס שטייט אין וואָגן און קראַצט זיך די פּאָטילניצע, אַ סאָלדאַט מיט אַ לאַנגער רויטלעכער באָרד און געדיכטע שוואַרצע ברעמען. ער האַלט אויפגעהויבן מירעלעס וועגעלע און וואַרט, דער פויער זאָל עס דאָס ערשטע אַריינ־נעמען צו זיך.

— נישט דאָס — גיט אַ מאַך אויף צוריק יענער — מיט דעם וועלן מיר נאָך באַווייזן. גיט פריער די זעק.

אונזערע פּעק פילן ביסלעכווייז אָן דאָס פורל. די סאָל־דאַטן אַמפּערן זיך מיטן פויער, חשבונען ווי באַקוועמער אַלץ אויסצולייגן.

— שטייט, עס וועט דאָך נישט בלייבן קיין אָרט פאַר זיי גופא — גיט זיך אַ לאָז צום וואָגן דער קוכער פון פעלד־קיך, און מיט אים אַלע רוסישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך צו־נויפגעקליבן פון גאַנצן הויף און נייגעריק נאָכגעפאָלגט דאָס גאַנצע בילד.

— חמורים — שפּייט ער אויס פאַר זיך — אַזוי פאַר־פּאַקט מען אַ פור... זעט נאָר סאַראַ סדר. אַ שאָט געטון אַלץ, ווי בולבעס, שאָלעכץ אויף אַ מיסט־קאַסטן, און פאַר די מענטשן כמעט קיין פלאַץ נישט געלאָזן. ער קריכט אַריין אין וואָגן, שטופּט פון דאָרטן אַרויס דעם פויער, און נעמט זיך פלייסיק צו דער אַרבעט. אַלץ ווערט אויפדאָסניי איבערגעפּאַקט. אַלע סאָלדאַטן, סיי די רוסישע, סיי די יידישע, און דער פויער, פּאַקן די פור אונטער דער קאָמאַנדע פון דעם קוכער. אונז לאָזט מען אינגאַנצן נישט צו. באַלד שטייט שוין דאָס פורל

גרייט, אַלץ איז שוין אין פורל, אַפילו מירעלעס וועגעלע, וואָס ליגט מיט די רעדער אַרויף.

פּאַפּאַ רעדט עפּעס אין דער שטיל מיט דער באָבע. איך פאַרשטיי, אַז עס האַנדלט זיך וועגן בלייבן אין שטאָט, ביז מיר וועלן פון ערשטן שטעטל אונטערשיקן אַ צווייטע פור פאַר אונזער סחורה. די באָבע האָט אַליין אָנגעבאָטן צו בלייבן וואַרטן. פּאַפּאַ וויל אָבער, זי זאָל אים צוזאָגן פאַרלאָזן די שטאָט מיט איינֿיקע שעה פריער, איידער עס גייען אויס די פיר און צוואַנציק שעה, אויב אַפילו די נייטיקע פור וועט נישט באַווייזן אָנצוקומען.

— איך וועל באַווייזן, זאָרג נישט — באַרוהיקט די באָבע דעם פּאַפּאַ. פּאַפּאַ איז אָבער נישט צופרידן מיט אירע ווער־טער. — שוויגער, עס איז נישט קיין שפּילכל, זיי זענען דאָך רוצחים. אויף זיי איז קיינע קשיות נישטאָ. די סחורה איז טאַ־קע פאַר אונז וויכטיק, אָבער אויב איינשטעלן דאָס לעבן, דאַן לאָז איך אייך נישט בלייבן. ווי גאָט וועט געבן, אַזוי וועט זיין, פון הונגער וועט מען נישט שטאַרבן.

— גיי, הירשל, זיי רוהיק, איך וועל דיך פאָלגן.

פּאַפּאַ קערט זיך אום צו אונז. אסתר — זאָגט ער — איך גיי שוין אַוועק פאָרויס צופוס. פאַר אַלעמען, זעסטו דאָך, איז קיין אָרט נישטאָ. פּאַס אויף די קינדער. ווי דו קומסט אין שטעטל, למען השם שיק אַרויס גלייך אַ פור. דיין מאַמע בלייבט דאָ. מען מעג דאָך נאָך ביז מאָרגן פרי.

— די מאַמע בלייבט... צו וואָס? ווערט אומרוהיק מאַמאַ, אָבער פּאַפּאַ ערקלערט איר, אַז די באָבע האָט פאַרשפּראָכן צו פאַרלאָזן די שטאָט צו דער צייט, און אַז אַ פור אין דעם ערשטן שטעטל וועט זיין גרינג צו קריגן, אַון מער ווי עטלע־כע שעה דאַרף נישט דויערן, ביז זי וועט קומען אין שטאָט. אַ ביסל סחורה וועט אונז אויפהאַלטן אויף די פיס. מיר זענען דאָך נאַקעט און מיט קליינע קינדער — פאַרענדיקט ער.

— הירשל, עס וועט קלעקן פאַר דיר אויך אַן אָרט — בעט מאַמאַ — בלייב מיט אונז.

— זעסט דאָך, אַז עס איז אוממעגלעך, אויסער דעם האָב איך צוגעזאָגט דעם פויער זיך נישט צו זעצן.

— איר גייט צופוס — פרעגט פּאַפּאַן איינער פון די סאָלדאַטן, און גלייך גיט ער צו אַליין: טאַקע נישטאָ קיין אָרט פאַר אַלעמען.

— עטלעכע מייל פון דאַנען ליגט אַ קליין שטעטל, זאָגט פּאַפּאַ, דאָרטן האָפן מיר צו קריגן אַ גרעסערע פור און ווייטער פאָרן צוזאַמען.

— און ווו רעכנט איר צו פאָרן?

— איך ווייס אַזוי ווי איר, ווי לאַנג זיי יאָגן, מוז מען דאָך לויפן.

האַרט אַרומגערינגלט פון אַלע יידישע סאָלדאַטן, שטייט פּאַפּע אַ פאַרלוירענער. פאַרלאָרן זענען אויך די סאָלדאַטן, און זייערע פּנימער זענען שוואַרץ, ווי די ערד. איינער פון זיי זיפצט אָפּ לאַנג און טיף, ווי עס זיפצן נאָר אַלטע לייט:

— אונז שיקט מען פאַרטיידיקן די שטאָט, פון וועלכער מען טרייבט אייך אַרויס, ווי די הינט... ווו איז יושר?

— ביי וועמען זוכט איר יושר — זאָגט פּאַפּע — צו וואָס טויג זיי דאָס?

— פאַרוואָס טרייבן זיי אייך? וואָס האָבן זיי יידן גע-טון?

— וואָסווילט איר פון זיי — רעדט מיט אויפרעגונג פּאַפּע — זיי זענען שלעכט און נאַריש — וואָס איז דאָ שוין דאָ צו פרעגן קשיות.

— זייט אַלע געזונט — ווענדעט זיך פּאַפּע צום גאַנצן המון — גאָט וועט אונז היטן.

— זייט געזונט, קומט געזונט — ענטפערן אַלע אָפּ.

— אסתר, היט די קינדער, קינדער, היט די מאַמען. זייט אַלע געזונט — געזעגנט זיך מיט אונז פּאַפּע און לאָזט זיך צום טויער.

— זיי געזונט, הירשל. מאַמאַ וויל נאָך וואָס זאָגן, אָבער פּאַפּע איז שוין אַ פּאָר טריט פון אונז, און זי ווערט פאַרשוויגן.

— פּאָטער — שרייט אונטער דער קוכער צו פּאַפּן — גאָט פאַרלאָזט נישט.

— איך ווייס — קערט זיך צו אים אום פּאַפּע — ער וועט אייך אויך נישט פאַרלאָזן. ביים טויער, פאַרן אַרויסגיין, וואַרפט פּאַפּע נאָך אַ קוק אויף אונז און ווערט פאַרשווונדן.

די סאָלדאַטן מאַכן שוין די לעצטע הכנות. זיי בינדן צו די זאַכן מיט גראָבע שטריק צו די וועגעלעך פון פור און זעען נאָך אַמאָל איבער, צי אַלץ האַלט זיך שטייף און באַקוועם. מאַמע גיט איבער מירעלען דער באַבן און נעמט קלעטערן אין פור. מען העלפט איר. אַז זי זעצט זיך גוט אַוועק, גיט איר די באָבע צוריק אין די הענט מירעלען. אונז, קינדער, הויבן די סאָלדאַטן אַרויף אויף די זאַכן. אפילו מישאַן, וואָס האָט אַליין געוואָלט קלעטערן אין פור, כאַפּט אויך אַ סאָלדאַט אונטער און זעצט אים אַוועק נעבן מיר. — איר זיצט גוט, חברה! — גוט, עגטפערן מיר. זיי הייסן אונז זיך האַלטן אָן די שטריק. איך האָב דורכגענומען די שטריק מיט אַלע מיינע פינגער; פריידקע האָט זיך פעסט אָנגעכאַפּט פאַר די פעק, אַזוי ווי זי וואָלט שוין האַלטן ביים אַראָפּפאַלן. — שרעקט זיך נישט, פריילן — באַרוהיקט זי אַ רוסישער זעלנער — איר זיצט גוט. די פור איז זייער הויך אָנגעלייגט, און מיר שפּירן זיך אַלע נישט זיכער. דער פויער וויל שוין פאָרן, נאָר די באָבע האַלט אים אָפּ. זי העלפט מאַמאַן זיך בעסער איינאָרדענען מיט מירעלען.

— מאַמע, קריך אַרויף, עס איז נישטאָ וואָס צו בלייבן, ווייזט מאַמאַ אָן אַן אָרט לעבן זיך.

— גוט, גוט — שאָקלט צו געשווינד די באָבע — זע נאָר תּיכף אַרויסצושיקן אַ פור. איך וועל ברענגען, וואָס מען וועט נאָר קענען.

דער פויער נעמט אין די הענט די לייצעס, דאָס פערד

גיט אַ צי, די פור גיט זיך אַ ריר, מיר גיבן זיך אַ טרייסל, אַלע וואָס רינגלען אַרום די פור שטעלן אַ טריט. דער פויער פירט די פור צום טויער, אַלע גייען איר נאָך, פאָרויס די באָבע, הינטער איר אַלע סאָלדאַטן. — פאָרט געזונט! — בלייבט געזונט! די רעדער קלאַפּן שוין אויפן שטיינערנעם ברוק. די סאָלדאַטן שרייען אונז עפּעס נאָך, אָבער מיר הערן גאָרנישט. מיר פאַרשטייען, אַז זיי ווינטשן אונז גוטס, און מיר שרייען זיי דאָס זעלבע צוריק. די באָבע לויפט אַרויס אויפן מיטן וועג און שרייט הויך:

— אַ פור, פאַרגעסט נישט אַ גרויסע פור.

— גוט, גוט, שרייט צוריק מישא.

די ערשטע פאָר אָפּגעברענטע גאַסן, וואָס זענען ליידיק פון מענטשן, פאָרן מיר דורך האַסטיק, אָבער ווי נאָר מיר זענען געקומען צו די גאַנץ געבליבענע ערטער, האָבן מיר זיך אָנגעהויבן שלעפּן טריט ביי טריט, און איצט פירט שוין אונזער פורמאַן דאָס פערד פאַר דער צוים.

די גאַסן זענען פול מיט יידן, און עס הערשט אויף זיי אַ מהומה. היינט איז שטיל פון דער שיסעריי. היינט איז ליכטיק און וואַרים פון דער זון. אין שטאָט איז אָבער אַ רעש און אַ חושך. יעדער איינציקער איילט זיך צו פאַרלאָזן דאָס אָרט, ווו מען האָט אונז פאַרבאָטן צו זיין. מען שרעקט אונז מיט אַלדאָס בייזן, טאָמער מען בלייבט אַן איבעריקע רגע. די שטאָט שרייט, איינער רופט דעם אַנדערן, די מאַמעס זייערע קינדער, די קינדער — זייערע מאַמעס. אַ מאַמע רופט דאָס קינד ביים נאָמען, זי רופט עס הויך, ווייל עס איז פאַרלוירן, און טאָמער ענטפערט נישט דאָס קינד גלייך אין דער רגע — מאַמע", שרייט זי שוין „אוי, וויי איז מיר, ווו איז כאַצקע?" „אוי, וויי איז מיר"! פון מורא זיך נישט צו פאַרלירן האַלט זיך יעדע משפחה האַרט אינײנעם, און מחמת מען שלעפּט זיך קופּקעסווייז, שטערט מען זיך אַליין דעם גאַנג.

שטעלט זיך מיטאַמאָל אָפּ אַ דאַרער ייד, כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ: „איך האָב דאָך פאַרגעסן", און לויפט צוריק אין שטוב.

שרייט אים זיין דערשראָקן ווייב נאָך: וואָס? וווהין לויפסטו? און בלייבט שטיין מיט אירע זעקס קינדער וואַרטן אויפן טאַטן. וואָס האָט ער געקענט פאַרגעסן? האָט זי דען נישט איןביידע הענט צו קליינע בינטלעך? האַלטן דען נישט די קינדער אירע פעקלעך? האָט איר מאַן דען נישט אַראָפּגעלאָזן פון רוקן אַ זעקל? שטייען זיי איצט ביים זעקל און וואַרטן, אַז ער זאָל קומען מיט דעם, וואָס ער האָט פאַרגעסן.

אַ פּאָר טריט ווייטער האָט זיך נאָך אַ פאַמיליע אָפּגעשטעלט. אירע מיטגלידער האָבן זייערע כחות איבערגעשאַצט, צופיל מיט זיך מיטגענומען, און דאָ, אָפּגייענדיק עטלעכע צענדליק טריט פון זייער הויז, קוקן זיי שוין איבער די פּעקלעך, טיילן אָפּ, וואָס איבערלאָזן. און זיי שרייען צווישן זיך, ווייל דער פאָטער זאָגט, אַז מען זאָל די זאַכן צוריק אין הויז טראָגן: — וויפל דאַרף דען דאָס געדויערן? און זיי, די קינדער, שוין דערוואַקסענע, טענהן, אַז עס איז נישטאָ וואָס אַהין צו טראָגן, מען וועט פון שטוב סיי-ווי-סיי אַלץ צעשלעפּן, טאָ לאָזן זיי שוין שלעפּן פון דאַנען.

ביים ראָג שטייט אַ גאָראָדאָוואָי. — שנעלער, שנעלער— שרייט ער צום גאַנצן המון יידן, וואָס באַוועגט זיך פאַמעלעך פאָרויס, אַזוי ווי אַן אויסגעגאָסענער טייך, ווו די וועלן דרייען זיך אַרום זיך אַליין, פאַרלירנדיק דעם נאַטירלעכן שטראָם.

— וואָס איילן זיי אונז? וואָס זידלען זיי אונז?, מיר איילן זיך שוין גענוג אַליין, מער קען מען שוין נישט — רעדט הויך אין עולם אַן אַלטער ייד — זיי ווייסן דען אַליין נישט, אַז אין פיר און צוואַנציק שעה איז שווער צו פאַרלאָזן אַן אָרט, ווו מען וווינט פון דורות. מיר האָבן ווייבער, מיר האָבן קינדער, מיר האָבן קימפּעטאָרינס, מיר האָבן טויטע, וואָס מיר דאַרפן ברענגען צו קבר ישראל, און אין פיר און צוואַנציק שעה... זיי זאָלן אונז אַ סך מער געבן, וואָלטן מיר אויך איבערגעלאָזט אַלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן, וואָס מיר האָבן אַליין אויפגעטון, און וואָס מיר האָבן פון אונזערע זיידעס געירשנט. די באַן גייט נישט, און ווייל זיי ווייסן דאָס, איילן זיי אונז

נאָך מער. אַז דער ערשטער גאָראָדאָוואָי האָט נאָך דאָס פּאַפּיר אויף דער וואַנט געקלעפּט, האָט שוין דער צווייטער אונז פון שטאָט געטריבן...

דער אַלטער פירט אַריבער דעם אָטעם און ווערט אויפ-געבראַכט:

— שפּיאָנען זענען מיר, זאָגן זיי, טעלעפאָנען אין די בערד האָבן מיר און גיבן אַלץ איבער די דייטשן. אַ טעלעפאָן אין באָרד האָב איך זיי... טפשים, אָקסן...

אונזער פור באַוועגט זיך פּאַמעלעך ווייטער.

אַ יידענע גייט ווישנדיק די טרערן, און די קינדער קוקן אויף איר צושראָקן, און ווייסן נישט, צי זיי זאָלן אויך אָנ-הויבן וויינען. די יידענע וויינט, און אין וויינען פאַרענטפערט זי זיך:

— מיר איז דען טייער וואָס איך לאָז איבער — מען וועט לעבן, וועט מען האָבן אַנדערע. מיין מאַן, מיין מאַן, ווו וועט ער אונז ערשט געפינען? ווו וועלן מיר זיך אָן אים אַהינטון? קינדער, קינדער מיינע...

און אַ צווייטע פרוי טרייסט זי, און אין איר שטימע קלינגט דער זעלבער ווייטיק.

— וואָס האָט איר צו זאָרגן. זיי וועלן דאָרט די אָקאָ-פּעס אויסגראָבן, וועט מען זיי אָפּלאָזן, ער וועט אייך געפינען, מיר איז ערגער, מיינער איז, גאָט ווייסט, אין וועלכע אָקאָ-פּעס, ווער ווייס, אויב ער לעבט נאָך...

איין משפּחה גייט אַרויס פון הויז אָנגעלאָדן, נישט גע-זשאַלעוועט זיך, גרויס, קליין, אַלט — אַלע טראָגן, וואָס מען קען נאָר. אַ צווייט הויז-געזינט נעמט מיט זיך כּמעט גאָרנישט — אַ ביסל זאַכן, אַ פּעקל נייטיקס. גליקלעכע, ווי מיר, וואָס האָבן אַ פור, זענען דאָ גאַנץ ווייניק. געציילטע האָבן זייער באַלע-באַטישקייט אַרויפגעליינט אויף אַ טאַטשקע, אַ וועגעלע און האָבן זיך אין דעם איינגעשפּאַנט.

אונזער פויער האָט מיטאַמאָל די געדולד אָנגעוווירן און איז געוואָרן גראָב צו די, וואָס פאַרשטעלן מיט זייער לאַנגזאַ-

מען גאַנג דעם וועג. ער שרייט, ער זידלט זיך, אָבער ווער הערט זיך צו אים צו? ווען גייט ער איצט אָן? אָט דער פאָרנסטער, וואָס שטופּט פאָרויס אַ קינדער-וועגעלע, אין וועלכן עס זיצט צווישן פּעקלעך זיין קינד, און ווען דער פויער הייסט נעמען אָן אַ זייט, קערט זיך אַפילו נישט אום. ער ווייסט, אַז זיין ברוסט איז שוואַך, זיין קינד איז קליין, ווו האָט ער זיך צו איילן? וואָס וועט ער נישט באַווייזן? איך בין אין כעס אויפן פויער, איך הויב זיך אָן צו שעמען. אייגנטלעך, זיץ איך דאָך אויך אין פור. בעסער וואָלט פּאַפּע מיך מיטגענומען מיט זיך. איך וואָלט געקענט גיין לאַנג. אָט גייען נאָך קלענערע פאַר מיר. ער האָט אונז דורכגעלאָזט. ער האָט זיך אָפּגערוקט פון מיטן וועג. ער שטייט איצט מיט זיין וועגעלע און רוט זיך אָפּ. אָט יענער וואָס שטופּט אַ פולן מיסט-וועגל, האָט, ווי עס ווייזט אויס, מער כוח. ער גייט פעסט פאָרויס.

7. אויף די וועגן

פון שטאָט ציט זיך אַרויס דער שאָסיי אַן אויפגעהויבע־נער, אַ געלבלעכער, איבער די גרינע פעלדער. ער ציט זיך לאַנג, ווייט, וויפל דאָס אויג דערגרייכט נאָר, און איבער אים, אין זיין זאַמד און אויף זיינע שטיינער שלעפט זיך איצט אַן עדה יידן. דאָ שטייט שוין נישט דער טומל, וואָס האָט גע־הערשט אויף די גאַסן פאַר די פאַרלאָזטע הייזער. מען שלעפט זיך שטיל, מען איילט זיך נישט, מען ווייסט, אַז קיין כוחות איז נישטאָ, מען איז נישט ווייט אָפּגעגאַנגען, און אַלע זענען שוין פאַרמאַטערט.

אָט איז איינער. איך קען אים. אַ שניידער איז ער. רויטע קראַנקע אויגן האָט ער, און אַ יינגל, וואָס גייט אויף אַ קוליע. האָט ער איצט דעם זון, דעם קאַליקע, אַרויפגעזעצט רייטנדיק אויף זיינע פּלייצעס, האַלט אים אָן פאַר דעם געזונטן פוס, און דער קראַנקער פוס, פאַרוויקלט אין שמאַטעס, שטעקט פאָרויס. דאָס יינגערע ברודערל טראָגט נאָך די קוליע אויפן אַקסל, ווי אַ ביקס, נאָך אים טרעט איינגעדרייט אונטער אַ שווערן פּאַק דער עלטסטער. און הינטער זיי אַלעמען, שווער אָנגעלאָדן, שלעפּט זיך די מוטער מיט אירע צוויי מיידלעך.

— אַ גגע, זאָגט דאָד און ווייזט מיט דער האַנט, אונזער פּור גלייכט זיך אויס מיט אַ יונגער פרוי, וואָס טראָגט אַ האַנט־קערבל. פאַר דער צווייטער האַנט פירט זי אַ קליין יינגעלע; ער, זאָגט דאָד, איז אַ גגע, ווייל ער וויינט הויך אויפן קול

און האַלט אין איין פאַרלויפן מיט אַ טריט פריער און פאַרשטעלן דער מאַמאַ דעם וועג. אויף דער האַנט וויל ער. אים טוען ווי די פיסלעך. — ייִנגעלע מיינס, נאָך איין שטיקעלע, און איך וועל דיך נעמען — בעט זי זיך ביי אים. ער וויל אָבער נישט הערן, זי זאָגט אים שוין דאָס צו לאַנג, און ער הערט נישט אויף צו כליפּן.

— צרות, צרות מיינע... זיפצט אָפּ די פרוי, נעמט דאָס קינד אויף זיך, גייט אָפּ מיט אים עטלעכע טריט, און זעצט זיך אַוועק אָפּרוען ביי דער זייט פון שאָסיי.

די שטאָט זעט זיך איצט פון ווייטן קליין, נידעריק, און איבער איר די צלמים פון די קלויסטערס. פאַר אונז, אָן אַ ברעג און אָן אַ סוף, ציט זיך דער שאָסיי.

מען איז מיד. מען פאַרגינט זיך אָבער נישט אָפּצורוען. מען זיפצט יעטוועדער פאַר זיך, מען זוכט צו העלפן איינער דעם צווייטן. אָט וויל דער מאַן צונעמען פון זיין ווייב אַן איבעריק פעקל. זי גיט נישט אָפּ. דו האָסט שוין אַזוי אויך צופיל אויף זיך, גייען זיי ווייטער. דאָ נעמען צו די אייניקלעך ביי דער גרויער באָבן איר משא. זי ווערט זיך. די אייניקלעך לאָזן נישט נאָך און זיי זענען גערעכט. אַזאַ אַלטע באָבע, קוים וואָס זי שלעפּט אירע פיס. איצט איז איר פאָרט גרינגער. אַ מוטער גייט נאָך איר טאָכטער און קליאַנטשעט ביי איר אַ פעקל. — דו מיינסט, אַז מיר איז גרינגער צו קוקן, ווי דו בייגסט זיך אין דרייען דעם גאַנצן וועג?

— מאַמע, דיר איז דאָך שווער, גיט איר יענע איבער. — און דיר איז גרינג, מיין טאָכטער?

אונזער פערדל איז אַ צרהדיקס און שלעפּט זיך לאַנגזאַם. דער פויער פּרוּווט עס נישט אפילו אונטערטרייבן. ער מוז עס שוין קענען.

— אָט איז דער רב, זאָגט גיך מישא. אַ וואָגן פון אַ ייִדישן בעל-עגלה האַלט זיך אין איין דערנענטערן און גלייכט זיך אויס מיט אונז. אויף אַ האַרטן געזעס, וואָס איז אַריבערגע-וואָרפן איבער ביידע ווענטלעך פון וואָגן, זיצט דער רב. מיט אַלע

פינגער האַלט ער זיך אָן זיין פלאַץ, דעם קאָפּ הויך פאַריסן, ווי ביי אַלע בלינדע. אונזער רב איז לאַנג שוין בלינד. אין פור, אויף איינעם פון די בינטלעך, זיצט די רביצן. זי זעט נאָך אויס עלטער פאַרן רב. זי זיצט אַ צוזאַמענגעקאָרטשעטע אין טרייסלנדיקן וואָגן און קוקט, ווי עס לויפט פון אונטער די רעדער דער הייסער שטויביקער שאָסיי. אויף וועלכן עס שלעפן זיך ערשט פאַרמאַטערטע מענטשן. דערזעענדיק זייער רב, גיבן די יידן שווייגנדיק אָפּ דעם וועג און קוקן אים לאַנג נאָך.

אויפן שאָסיי איז ערשט אַ ווינט. ער הויבט דעם שטויב פון וועג און טראָגט אים אונז אין פנים. די קינדער גייען מיט פאַרפרעסטע אויגלעך, זיך האַלטנדיק אָן די קליידער פון די עלטערע, וועלכע זוכן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ רעם וועג אונטער די פיס. מיר אין פור האָבן זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צום ווינט. אונז איז גוט לגבי אַנדערע. אונז איז אָבער אויך נישט גרינג. עפּעס נאָגט אונז, און מיר טרייסלען זיך שווייגנדיק אין פור. מיר זוכן מיט די אויגן פאַפּן. האָט ער דאָס געקענט אָפּגיין אַזוי ווייט? מיר האָבן זיך אפילו אַ צייט געזוימט נאָך זיין אַוועקגיין; אין די גאַסן האָט אויך לאַנג געדויערט, איידער מיר זענען דורכגעקראָכן מיט אונזער וואָגן. פאַפּע קען טאַקע זיין שוין ווייט.

אין מיטן שאָסיי שטעלט זיך אָפּ אַ ייד, מיט ביידע הענט שפּאַרט ער זיך אָן אויף זיין שטעקן, און צוהוסט זיך. ער הוסט לאַנג, שטיקט, קייכט זיך, לעבן אים שטייט און וואַרט, ער זאָל זיך אויסהוסטן, זיין ווייב. איך קען זיי ביידן. ער איז אַ רימער. זי, זיין ווייב, פלעגט אָפט קומען צו מאַמאַ אויפשרייבן לאַטיינישע אדרעסן. אַז די אַדרעסן זענען שוין געווען פאַרטיק, פלעגט זי עטליכע מאָל איבערפרעגן, צי דער קאָנווערט איז פאַר אַמעריקע, צי דער איז פאַר אַפריקע. און גלייך אויף מאָרגן פלעגט זי קומען אַ דערשראָקענע — מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב צומישט די בריוו, חיימקעס אין אפריקע האָב איך גאָר ברוכקען אין אמעריקע אַוועקגעשיקט, דערנאָך פלעגט זי קומען דערציילן, אַז גאָט צו דאַנקען, זי

האָט זיך דאָן נישט טועה געווען, ווייל זי האָט שוין פון זיי ענטפערס. זיי זענען מיט גאָטס הילף געזונט, ווילן די עלטערן צו זיך נעמען, אָבער ער, איר אַלטער, וויל נישט אַהין, אין ירושלים פאָרן שטאַרבן האָט זיך אים פאַרוועלט.

דער אַלטער הוסט לאַנג, שווער, ביז צום ברעכן, און אַז ער ברעכט אויס דאָס וואָס האָט אים געוואָרגן, ווערט אים גרינגער. און זיי גייען ווייטער.

איבערן וועג, וווּ אַלעמענס טריט זענען אויסגערעכנט, מאַרשירט איינער מיט אַ ברייטן האַסטיקן גאַנג, — דאָס איז דאָך יאָסקע דער משוגענער, רופט אויס דאָד. יאָ, טאַקע, דאָס איז ער. וואָס לויפט ער אַזוי? וווהין איילט ער זיך? ער יאָגט אַריבער אונזער פור, און מיר אַלע קוקן נאָך זיין משוגנהדיקן לויפן. מיטאַמאָל, אין מיטן, בלייבט ער שטיין, ווי אַ געדאַנק וואָלט אים דורכגענומען, ער קערט זיך אום און לאָזט זיך גיין מיטן זעלבן האַסט צוריק צו דער שטאָט, וואָס ליגט ווייט אין טאָל. די יידן קוקן אים נאָך ערשטוינט. — יאָסל, וווּ גייסטו? שרייט מען אים צושראָקן נאָך. יאָסל ענטפערט נישט, יאָסל גייט צוריק אין שטאָט, אין זיין היים.

צוויי מיידלעך וויינען, רייבן מיט די קליינע פויסטלעך די אָנגעלאָפענע אויגן, צעשמירן די טרערן אויף זי בעקלעך, טוליען זיך צו די מאַמעס פיס. וואָס וויינען די מיידלעך? האָבן זיי פולע אייגעלעך מיט זאַמד? אָדער טוען זיי ווי די פיסלעך? אוודאי ביידע זאַכן, אָבער מיידלעך, וואָס קען אייך ערשט העלפן די מאַמע?

פאַר אונז שלעפּט זיך אַ וואָגן הויך אָנגעפּאַקט מיט זעק, פּעק און קאַסטנס. גאָר הויך אויף די זאַכן מיט, אַן אומעטיקן קאָפּ צווישן צוויי הויקערס, זיצט אַ ייִנגל. דאָס איבעריקע געזינט גייט נאָך צופוס. — בריות, זאָגט מאַמאַ, מיר פאָרן פאַרביי די בריות, וואָס האָבן אַרויפגעפּאַקט זייער גאַנצן פאַרמעגן, אַזוי אַז זיי אַליין און דער פורמאַן מוזן נאָכגיין נאָך דער פור, וואָס שלעפּט זיך, ווי זי וואָלט געפירט אַ מת.

— הערסט, יאנקל, זאָגט אויפן קול ברוך — פול מיט פויק האָבן די ליפּשיצעס א פור. ווו וועלן זיי דאָס אַלץ אהינטון?

— עס ווילט זיך נישט איבערלאָזן אויף הפקר, שלעפּט מען מיט זיך — ענטפערט הויך יאנקל.

יאנקל איז נישט טויב, ער איז נאָר בלינד, אָבער אַז ער רעדט, שרייט ער. ברוך איז אויך נישט טויב, נאָר ביי ברוכן איז איין פוס א הילצערנער. ער האָט האַלט פון דער טערקישער מלחמה צו דערציילן, סאַראַ העלד זיין קאָמאַנדיר איז געווען, און ווי אַזוי ער, ברוך, האָט דאָרטן זיין פוס געלאָזן. ביידע זענען זיי אַלטע אָרימע-לייט, צו אונז אין קראָם קומען זיי יעדן דאָנערשטאָג, איצט גייט ברוך זיך וויגנדיק אויף זיין הילצערנעם פוס. יאנקל האַלט זיך ביי זיין אַרבל און טאַפּט דעם וועג פאַר זיך מיט אַ גראָבן שטעקן. יאַנקלען איז אומבעקאַנט דער וועג; אין שטאָט אָבער פלעגט ער נישט נאָר אַליין טרעפן, ווו ער האָט באַדאַרפט, נאָר מען האָט ביי אים זיך געקענט נאָכפרעגן, דורך וואַנען עס איז נאָנטער צו דער באָד אָדער ערגעץ אַנדערשוווּ אַרויסקומען.

אין אַ זייט פון שאָסיי, אויף די פעלדער, זענען אָנגעזעצט אין דר׳ערד קורצע, שמאָלע העלצער, און איבער זיי זיינען דורכגעפלאָכטען דראָטן פול מיט שטעכעדיקע פאַרשפּיצטע קניפּלעך, ווייטער אַ ביסל גייען גריבער מיט בערגלעך.

— אָט זענען אָקאָפּעס, ווייזט אונז מישאַ.

מיר קוקן אויף די פּשוטע גריבער, וווהין די סאָלדאַטן פלעגן אַוועקגיין, געזעגנדיק זיך מיטן לעבן; אויף די עטלעכע יונגע סאָסנעס, וואָס שטייען דאָ צובראָכן, פאַרסמאַליעט. אויף דער צווייקטער לֵיים. אַלץ איז דאָ וויסט און פּוסט.

מיר ווייסן, אַז דער שאָסיי דאַרף זיך באַלד דורכרייסן איבער באַווינטע ערטער. דערווייל אָבער נעמט צו אים קיין סוף נישט. די שטאָט הינטער אונז איז שוין פאַרזונקען, אין אַ זייט זעט זיך אַ וועלדל און מער גאָרנישט.

צוויי מיידלעך פירן אונטער די אָרימס זייער מוטער. די מוטער איז נישט אַזוי אַלט, קראַנק איז זי, און אַ קראַנקע האָט מען זי אַרויסגענומען פון בעט, גייט זי, זיך וואַקלענ-דיק, און עס זעט אויס, לאָזן זי די טעכטער אָפּ אַ רגע, פאַלט זי איין וועג. ביידע מיידלעך זענען זייער מיד. די קראַנקע, דער ווייטער וועג האָבן זיי אויסגעשעפּט. ווי מאַמאַ דערזעט זיי, רייסט זיך ביי איר אַרויס אַ געשריי:

— חנה!...

די קראַנקע פרוי הויבט אויף דעם קאָפּ צו אונז. אירע הענט פאַלן אַראָפּ פון אונטער די טעכטערס אָרימס, און אַ פּאָר מאָל גיט זי אַ שוואַכן הויב מיט די הענט, זאָגנדיק שטיל:

— זעט אויף אונז... זעט אויף אונז...

— נעמט מיט דאָס טעפּל — בעט די מוטער — עס האָט די קינדער שוין פערמאַטערט. אין שטעטל וועלן מיר אָפּנעמען.

איינס פון די מיידלעך, וואָס טראָגט אויף אַ שטריקל אַ טעפּל אין דער פרייער האַנט, לויפט אונטער און דערלאַנגט עס אין פור אַריין, זאָגנדיק: — איינגעגאַכטס, די מאַמע צו דערמונטערן. דאָס טעפּל האַלט איך נעבן זיך, א ליימן טעפּל מיט צוויי אויערלעך אין די זייטן. עס איז פאַרצויגן מיט אַ פּאַפּיר, און איך קלער, וואָס פאַר אַ זאַפט דאָרט איז: מאַלינעס?

ווי עס ווייזט אויס, זענען אַנדערע אַרויס גלייך ווי עס האָט זיך באַוויזן דער באַפעל, וואָרום מיר זענען שוין אַזאַ שטיק אָפּגעפאָרן, און דער וועג איז אַלץ באַדעקט מיט מענטשן. הינטער אונז האָבן מיר שוין אויך געלאָזן אַ סך. אַ גרויסע שטאָט יידן געוועז. מיר זוכן אַלץ פּאַפּען, אָבער ער זעט זיך נישט. די זון איז שוין אַריבער דעם גרעסטען טייל הימל. די גייענדיקע פאַלן פון די כּחות, אָבער קיינער שטייט נישט אָפּ. איידער די נאַכט קומט, ווילט זיך יעדן דערשלעפּן צו אַ מקום.

אונזערע אויגן ציט צו אַ שוואַנגערע פרוי, וואָס גייט,

זיך אָנהאַלטנדיק אָן אַ פּרעמדער פּור. איר פּאָלגט נאָך אַן אַלטע יידענע מיט אַ קישן אונטערן אָרים און אַ סלאָאיקל אויף אַ שטריקל אין דער האַנט. איך רעכן, אַז דאָס איז אויך זאַפּט, דאָס האַרץ אָפּצוכאַפּן. אַנטקעגן אונז קומען סאָלדאַטן, זיי פּירט אַן עלטסטער צו דער שטאָט. די יידן שפּאַרן זיך אין ביידע זייטן פון שאָסיי. פאַרשוויצטע, מיט אָנגעקלעפּטן שטויב אויף די צורות, גייען זיי אָנגעלאָדן, ווי אייזלען, מיט רענצלעך, ביקסן און לאָפּעטעס, אַלע קוקן אויף די זעלנער, וואָס הויבן אַ שטויב מיט זייערע שטיוול. און אַז זיי גייען דורך, זאָגט די טראַגעדיקע פרוי צו דער עלטערער: — מאַמע. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מיין בענצע איז מיט זיי.

— וואָס דיר קען איינפאַלן, בורטשעט מיט אומצופרידנהייט די אַלטע.

— אַלטער, אַלטער, דער משומד איז אויך דאָ, צעלאַכן מיר זיך אַלע. אַזוי ווי שטענדיק אויף די שפּיץ פינגער, דער גאַנצער גוף פאָרויס, שאַרט זיך אַלטער, די הענט צוזאַמענגענומען אויפן בויך, מיט אַ שטעקן אונטערן אָרים. זיין רויט געשוואָלענע אייביק טריפנדע נאָז שיינט אויפן ערדישן פּנים. שאַרנדיק זיך אַלץ ווייטער, פרעגט ער יעדן יידן, טייטלענדיק מיט אַ פינגער צו דער אייגענער צורה:

— מיך אויך?... מיך אויך?

אַ בן-יחיד ביי אַ יידישן ישובניק, איז ער געבליבן פרי אַ רונדער יתום. זיך אַרומגעוואַלגערט צווישן גוים. אויפגעוואַקסן אַ „קיין עין הרע”, מער ווי עטלעכע ליטווישע ווערטער און אַ פּאָר יידישע פאַרמאָגט זיין לשון נישט. זיצט ער גאַנצע טעגביים קלויסטער מיט „פּאַטערעס” אין די הענט, גייט פאַרביי אַ פויערטע, זאָגט אים אַריין אין אויער דעם נאָמען פון דער נשמה, פאַר וועלכער ער זאָל בעטן, גיט אים אַ פּאָר קאָפּיקעס, און אונזער אַלטער צעבלעקערט זיך אויף וואָס די וועלט שטייט. אויף אַ קריסטלעכער לויה לויפט ער פאַרסאַרוועט, אָן אַ היטל, דער ערשטער, נאָך פאַרן גלח. דאָס שטערט אים אָבער נישט צו קומען באַגלייטן אַ יידישן מת. באַזונדערס

האָט ער ליב, ווען עס מאַכט זיך אַ שטיקל חזיר, קומען דאָס אויפעסן ביי אונזער קראָם. קוקנדיק מיט זיינע אידיאָטישע אויגלעך גלייך אין פּנים אַריין, סמאָטשקעט ער דאָס חזיר און רייצט זיך מיט מיין פֿאָטער, און ווען דאָס פלייש איז אויפגעפרעסן און די פינגער אָפּגעלעקט, שטעקט ער אויס די האַנט נאָך אַ קאָפּיקע. אָט ער, אַלטער, שאַרט זיך דאָס ערשט איבערן שאָסיי און קען נישט דערגיין ביי די אַרויסגעטריבענע יידן, צי אים, אַלטערן, מיינט דאָס דער רוסישער גענעראַל שטאַב אויך...

מיר דערזעען פּאַפּען, ער גייט צווישן עטלעכע מאַנסבילן, און זיינע הענט זענען פאַרנומען מיט פּעקלעך. דאָס מוז ער וועמען העלפן אונטערטראָגן. ווען אונזער פור דערנענטערט זיך, הויבן מיר אים אָן צו רופן, פּאַפּע באַמערקט אונז, און אַ פריילעכער שרייט ער, אַז מיר זאָלן זיך נישט אָפּשטעלן און פאָרן ווייטער. — אַ פור פאַרגעסט נאָר נישט אַרויפצושיקן, שרייט ער אונז אַ פּאָר מאָל נאָך. מיר זעען נאָך לאַנג, ווי פּאַפּע, מיט אַ קערבל און מיט אַ פּאָר קניפּלעך, גייט לעבן אַן אַלטן יידן, וואָס טראָגט אונטערן אָרעם עטלעכע ספרים צוזאַמענגעבונדן אין אַ טיכל, און זיי שמועסן ביידע.

מיטן שאָסיי פאָרן מיר מער נישט לאַנג. מיר קערן אַראָפּ אויף אַ געוויינלעכן וועג, דער גאַנצער שטראָם גייט ווייטער מיטן שאָסיי, האָפנדיק זיך צו דערשלאָגן צו אַ ווייטערדיק שטעטל, וואָס דאַרף האָבן אַ באַן. מיר פאָרן ערשט צו אַ ברעקל יידיש שטעטל דאָ נישט ווייט. מיט אונז דרייען זיך אַראָפּ נאָר די יעניקע, וואָס גלויבן נישט, אַז זייערע כּוחות וועלן סטייען אויף מער, אָדער אַזעלכע וואָס רעכענען דאָ צו קריגען אַ פור. אַנדערע פּרויען, וועמענס מענער עס זענען פאַרהאַלטן געוואָרן צו גראָבן אָקאָפּעס, ווילן בלייבן וואָס נענטער צו דער שטאָט, מען זאָל זיך חס וחלילה נישט פאַרלירן.

צווישן ביידע זייטן וועג, ביים וואַלד, ליגט דאָס שטעטל. אַ ברייטער ייד מיט אַ סך געזונטע טעכטער נעמען אונז אַראָפּ פון פור צו זיך אין שטוב. מען ברענגט אונז גלייך צו עסן און

צו טרינקען, מיר שדרייען אָבער אַ פּור, מען זאָל זען פאַר אונז אַ פּור. ווען זיי דערוויסן זיך, צו וואָס מיר דאַרפן עס, לויפט דאָס גאַנצע הויז-געזינד זוכן אַ פויער מיט אַ פּור. באַלד ברענגען זיי אַ פורמאַן. מיר זאָגן אים אָן אַ שיעור מאָל אָן, אַז וויפל מען זאָל אים אויפן וועג נישט אָנבאָטן, זאָל ער נישט הערן, ער וועט פון אונז קריגן אַ סך מער. ער איז גראָד אונזער אַן אַלטער קונד. ער ווייסט די קראָם און קען די באָבן. אַז ער פאָרט ענדלעך, באַגלייט פון אונזערע נאָכגעשרייען, אַוועק, ווערט לייכטער אויפן האַרצן.

מיך האָט מען אַריינגעלייגט אין בעט, נישט צו שלאָפן, נאָר כּדי זיך אָפּצורוען. אַנישט וואָלט איך זיך נישט געלאָזט, ווייל איך וויל אָפּוואַרטן פּאַפּן און די באָבן, און אָט, אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין גאָר אויף מאָרגן אין דער פרי. די באָבע איז שוין דאָ מיט דער סחורה. און דער ברייטער ייד, וואָס האָט אונז אַזוי גוט אויפגענומען און וויל דערפאַר קיין געלט נישט נעמען, ליאַרעמט צו זיינע טעכטער:

— קינדער, שטייט אויף, מען טרייבט אונז שוין אויך אַרויס...

— פאַרשלאָפענע, דערשראָקענע, שפּרינגען די מיידלעך אויף, און ער, דער פאָטער, איילט זיך צו דערציילן, ווי ער איז אויפגעשטאַנען ווי אַלע מאָל באַגינען, גענומען די קו אויף דער לאָנקע טרייבן, קומט אים אַנטקעגן דער אוריאַדניק און לאַכט:

— האָסט נישט וואָס דיין קו אויף דער לאָנקע צו טרייבן, ווייל מען טרייבט דיך גופא שוין אַרויס...

אין שטעטל שטייט ערשט אַ בהלה, אונז פאַרדריסט אויך, וואָס מען טרייבט ווייטער. מאַמאַ זאָגט, אַז נעכטן פאַרנאַכט האָט זי גערעכנט שוין אָפּוואַרטן דאָ אין שטעטל, ביז מען וועט אַראָפּנעמען די גזירה און מען וועט קענען צוריק אַ היים פאָרן. פּאַפּע און מאַמאַ זענען שוין אַוועק דינגען פאַר אונז

אַ פור. מיר, קינדער, פרישטיקן ערשט מיט דער באָבן.

— אָן אמתער רוצח איז ער געווען, גיט פּלוצלונג אַ זאָג די באָבע, זיך עפּעס דערמאָנענדיק. – ווער? פרעגט פריידקע. — דער קאָזאַק, ימח שמו, ענטפערט די באָבע. — וועלכער? פרעג איך שוין.

— אוי, קינדער איר ווייסט גאָרנישט. וואָס איך האָב זיך אויסגעליטן, ביז איך האָב דאָס ביסל שניט נעכטן אָפּגעראַטעוועט — הויבט די באָבע אָן צו דערציילן, און מיר אַלע שטעלן זיך נייגעריק אָן — קוים די פור דערוואַרט, וואָס געקענט אָנגעלייגט, און איך בין שוין גליקלעך, געמיינט האָב איך, אַז מיר זענען שוין געהאָלפן. איך וועל ברענגען אַ פור שניט, וועט'ן דאָך איבער די הייזער גיין פאַרשפּאָרן. רייט דאָס צו אַ קאָזאַק, אַרום פור קלייבט זיך צוזאַמען אַ המון, שור וחור, מיט זעק און טאָרבעס, און ער, נישט אַראָפּקריכנדיק פון פערד, הויבט אַלעמען אָן צו טיילן. אַ בעל־נדבן מיר, איך לייג אָן אין וואָגן מיט די לעצטע כחות, און ער טיילט, און דער המון קלייבט זיך אַלץ מער. קיין זכר איז שוין פון יידיש גוטס נישט געבליבן. רבונו של עולם, דו זעסט דאָס און שווייגסט — דערמאָנט זיך די באָבע אָן גאָט און ווערט אַנשוויגן. — נו, וואָס, באָבע איז געוואָרן? פרעגט מישאַ.

— נו וואָס, קינדערלעך, האָט שוין געקענט ווערן, זעט איך, אַז ער צעטיילט גיכער, ווי איך בעוויז צוצולייגן, אַז נישט פאַר מיר, אַ שוואַכע יידענע, איז אַ מלחמה צו האַלטן מיט אַ קאָזאַק, כאַפּ איך פּאַפּעס פּעלץ, וואָס איז אַלע מאָל געהאָנגען אין קראָם, איך הייס דעם פויער פאָרן. ווי דער קאָזאַק דערזעט דעם פּעלץ. שרייט ער: גיב עס אַהער: גיב איך נישט. אַלטע, שרייט דער גזלן. איך נעם דיך דורך מיט מיין פּיקע! איך ווייס דאָך אָבער, אַז באַלד איז ווינטער. ווי וועט דער טאַטע אהינקומען אָן אַ פּעלץ, און נאָך אין דער פרעמד. האַלט איך פעסט צו זיך דעם פּעלץ און וויל פאָרן. דאָ קאָכט אין אים אויף די רציחה, ער שפּרינגט דאָס אַראָפּ פון פערד, גיט אַ ריס פון מיר דעם פּעלץ און גיט מיר אַזאַ

שטויס, אַז איך פֿאַרשטיי נאָך היינט נישט, ווי איך בין לעבן געבליבן. אַ גרויסן דאַנק דעם אויבערשטן פֿאַר דעם חסד, וואָס ער האָט געטון מיט מיר, אַז איך האָב נאָך געהאַט כּח זיך אויפֿצוהויבן און אַוועקפֿאָרן מיט עפּעס וואָס אין פֿור.

— קיין יידן זענען שוין מער נישט געבליבן אין שטאָט? — פֿרעגט ר' יידקע.

— ניין, טאַכטערל, איך בין פֿון די לעצטע געווען, נאָר עטלעכע אַלטע באַלעבאַטים, גרויסע צדיקים, זענען לשם מצוה געבליבן נאָך, כּדי צו קבר ישראל ברענגען די, וואָס זענען אין זעלבן טאָג געשטאָרבן, גאָט ווייס זיי אויסהיטן...

פּאַפּע און מאַמאַ זענען געקומען מיט צוויי געדונגענע פֿורן. פּאַפּע זאָגט, אַז איינע איז פֿאַר די סחורה און די זאַכן. די צווייטע פֿאַר אונז גופֿא. דאָסמאָל האָבן מיר קלענערע האַרצווייטיקייט ביים אַוועקפֿאָרן. פֿאָרט איז דאָ נישט אונזער היים. אויסער דעם איז דאָך דאָס ביי אונז נישט צום ערשטן מאָל. די באָבע זאָגט, אַז צו קיין זאַך אין דער וועלט געוויינט מען זיך נישט צו אַזוי שנעל, ווי צו צרות. נאָר דער ייד מיט זיינע טעכטער זענען נאָך, ווייזט אויס, צו צרות נישט געוווינט. ווען נישט פּאַפּע, וואָס האַלט זיי אין איין מתרה זיין — וואָס איר קענט נאָר, מוזט איר מיטנעמען, קיין האָן וועט דאָ פֿון קיין זאַך נישט בלייבן. וואָלטן זיי שוין לאַנג ווי זיי שטייען און גייען אין וועג אַרויס. איצט איז אַן אומגליק. וואָס טוט מען מיט די הינער? ווי לאָזט מען די גענז? דעם אינדיק. דעם אינדיק ווו טוט מען אַהין? אויף וועמענס יושר גיט מען איבער די קו? שווערלעך קומט זיי אויס אַלץ צו לאָזן אויף הפקר און גיין — ווו? וואָס וואָרט זיין?

מיר געזעגענען זיך מיט אונזערע ווילדיקע באַלעבאַטים. דאָס געזעגענען באַשטייט אין וואַרימע ווערטער, מיט וועלכע איטלעכער טרייסט דעם צווייטן און בשעת מעשה זיך אַליין. — „עס וועט נאָך גוט זיין“. „מיר וועלן נאָך אין נחת דערציילן“.

„מען טראָגט אַלץ אַריבער", „אונזערע זיידעס האָבן נאָך מער פון אונז געליטן און זיי האָבן אויך אריבערגעטראָגן".

איבערן גרויסן הימל לויפן וואָלקנדלעך, זיי פאַרציען די זון. עס ווערט שאָטנדיק און באַלד צוריק העל ליכטיק. אונטערן הימל, אונטער דער זון, אונטער די וואָלקנס גייען מענטשן, פאָרן פורן. דער וועג א ריימיקער, מיט שטיינער, פליסט פלאַך איבער די פעלדער, וואָס ליגן ארום. איבער די נידעריקע פעלדער שטייט הויך פון ווייטן דער סאָסנע וואַלד, פויל דרייען זיך די רעדער. אונטער דער וואָגיקער משא טרעטן שווער די מאַנסבילן, מיד גייען זייערע ווייבער מיט די קינדער אויף די הענט, די גרעסערע קינדער מיט קניפּלעך און טאָר־בעלעך, וואָס זענען צו שווער פאַר זיי.

אָט זעט אַ מאַן, ווי זיין ווייב מיטן פּיצל אויף די הענט שטייט אַלץ אָפּ, לאָזט ער אַראָפּ פון זיך דעם גרויסן פּאַק, עפנט צוויי ברעגעס פון דער קאָלדרע, שפּאַרט אָן זיין רוקן אָן בונט, נעמט איין עק איבערן רעכטן אַקסל, דעם אַנדערן דורכן לינקן אָרים און פאַרקניפּט עס אויף דער ברוסט, שווער הויבט ער זיך מיט דער משא אויף, און ערשט, האָבנ־דיק אַ פרייע האַנט, נעמט ער צו פון זיין פרוי דאָס קינד, וועלכן זי גיט אים אָפּ אָן אַ וואָרט.

היינט איז מען אַ סך קליגער אין גאַנג, ווי נעכטן. מען איז שוין געניט. מען ווייסט שוין, אַז די פינגער הויבן אָן שניידן, דאַרף מען נעמען די משא אויפן רוקן, אַז דער רוקן ברעכט שוין אויך, נעמט מען ווידער אין האַנט, און אַז זאַלבע־צווייט איז גרינגער צו טראָגן אינאיינעם, ווי איטלעכן באַזונדער: אַז אַ זעקל איז באַקוועם אַריבערצוּוואַרפן איבערן אַקסל, אַזוי אַז פאָרנט און הינטן זאָלן אַראָפּוועגן צו הויקערס, און אַז קינדער קען מען טראָגן, חוץ אויף די הענט, אויף די פּלייצעס און אויפן רוקן. מען קען אַ קניפּל געבן האַלטן דעם קינד און אַזוי עס טראגן אויף זיך. מען טאָר זיך נישט איילן, ווייל

מען ווערט צו שנעל אָן די כּוחות. עס לוינט אָפּט נישט אָפּ־שטעלן זיך רוען, מחמת שפּעטער איז שווערער צו גיין.

אין דעם קליינעם שטעטל זענען דורך נאכט אַנגעלאָפן אַ סך יידן פון אונזער שטאָט, און איצט גייט דאָס שטעטל איניינעם מיט אונז. מאנכע שטעטלדיקע משפחות פאָרן אויף אייגענע פערד, אבער פאַרנדיקע איז ווינציק אין פאַרגלייך מיט די, וואָס גייען צו פוס. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די תושבים ארום האָבן אַלע פערד און וועגענער, קען מען עס נאָר פאַר גרויסע געלטער קריגן. א סך זענען מיט די פורן אין שטאָט אוועק. און אַנטקעגן אונז טרעפן מיר אָפּט פויערים מיט גרויסע וועגענער. יעדעס מאָל, ווען אַזאַ וואָגן טראָגט זיך פאַרביי, גיט א טענה אַ דיקלעכע יידענע, וואָס וויגט זיך אויף אירע זייטן ביי אונזער רעדער: — דאָס פאָרט ער נאָך מיינע קישעלעך, נאָכן טישל, נאָך די פאָר בענקלעך...

דאָס שטעטל זעט זיך שוין נישט. הינטער אונז און פאַר אונז ציט זיך דער וועג. אויפן הימל שפּילן זיך די וואָלקנס מיט דער זון. דער ווינט טשעפּעט די פוס־גייער, פאַרמאַטערט, לאָזט פשוט זיך נישט באַוועגן.

אַ צווייטער וועג גייט ווייט פון אונז, אויף אים זעט זיך אויך א לעבעדיקער שנור. אויף דעם אָרט, וווּ איין וועג רינט אַריין אין דעם אַנדערן, טרעפן זיך ביידע מענגעס מענטשן און גיסן זיך צונויף. דאָס זענען יידן, וואָס וואָגלען, ווי מיר. זיי דערציילן — פון נעכטן אָן זענען זיי אין וועג, ווו זענען זיי נישט אויסגעוועזן, צו א באַן־סטאַנציע זיך געוואָלט דערשלעפּן, ווער קען שוין צופוס גיין? האָבן זיי אין דער פינסטער דעם ריכטיקן וועג נישט געטראָפן און פאַרקראָכן אין אַן אָרט, ווו מען האָט זיי באַשאָסן. קוים מיטן לעבן אַרויס.

— נישט ווייט דאַרף דאָ זיין אַ שטעטל. באַרויקט זיי אַ באַיאָרנטער ייד.

דערווייל קומען מיר צו צו אַ גרויס דאָרף. דאָס גאַנצע דאָרף לויפט ארויס קוקן אויף אונז, ווי אויף א בייזן וווּנדער. דער עולם נעמט צוזאַמען אַלע כּוחות און שפּרייזט האסטיק

דורך, באַגלייט מיט א געביל פון הינט. אונזער פורמאַן בלייבט אָנטרינקען דאָס פערד. אונז רינגלען אַרום פויערים, פויערטעס. מיר וואָלטן זיי וועלן פאַרקויפן א ביסל שניט, ווייל מיר דאַרפן געלט. מיר וואָלטן פאַרקויפט פאַר אַ העלפט פון דעם ווערט, נאָר אונז געפעלן ניט זייערע פנימער, וואָס זענען הייגט צו לעבעדיק, און צופיל שקאָצימלעך דרייען זיך דאָ אַרום. נאָר ווען איין קריסטן פאַרקוקט זיך אויף מירעלעס וועגעלע, פאַר-קויפן מיר עס גלייך, עס האָט טאַקע פאַרנומען צופיל אָרט אין פור. אָבער אין וואָס וועט מען מירעלען איצט פאַרוויגן?

הצד בוים שטעטל דעריאָגן אונזערע פורן די גאַנצע מחנה מענטשן, וואָס קוקן אויס מיט גרויס האָפענונג אויף די הילצערנע הייזלעך, וועלכע נעמען שוין ארויסקריכן פון אַרומיקן זאַמד. קיין הימל איז מער נישטאָ, נידעריק טראָגן זיך איבער אלעמען וואָלקנס. דער ווינט איז פריש. עס איז קאַלט.

מיט אונזער אָנקומען אין שטעטל האָט זיך קיינער נישט דערפרייט. אונז איז נישט בעסער און נישט גרינגער. ווי נאָר די ערשטע האָבן באַוויזן אַריינצוטרעטן אין שטעטל, האָט זיי שוין אָפּ:עוואַרט דער אוריאַדניק און באַפוילען זיך נישט אָפּ-שטעלן. יידן איז שוין דאָ פאַרבאָטן צו זיין. אַלע האָבן אים אָנגעקוקט, ווי משוגע. זעט ער דען נישט, אַז גיכער קענען ערשט גיין די שטיינער פון גאַס, איידער מיר. און וואָס איז די שרעק, אַז מיר וועלן זיך דאָ אַביסל אָפּרוען? קיינער האָט אפילו קיין כוח נישט מיט אים זיך אויסצוטענהען. מידע, אויסגעשעפטע, לאָזט מען זיך אַראָפּ אויפן טראָטואַר, אויפן ברוק, אויף די הילצערנע בריקלעך — שלעפט אונז! דער אוריאַדניק חזרט מיט נארישער עקשנות, אז מיר טאָרן דאָ נישט בלייבן, מיר זאָלן גיכער פון דאַנען זיך רירן. דער עולם בינדט פונאַנדער די פעקלעך, נעמט ארויס וואָס איבערצוכאַפּן דאָס האַרץ. מען קאָרמעט אָן די קינדער. די היגע יידן, וואָס האָבן שוין געהאַלטן ביים פאַרלאָזן דאָס שטעטל, בלייבן צוליב אונז נאָך אַ ווײַלע. אנדערע עפענען די פאַרשלאָסענע שטיבער

און גיבן אונז אָפּ קעז, פּוטער, ברויט, וואָס זיי האָבן שוין געהאַט איבערגעלאָזט.

אַביסל קרעפטיקער פון עסן, פון אייניקע מינוט אָפּרו, הויבן זיך אַלע אויף און לאָזן זיך גיין ווייטער אין וועג. די וואָלקנס האָבן דאָס ליכט צוגענומען, און עס איז טונקעל, אָבער נאָך נישט שפּעט. מען גייט צו אַ צווייט שטעטל, וואָס ליגט א פּאָר שעה גאַנג פון דאַנען, און אַלע זאָגן זיך צו, אַז פון דאָרט וועט מען נישט גיין, וואָס עס זאָל נישט זיין — איבערנעכטיקן מוזן זיי אונז לאָזן. — אז מען זאָל זיך אויף זייער יושר פאַרלאָזן, וועט מען דאָך אומקומען.

עס איז אַ וווּנדער, ווי שנעל מען גייט. פון וואַנען האָט מען דאָס נייע כּוחות גענומען? דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל די וואָלקנס ווערן טונקעלער און דער ווינט פייכטער. אַ רעגן שרעקט אַלעמען אַזוי, אַז מען האָט גאָר מוֹרא וועגן אים צו רעדן. דערזעט מען, ווי איינער באַקוקט דעם הימל, שאָקלען אַלע מיט די קעפּ, שטרענגען אָן די טריט.

עס איז אמת? אָט איז שוין אַ ניי שטעטעלע, מיר זעען עס, מיר איילן זיך צו דעם. — אַ גרויסן גאָט האָבן מיר — זאָגט איינער — מיר וועלן קומען אונטער אַ דאַך, איידער עס וועט אָנהויבן דער רעגן.

ווען מיר קומען צום שטעטל, רעגנט עס נאָך נישט, אָבער וואָס איז די פּעולה, אַז מען טרייבט אונז ווייטער. מיט אייזנס איבער די לאָדנס, פאַרהאַקט, פאַרשלאָסן, טויט ליידיק שטייט דאָס שטעטל. איידער מיר זענען געקומען, האָט מען שוין די יידישע איינוווינער פאַרטריבן. ביים אַריינפאָר וואַרט אונז שוין אָפּ די גאַנצע „נאַטשאַלסטווע" און באַגלייט אונז דורך דער גאַנצער גאַס, וואָס שניידט איבער דאָס שטעטל פון איין ברעג ביז אַ צווייטן, און הייסט אונז גיין ווייטער. און ווייל זיי פילן, אַז אַלע זענען טויט מיד און קענען זיך אוועקוואַרפן אויפן ברוק און איינשלאָפן, שרייען זיי גראָב, סטראַשען, און באַרויקן זיך נישט, ביז דער גאַנצער המון שטייט נישט אוי- סערן שטעטל.

אויפן הוילן וועג, אין פוסטן פעלד, אונטער דעם כמאַרע־דיקן הימל, וואָס באַוועגט זיך פון ווינט, בלייבן אַלע מיטאַמאָל שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און הענט: מיר זענען פאַרלוירן!

אונזערע פורמאַנעס טענהן מיט אונז איין, מיר זאָלן זיי פאָלגן און נעמען אָן אַ זייט, דאָ נישט ווייט איז דאָ אַ דאָרף, ווו מיר וועלן קומען פאַרן רעגן און קענען איבערנעכטיקן. אָבער מיר ווילן גאָרנישט הערן. אַפילו פאַרן האַסטיקער לאָזט מאַמאַ אויך נישט. מיר פועלן דאָס ביי זיי, העכערנדיק דעם באַשטימטן מקח. אונז שרעקט דער געדאַנק צו בלייבן אַליין אויפן וועג אין אַזאַ צייט.

— צי עס וועט יאָ רעגענען, צי נישט רעגענען, דאָ בלייבן קען מען דאָך נישט, טאָ וואָס שטייען מיר — שרייט אויס אַ בחור און הויבט אָן גיין, און אַלע נאָך אים.

— אַוודאי, אַוודאי גייען מיר, כאַפּט אונטער אַן אַנדערער — און פון וואַנען זענען מיר דאָס אַזוי זיכער, אַז ס׳וועט רעגענען. פון אַזעלכע וואָלקנס פאַסירט אַמאָל, אַז ס׳טריפן אַראָפּ מער נישט ווי אַ פּאָר טראָפּנס.

— וואָס אַ רעגן, ווען אַ רעגן. דער ווינט וועט צוטרייבן די וואָלקנס — רופט זיך אָפּ מיט מוט אַן אַלטיטשקער, וועלכער האָט צוגעבונדן צום שטעקן זיין גאַנץ באַגאַזש.

— מעגלעך, גאַנץ מעגלעך — זענען עטלעכע מסכים.

— וואָס דרייט איר דאָ אַלע אַ קאָפּ. עס רעגנט דאָך שוין — זאָגט ענערגיש אַ הויכער ייד, אויסשטרעקנדיק אין דער לופט זיין האַנט און דערנענטערנדיק אַלע פינגער.

אַ סך שטרעקן אַזוי אויס די הענט. אַפילו איך אויך. אָבער עס רעגנט נישט.

— ביי אייך גופא דרייט זיך דער קאָפּ. ווו רעגנט אייך?— רופן זיך עטלעכע אָפּ צום הויכן.

— יידן, ווייט איז נאָך ביז אַ שטעטל? פרעגט מיט שרעק אַ יינג ווייבל, וואָס גייט מיט אַ קינד אויף דער האַנט. אין

דער צווייטער האָט האַלט זי אַ טאָרבעלע, וועלכעס זי טראָגט בשותפות פאַר די אויערן מיט אַ ייִנגעלע

— אָט דאָ גלייך — ענטפערט גלייכגילטיק עמעצער.

— וווּ? פרעגט מיט פאַרוווּנדערונג די פרוי.

— אָט דאָ פון הינטן — ווייזט איר דער זעלבער אויפן שטעטל, דורך וועלכן מען האָט אונז אַזוי פיין דורכבאַגלייט. דאָס ווייבל שווייגט, און דער ייד רעדט ווייטער:

— צו אַן אַנדער שטעטל איז אַ היפש שטיקל. נאָר גאָרנישט. מיר וועלן קומען. פון וואַנען זענט איר אָבער אַזוי זיכער, אַז מען וועט אונז פון דאָרטן נישט טרייבן ווייטער. רוסלאַנד איז געגנוג גרויס.

— וואָס שרעקט איר אַ יידענע – מישט זיך אַריין אַ צווייטער ייד. איר מאַן איז אויף מלחמה. זי מיט אירע עופה־לעך שלעפּן זיך שוין דעם צווייטן טאָג, און איר מאַכט איר נאָך שווער דאָס האַרץ. זאָרגט נישט, אַזוי איז איר אויך נישט גרינג.

– און מיר איז גרינג – כאַפּט זיך אָן דער ערשטער — צו איר זאָג איך דען דאָס אַלץ? איך רעד דאָ צו זיך אַליין. טאַקע ווו קומען מיר אַהין, ווען מען לאָזט אונז אין דעם נייעם שטעטל נישט פאַרבלייבן? איר מאַן איז בעסער פאַר מיר. ער ווייסט כאָטש גאָרנישט, און איך דאַרף צוקוקן דעם יאָמער פון מיין ווייב און קינדער. און מיט וואָס קען איך איר העלפן, סיידן מיט אַ קרעכץ. פריער האָב איך אַלץ גע־האַט אָנגעזאָטלט אויף מיין רוקן, און ערשט, מיינט איר, איז מיר גוט, ווען איך גיב זיי דאָס אָפּ ביסלעכווייז צוריק. אָבער קיין פערד בין איך דאָך אויך נישט. מיין רוקן דרייט מיר פון אַלע מאָל.

— וואָס דערציילט איר מיר, אַליין ווייס איך דען דאָס נישט — האָקט אים יענער איבער — איך טראַכט די גאַנצע צייט, אַז דאָס איז אַ משוגעת פון אונז צו שלעפּן פּעק מיט זיך. מען וואָלט דאָס אין ערשטן גרוב איבערלאָזן געדאַרפט.

— אַז איך וועל משוגע ווערן, וועל איך דאָס אַוועק־

וואַרפֿן – כאַפּט זיך דער ערשטער ווייטער — איר ווייסט, קיין גראָשן ביי דער נשמה האָב איך נישט.

— און איך, מיינט איר, האָב? ווער האָט דאָס מזומן געלט ביי זיך געהאַלטן?...

— טאָ וואָס ווילט איר... ווילט איר, איך זאָל דאָס קישעלע, די פּאָר בגדים דאָ אַוועקוואַרפֿן! סוף-כּל-סוף וועט מען דאָך אונדז לאָזן זיך ווו אָפּשטעלן. וועלן מיינע קינדער כאָטש נאָך איין נאַכט דורכשלאָפֿן אויף אַ קישן, און אויף מאָרגן וועלן מיר אים פֿאַרקויפֿן און אויפעסן...

עס ווערט מיטאַמאָל פֿינסטער. מיר אין פֿור הויבן אָן צו זוכן אין אונזערע זאַכן, מיט וואָס מיר זאָלן זיך קענען איינוויקלען. עס ווערט אַלץ קעלטער. דער ווינט שטאַרקער. אַלע גייען שנעל, ווי מען קען נאָר, כּדי זיך צו דערוואַרעמען אין גאַנג.

— מאַמאַ, מיר איז קאַלט, הערט זיך אַ שטימע פֿון אַ קינד.

— זינדיק נישט, זונעלע, באַלד וועט נאָס אויך זיין...

8. דורכן רעגן

מיט גרויסע טראָפּנס הייבט זיך אָן דער רעגן. מיר אײַן פור וויקלען זיך איין אין אַלע בגדים, וואָס מיר האָבן נאָר באַוויזן אַרויסצושלעפּן, און דריקן זיך פעסט איינער צום אַנ- דערן. דער פויער הייבט אָן צו טרייבן דאָס פערד. מיר הערן, ווי דער רעגן קלאַפּט איבער די זאַכן, וואָס מיר האָבן אויף זיך אָנגעצויגן, און ווי די גאַנצע מאַסע, וואָס בלייבט ערשט פון הינטן, נעמט אויף מיט אימה דעם געוויטער. עס דער- טראָגן זיך איינציקע קולות: „אפשר שטעלן מיר זיך אָפּ", „משוגע זענט איר, איצט מוז מען גיין וואָס גיכער", „ווי, ביז אַן אָרט איז דאָך אַ ווילדער מהלך", „עס איז נישטאָ קיין תירוץ", „שנעלער, שנעלער", „מאַמע, מיר איז נאַס", „מאַמע, מיר איז קאַלט"...

אַלץ שוואַכער דערטראָגט זיך צו אונז די מהומה. די פוסגייער שטייען אָפּ פון אונז. אָבער קיין לאַנגן געלויף קען אונזער פערדל נישט אויסהאַלטן. דער ליימיקער וועג ווערט שנעל קלעפּיק. ווייך, יעדעס מאָל וואָס מיר פאָרן אַרויף אויף אַ שטיין, גיט ער אַלעמען אַ שליידער. ביי איין טאָרקע פאַלט אויף מיר אַרויף אַ שווערע זאַך. איך קריג אַ קלאַפּ, אַז איך שריי אויף. דאָס איז דאָס טעפּל מיט זאַפּט, וואָס מיר האָבן גענומען אונטערצופירן ביי דער קראַנקער פרוי נעכטן אויפן שאָסיי. מיר האָבן אַלץ געהאַפּט זי צו באַגעגענען, און געהאַלטן דעריבער דאָס טעפּל פון אויבן. ערשט האָט דאָס פאַפּיר גע- פּלאַצט, און איך בין איינגאַנצן באַגאָסן מיט זאַפּט. איך גלייך אויס דאָס טעפּל און שטעק אַריין די פינגער, צו וויסן, אויב

עס איז נאָך וואָס געבליבן. מיר דאַכט זיך, אַז אַ ביסל אין נאָך דאָ, און איך האַלט די זאַפּט לעבן זיך. אומבאַדינגט וועט מען זיי דאַרפן אָפּגעבן כאָטש די רעשט. זיי גײטיקן זיך גע־וויס אין אַ ביסל מאַלינע־זאַפּט. מיר איז זייער נודנע, איך הער, ווי ביי מישאן גייען אום די ציין אין מויל פון קעלט. דאָך טראַכט נישט לאַנג און צעווײנט זיך. מירעלע העלפט אים אונטער. מאַמאַ זוכט אייננצוּשלעפערן מירעלען.

— הערשל, ווענדעט זי זיך צו פּאַפּאַן — וואָס טוט מען? איך מיטן קינד וועלן דאָך באַלד זיין אויסצודרייען.

פּאַפּאַ זוכט צו עפענען אַ פּעקל און אונז באַדעקן מיט נאָך עפּעס וואָס, ווייל אַלץ, וואָס מיר האָבן אויסגעשפּרייט איבער זיך, איז שוין פייכט. אָבער עס איז אַלץ איבעריק. דער רעגן איז שטאַרק און טראַכט אַפילו נישט אויפצוהערן. דער ווינט איז אַ קאַלטער. עס איז שוין פינסטער. אונזער וואָגן פאָרט אַלץ פּאַמעלעכער, וואַרפט זיך אַלץ מער. יעדעס מאָל, וואָס אַ ראָד גייט אַרויף אויף אַ שטיין, דאַכט זיך, אַז מיר קערן זיך באַלד איבער. מיר זענען צעטאָרקעט, דורכגעווייקט, מיר זיצן אין אַ וואַננע פון נאַסע שמאַטעס און שוידערן פון נעץ און קעלט. ווײלעוויַיז הערן מיר אינגאַנצן אויף זיך צו פאַרטיידיקן פון רעגן. דער וועג איז צעקראָכן, די פור זינקט, פון יעדן שטיין טרייסלט זי אויף, און מיר פליען איינער אויפן צווייטן און ווערן אָפּגעפּליוכעט פון דעם רעגן־וואַסער, וואָס קלייבט זיך אין די קנייטשן פון די שמאַטעס, וואָס מיר האַלטן איבער אונזערע קעפּ.

אונזער צווייטע פור זעט זיך נישט. איך, מישא, דאָד און פריידקע שרייען: „באָבע". פּאַפּאַ שרייט: „שוויגער". מאַמאַ: „מאַמע"! ווייל מיר מיינען, אַז די פור דאַרף זיך געפינען נישט ווייט. מאַמאַ האָט מורא, זי זאָל זיך נישט האָבן גאָר איבערגעקערט. פּאַפּאַ אָבער זאָגט, אַז דער באָבעס פור איז אַ סך שווערער, ווי אונזערע, איז זי דערפאַר אָפּגעשטאַנען. אין שטעטל וועלן מיר אם ירצה השם זיך געפינען.

די פור קנ„ט שווער די ליים פון וועג. דער רעגן איז

אַזוי געדיכט, אַז מיר באַוועגן זיך אין אַ וואַסערדיקער וואַנט. דער ווינט טראָגט דעם וואַנט-רעגן און שלאָגט אונז מיט אים. עס איז אַזוי פינסטער, אַז מיר זעען נישט איינער דעם אַנידערן. דאָד איז אַזוי דורכגענומען פון קאַלטן רעגן, דאָס ער האָט שוין נישט קיין כּוח צו וויינען און ברומט נאָר אונטער, צוקלאַפּנדיק צום טאַקט מיט די ציין. מישא, וועלכער האָט אין אָנפאַנג געזאָגט, אַז אַ שטאַרקער רעגן מוז זיך שנעל ענדיקן, פאַרזיכערט ערשט מיט מרה שחורה, אַז עס וועט שוין פלוכענען אַ גאַנצע נאַכט. פריידקע, איינגעקאָרטשעט אין זיך, שווייגט די גאַנצע צייט. מען הערט נאָר, ווי זי שווידערט. מאַמאַ און פּאַפּאַ זענען די גאַנצע צייט פאַרנומען מיט מירעלען. ווי עס זעט אויס, האָבן זיי זי טאַקע אויסגעהיט פון רעגן. זי שלאָפט שטיל. אין אַ רעגן-נאַכט שלאָפט זיך אַלעמאָל זייער גוט. איך האָב שטענדיק ליב געהאַט. ווען עס רעגנט ביינאַכט. ביי אונז אין שטוב פלעגט דאָס וואַסער אַראָפּלויפן דורך אַ רינע. אין בעטל איז געווען וואַרים, ווייך, עס האָט זיך געהערט, ווי דער רעגן שפּילט אין בלעך. אַפילו אַ שלעכטער חלום איז נישט געווען אַזוי שרעקלעך, ווי די נאַכט.

עטלעכע מאָל שטעלט זיך אָפּ אונזער פור, פאַרזונקען אין ליימיקן וועג. דאָס איז נאָר אַ תענוג... פאָרסטו, דורכט זיך נאָך, אַז דו וועסט אַנטלויפן פון דער פינסטערער רעגנדיקער נאַכט, שטעלט מען זיך אָפּ, פילסטו, אַז קיין סוף וועט נישט נעמען. דער פויער קריכט אַ פּאָר מאָל אַראָפּ. זידלט די טייוולאָנעם, גיט ווייטער אַ טרייב דאָס פערדל.

פּאַפּאַ עצהט אונז צו זיצן אויף איין אָרט, זיך נישט דרייען. וואָרום אַז מען דרייט זיך, מאַכט מען נאָך ערגער. פּאַפּאַ איז טאַקע גערעכט. אַז מען דרייט זיך נישט, וואַרעמסטו אַליין אָן ס'וואַסער אַרום זיך. און זיך געפינען אין וואַרימען וואַסער איז אַ סך בעסער, ווי אין קאַלטן. אָבער זיץ רוהיק, ווען די פור האַלט זיך אין איין קאָדערן. מאַמאַ רופט: — דאָדל, מיין קינד, ווו ביסטו? אנשטאט דאָד ענטפערט מישא: ער איז דאָ, וואָס ווילסטו? — ווו ביסטו? רעדט מאַמאַ וויי-

טער, עופהלעך מיינע אָרימע, וועלכע צרות עס האָבן זיך אויף אייך אויסגעגאָסן.—מאַמאַ, זאָגט שטיל פריידקע, מיך שווידערט־נו, וואָס קען דיר די מאַמע העלפן — מישט זיך אריין פּאַפּאַ — האָב געדולד, מיר וועלן זיך אָנשלאָגן געוויס באַלד אָן א דאַך, וועט מען זיך אויסטריקענען, דערוואַרעמען.

מיר שטייען ווייטער. דער פויער זעט, אַז זיין שרייען אויפן פערד ווירקט נישט, עס שטייט פעסט אין נאַסער ליים, ווי גישט אים מיינט מען, האָט ער באַשלאָסן אים לאָזן זיך אָנקלייבן מיט כוחות. דאָס פערד דאַרף מסתמא א סך כוחות, ווייל שוין לאַנג ווי עס שטייט און רירט זיך אויף קיין פּאַל נישט פון אָרט. מיר ליגן אונטער אונזערע שמאַטעס און הערן, ווי דער רעגן שמייסט נאָך אַלץ מיט דער זעלבער קראַפט. פּלוצלונג רייסט זיך דורך הינטער אונז, אין דער פינסטערניש, א געשריי, און גלייך פרעגט עמעצער הויך, דערשראָקן:

— ביסט געפאַלן? האָסט זיך ווי געטון?

— אוי, ענטפערט אָפּ, לאַנג ציענדיק, א צעבראָכענע פרויען־שטים, צו ניקאָליי־ניקאָלייעוויטשעס קאָפּ זאָל דאָס אויס־גיין...

איך הויב פּאָרזיכטיק אויף מיין נאַסן צודעק און שטעל אַרויס די אויגן. איבערן פינסטערן גליטשיקן וועג בראָדזען מענטשן. דאָס זענען די יידן, וואָס מיר האָבן געלאָזן פון הינטן אָנהויב וועג. אָבער אַזוי ווי מיר שטייען אָפּט און שלעפּן זיך צרהדיק, האָבן זיי אונז דעריאָגט. ווען די פאָדערשטע גלייכן זיך אויס מיט אונזער פור, פרעגט מאַמאַ הויך:

— יידן, האָט איר נישט געזען אויפן וועג א פור מיט אן אַלטער יידענע?...

עפּעס א זקנה ענטפערט פאַרמאַטערט:

— געזעען?... וואָס געזעען?... מען זעט דען דאָ וואָס? דאַכט זיך, יאָ געזען אייער פור דאָרט אויפן וועג — מען קען דען דאָ וואָס נישט איז געדענקען...

דער רעגן פּאַטשט איבערן פעלד, איבער די צעווייקטע פעלער, איבער די פּנימער, איבער די איינגעבויגענע גע־

שטאַלטן. „אַז איך שטעק אַריין איין פוס, האָב איך נישט קיין כּוח אַרויסצושלעפּן דעם צווייטן" — קלאָגט זיך אַ שטים.

עס קוואָקעט די ליים, וואָס מען טרעט מיט די פיס, עס קלאַפּט דער רעגן און בּלעזלט אין די לוזשעס. ווײַל איינער וואָס זאָגן, שרייט ער הויך, אַנדערש וואָלט מען אים נישט דערהערט. און ווײַ, ער שרייט, קלינגט אָפּ זיין קול ווייט אַרום: — ווּ גייסטו, דאָס איז דאָך אַ גרוב, וועסט פאַלן...

— זאָלן אונזערע שונאים וויסן אַזוי פון זייער לעבן, ווי איך וויים, ווּ איך גיי.

די בּלאָטע שפּריצט אונטער די פיס און באַשפּריצט אַלעמען פון קאָפּ בּיז די פּיס, די בּלאָטע פליסט הויך, אַפילו מיין צורה ווערט בּאַשפּריצט מיט קאַלטער, נאַסער ליים.

אונזער פערד איז אַוועק. ווייזט אויס, צוזעענדיק, ווי עס שלעפּן זיך קליינע קינדער, אַלטע לייט, האָט ער איינגעפונען, אַז עס איז נישט די צייט זיך צו פאַרציען. פון אונזערע רעדער פליען שטראָמען שמוץ און טונקען אָפּ, ווער עס געפינט זיך נאָר דערבּיי. דאָס שטערט אָבּער נישט, אַז אונזער וואָגן זאָל זיין געדיכט אַרומגערינגלט. עס לוינט זיי, די מידע, צו ווערען ווי גרויס מען איז באַקלעפּט, נאָר כּדי קענען זיך אָנהאַלטן כאָטש מיט אַ האַנט אין דער פור. אַזוי פילענט ציען זיך צו אירע ווענטלעך, אַז דער פויער באַמערקט עס און הויבּט אָן שרייען, דאָס מען שלעפּט אים זיין פור אויף קעריק. ער מאַכט געוואַלדן. מען לאָזט אָפּ די הענט. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום קלאַנערן זיך איין נייע פינגער.

— יאָסעלע, האַלט זיך אָן אין מיר. איך וועל דיך נאָך פאַרלירן, וועל איך דאָ אומקומען.

— אוי מיינע פעקלעך, דעם ים וואַסער האָבן זיי שוין אין זיך, פודן וועגן זיי.

— נישטאָ שוין מער קיין כּוח, איך קען שוין מער נישט גיין.

— און איך, מיינסטו, קען גיין, איך האָב כּוח, ווער

האָט דען דאָ ערשט פּוח? מיר גייען? די צרות גייען אין אונז...

נישט קוקנדיק, וואָס איך שטרענג זיך אָן, קען איך נישט אונטערשיידן, ווער עס רעדט. מער ווי אַ טונקעלע מאַסע, וואָס באַוועגט זיך אין רעגן, זעט מען ני־.

מען פילט שוין נישט, צי עס רעגנט, צי נישט. ווערט אַ ביסל שטילער, איז שוין אויך גאַנץ עגאַל. מיר טראָגן שוין אין די קליידער געננוג וואַסער, עס זאָל אונז זיין נאַס און קאַלט. דער וועג איז שוין אַזוי צעגראָבן און גליטשיק, אַז ערגער קען שוין נישט זיין. דער ווינט וואַרפט, רייסט, שלעפט, ווי אים ווילט זיך. אַ שמוציקע נאַכט היינטיקע, ווו נעמט זיך דאָס אַזאַ חושך? אַוויפיל וואַסער? „אַ תל ווערט דאָ פון אַלעמען", זאָגט מאַמאַ.

פלוצלונג ווערט פאַר אונזער פור אַ טומל, און זי בלייבט שטיין.

— נו, הויבט זיך אויף, מען האָט אייך איבערפאָרן גע־קענט — בייגט זיך איינער איין — ווי זעגט איר דאָס אַזוי געפאַלן.

— אַז איך קען נישט, קרעכצט אַן אַלטער מאַן פון דער ערד.

פּאַפּאַ קריכט אַרויס פון וואָגן. איך און מישא דעקן זיך איינגאַנצן אָפּ, צו זען וואָס דאָס איז. דער רעגן גיסט, דער פויער זיצט מיט די לייצעס אין האַנט און וואַרט, אַז דער ייד, וואָס איז געפאַלן האַרט ביים וואָגן, זאָל זיך אויפהויבן.— וואָס איז אייך? — פרעגט פּאַפּאַ.

— איך קען מער נישט גיין — ענטפערט שוואַך דער ייד, וואָס ליגט אויסגעצויגן איבערן וועג.

— איר מאַכט נאָר ערגער — זאָגט פּאַפּע צו אים — איר האָט שוין אַ באַרג ליים אויף זיך אָנגענומען, פון דעם וועט אייך נאָך שווערער ווערן צו גיין.

— נו, וואָס זאָל איך טון, וואָס זאָל איך טון — קרעכצט דער געפאַלענער — אַז איך קען זיך נישט אויפהויבן.

עטלעכע יידן איינעם מיט פֿאָפּן הויבן דעם יידן אויף, ער קרעכצט און אָטעמט שווער. אַז ער שטייט שוין אויף די פֿיס, מוז מען אים צוהאַלטן, אַנישט פֿאַלט ער ווידער.

— נו, וואָס זאָל איך טון, יידן... איך קען פֿאָרט נישט גיין. ווי גאָט וועט געבן, אַזוי וועט זיין, לאָזט מיך דאָ איבער.

— וואָס רעדט איר! — שרייען אויס מיט אומצופֿרידנקייט אַלע, וואָס שטייען אַרום.

פּאַפּאַ גייט צו צום פֿויער. — הער, איך וועל דיר געבן נאָך אַ רובל, לאָז אַרויפֿנעמען דעם אַלטן מאַן. — מען קען נישט — ענטפֿערט קורץ יענער. — עס איז דאָך נישט ווייט ביז אַ שטעטל, אַ רובל גייט נישט צופֿוס. דער פֿויער שווייגט.— פֿאַר אַזאַ גוטע זאַך וועט דיר גאָט אויך אָפּצאָלן — העלפֿט אונטער מאַמאַ. — זאָג, ברודער, וויפֿל ווילסטו פֿאַר דעם, פֿרעגט פּאַפּאַ. — איך וויל — ענטפֿערט דער פֿויער מיט רוגזה, איר זאָלט אַלע אַראָפּקריכן פֿון מיין פֿור!

מער רעדט מען נישט. פּאַפּאַ ווענדעט זיך צו די אַרומיקע: יידן, וואָס מאַכט מען? — איך וואָלט געהאַט נאָך איינעם צו זיך, וואָלטן מיר אים געפֿירט — רוקט זיך איינער אַרויס. — טאָ לאָמיר אים נעמען — געפֿינט זיך גלייך אַ צווייטער — ווי לאַנג מיר וועלן אַליין קענען גיין, וועלן מיר אים פֿירן. און ביידע נעמען דעם אַלטן אונטער די אָרעמס.

איך און מישא באַהאַלטן זיך שוין נישט אונטער די פּייכטע זאַכן, מיר זיצן פֿרייע אונטערן רעגן, און פֿילן זיך נאָך בעסער.

— אַ גרויסע מצוה פֿאַרדינען איצט די, וואָס העלפֿן אונטער דעם אַלטן — זאָג איך צו מישאן.

אַ גרויסע עבירה פֿאַרדינען די, וואָס טרייבן אונז — זאָגט מישא.

מער רעדן מיר נישט. איך ווייס נישט, וואָס מישא קלערט. איך טראַכט איצט, ווי גרויס עס איז די עבירה, וואָס

זיי באַגייען, און וואָס פאַרא גרויסע שטראָף וועט גאָט שיקן אויף זיי.

אומברחמנותדיק וואַרפט זיך אונזער פור. אומברחמנות־דיק דרינגט צו דער רעגן צום לייב. דאָס וואַרעמע לייב צי־טערט, און דאָס קאַלטע וואַסער רינט, טריפט אויף אים אַלץ מער. מיר רעדן נישט, מיר וויינען נישט, מיר זיצן און שווי־דערן, און הערן, ווי די אייגענע ציין אין מויל קלאַפּן איינס אָן אַנדערן. איך ווייס נישט, איך געדענק נישט, איך ווייס נאָר, אַז לאַנג האָט עס נאָך געדויערט, לאַנג האָט זיך נאָך געטרייסלט די פור, לאַנג האָט נאָך אונז געוואָרפן פון קעלט און נעץ, לאַנג האָבן מיר נאָך געהערט, ווי עס טונקען שווער אין בלאָטע קליינע און גרויסע, לאַנג האָט מען נאָך געשריגן, לאַנג האָט מען געשאָלטן, און אַז מיר זענען אָנגעקומען אין שטעטל, איז נאָך געשטאַנען דער שרעקלעכער חושך און מבול, און ווי מען האָט אונז נאָר אַריינגעלאָזן דאָ אין תבואה־קלייט, בין איך אין די נאַסע קליידער אויף אַ דורכגעווייקט פּעקל תיכף איינגעשלאָפן.

ס'איז ליכטיק. דורך דער אָפענער ברייטער טיר זעט זיך אַ העל שמייכלדיקער פרימאָרגן. מיינע קליידער זענען צע־קנייטשט, אָבער וואַרעם, און האָבן אַ שמערן ריח. איך עפן די אויגן און דערזע די באָבע, וואָס דרעמלט אין אַ ווינקל, און דערפריי זיך, וואָס זי איז שוין מיט אונז. מישא, דאָד און פריידקע שלאָפן. נאָר מאַמאַ, מירעלע און פּאַפּאַ זענען נישטאָ אין קלייט. מאַמאַ מיט אַ קליין קינד מוז זיין אין אַ שטוב. פּאַפּאַ איז מסתמא אויפגעשטאַנען פריער און אַוועק זען, וואָס זיי מאַכן.

באַלד קומט אָן פּאַפּאַ מיט אַ טוטל בולקעלעך, די באָ־בע ברענגט טיי. פּאַפּאַ זאָגט, אַז מיר וועלן אָפּפרישטיקן־וועלן מיר גיין זען מאַמאַן. מיר טרינקען מיט הנאה די זיסע

טיי און קייען די זעמל. די באָבע איז מכבד מיט אַ גלעזל וואַרעמס אַן אַלטע יידענע, וועלכע זעצט זיך צו צו אונז.

— געלויבט און געבענטשט דער אויבערשטער — הויבט אויף די באָבע די הענט — דורכגעקומען מיט אַזעלכע עופּהלעך אַזאַ נאַכט.

— אוי איז דאָס געווען אַ נאַכט, גיט די אַלטע אַ האַסטיקן זופּ פון טעפּעלע — איר זענט כאָטש, ווי איר אַליין דערציילט, שוין צו צרות אַביסל געוווינט געווען, נאָך אַ שריפה, נאָך אַלע פּורעניותן, וואָס איר האָט אין אייער שטאָט דורכגעטראָגן. אָבער אונז האָט דאָך די גזירה געטראָפן, ווי אַ קויל. מיר האָבן דאָך נאָך די מלחמה נישט געפילט, געזעסן אויף אונזערע ערטער, און דאָ מיטאַמאָל אַזאַ אומגליק. גאָט, פאַרוואָס קומט אונז דאָס?...

ווי מיר גייען אַרויס פון קלייט, כאַפּט אונז אַרום דאָס גוטע וועטער, פון די קליידער גייט אַזש אַ פּאַרע אויף דער זון. עס איז אַ זעלטענער פאַרגעניגן זיך צו לאָזן וואַרעמען און טריקענען פון דער זון. מיר קומען צום הויז, וו מאַמאַ האָט געגעבטיקט. מאַמאַ דערפרייט זיך זייער מיט אונז. זי זאָגט, אַז זי האָט נעכטן נישט געגלויבט, דאָס מיר וועלן שוין ווו עס איז קומען לעבעדיק. אין זעלביקן הויז דינגען מיר אָפּ אַ קאַמער. אַזוי ווי מיר ווייסן נישט, ווי לאַנג מיר בלייבן אין שטעטל, מאַכן מיר אָפּ צו צאָלן אויפן טאָג. מיר פּעקלען זיך אַריין אין דער נייער דירה מיט אונזער סחורה און זאַכן.

דעם ערשטן טאָג זענען מיר נאָך אַלץ נישט זיכער, און אונז דאַכט זיך, אַז אָט אָט און מען יאָגט אונז ווידער. נאָר אַז מיר נעכטיקן איבער, זענען מיר שוין רוהיקער, און הערן אויף יעדע ווײַלע אַרויסקוקן פון פענסטער. די באָבע קאָכט אונז גוטע עסן און הייסט אָנקלייבן כוחות, ווייל ווער ווייסט, צי מען וועט אונז נישט טרייבן ווייטער. אַ ייד איז דאָך ביי זיי הפקר...

אַזוי גייען אַוועק אייניקע נישט שלעכטע טעג, אָבער היינט טויג שוין ווייטער נישט, ווייל צו אונז האָבן זיך דער-

טראָגן טרויעריקע נייעס פון אונזער שטאָט. מען דערציילט, אַז די יידן, וואָס זענען געבליבן מקבר זיין די טויטע אין טאָג פון גירוש, האָט מען צעשלאָגן און אַרעסטירט, און אײנער פון זיי איז שוין אומגעקומען. האָבן דערווייל מאַמאַ, די באָבע און אַפילו פריידקע זיך דערמאָנט אין אַלע אונזערע צרות און זיך צעוויינט. מיר, מישאַ און דאָדן פאַרדריסט אויך, וואָס מען האָט אונז אַרויסגעטריבן פון אונזער שיינער שטאָט, און איצט מוזן מיר זיך וואַלגערן אין אַ קליין צימערל אויף אַ פּעקל אויף דר'ערד, דערצו איז היינט אַ נייע מאָבּיליזאַציע. אין דערפרי האָט מען אויסגעקלעפּט געפאַרבטע צעטלעך, און ערשט שטופּן זיך ביי אַ טיר יידן און גוים. מען זאָגט, אַז מען קוקט נישט קראַנק, געזונט — אַלעמען נעמט מען. פיל יידן, וואָס האָבן זיך אינאיינעם מיט אונז אַהער דערשלעפּט, ווערן סאָלדאַטן. ווו וועלן זיי מיט די קינדער אַהינקומען, ווער וועט זיי עסן געבן און וואָס טוען זיי, טאָמער מען טרייבט ווייטער. די נייע סאָלדאַטן האַלטן זיך נישט שטאַרק העלדיש, זיי טרייסטן, שטאַמלענדיק, זייערע פרויען, אַז גאָט וועט נישט פאַרלאָזן, אייביק וועט זיך די מלחמה נישט ציען. שטייט איבערן שטעטל אַ יללה. אַלע האָבן פאַרדרוס, וואָס מען איז נישט געגאַנגען מיט אַן אַנדער וועג. די וואָס האָבן זיך ביז אַ באַן דערשלאָגן, האָט מען אין טיף רוסלאַנד געשיקט, זיי וועלן שוין דאָרטן זיין רוהיק, בשעת מיר ליגן דאָ אויף אָפּלעגער. איבערהויפּט האָבן גרויסע עגמת נפש די ניי אָפּגעגעבענע. זיי זאָגן: „וואָלטן מיר כאָטש די אייגענע געקענט איבערלאָזן אויף אַ זיכער אָרט, פון וואַנען מען זאָל זיי נישט טרייבן, וואָלטן מיר דאָך גליקלעכע מענטשן געווען"...

מיר ווייסן אַליין נישט, וואָס מיט אונז זאָל דאָ זיין. פּאַפּע זאָגט, אַז אַזוי זיצנדיק, קען מען די הויט אויפעסן. אָבער מיר האָבן נישט קיין שליטה אַליין פון דאַנען טיפער צו פאָרן. מיר גלויבן נאָך אַלץ, אַז די מלחמה מוז זיך שוין ענדיקן, זי ציט זיך דאָך שוין אַזוי לאַנג, זי האָט שוין אַזויפיל צרות אָנגעטון.

אַזוי גייט אַ טאָג נאָך אַ צווייטן, מישאַ האָט ערגעץ-ווו אויסגעגראָבן אַ פּאָר ביכער און זיצט איבער זיי — אויך מיר אָן אַרבעט!... איך מיט דאָדן בלאָנקענען אַרום איבערן שטעטל. אָבער אונז האָט שוין אַלץ דערעסן, אַפילו דאָס ליידיק גיין.

מען האָט זיך אָן אונז דערמאָנט און מען יאָגט אונז ווייטער. מיר פאַרלאָזן דאָס שטעטל כמעט די ערשטע. מיר שלעפּן זיך אָפּ אַ גאַנצן טאָג מיט אונזער האַק און פּאַק, ביז מיר קומען צו אַ באַן-סטאַציע. דאָ טרעפן מיר שמוציקע נישט אויסגעשלאָפענע מענטשן, וואָס באַליגן דעם וואָקזאַל און די פּלאַטפאָרמעס. זיי דערציילן אונז, אַז זיי וואַרטן שוין אַ מעת-לעת אויף אַ צוג. אַז די יידן שיקט מען אין לאַסט-וואַגאָנעס, די טירן פאַרחתמעט מען מיט פּלאָמבעס, און מען שיקט טיף אין רוסלאַנד, און די גאַנצע צייט איז מען פאַרשפּאַרט, ווי בהמות. „וואָס דאָס הייסט, קענט איר זיך אַליין פאָרשטעלן". מאַמאַ שרעקט זיך, אַז די קינדער קענען נאָך חלילה פון אַזאַ מין פאָרן קראַנק ווערן. ענדיקן ענדיקט זיך דערמיט, דאָס מיר נעמען אַרויס אויף אייגן געלט בילעטן, און פאָרן מיט אַ געווײנלעכן צוג צו דער נאָנטסטער גרויסער שטאָט.

אין באַן פילן מיר זיך גוט, מיר גלייכן אויס די בויערנער און נעמען זיך צום עסן. איך האָב זייער האָלט צו עסן אין באַן. אין וואַגאָן זענען דאָ אַנדערע פאַמיליעס וואָס פאָרן, ווי מיר, אויף אייגענע קאָסטן. מען צערעדט זיך. פּאַפּאַ דערציילט אַ יידן מיט אַ שיינער ברייטער באָרד, וויפל עס האָט אונז שוין אָפּגעקאָסט דאָס שלעפּן זיך מיט דעם ביסל שניט. „אָבער העלף זיך, אַז דאָ איז נישטאָ, ווער עס זאָל קויפן, כאָטש שענק אַוועק".

— דאָס איז נאָך גוט, שמייכלט דער ייד — אָט בין איך אַהער געקומען מיט אַן אייגן פערד און וואָגן. איך וועל דאָך אים נישט אַריינגעמען אין וואַגאָן, האָב איך אים אַרומגעפירט פאַרקויפן. טאָ וואָס מיינט איר? ווייזט זיך אַרויס,

אַז אַ סך יידן זענען דאָ געקומען מיט אייגן פערד און וואָגן, און אַלע ווילן פאַרקויפן. אויב אַזוי, איז שוין נישטאָ, ווער עס זאָל קויפן. אומזיסט נעמט אויך קיינער נישט. דאָס שטעטל איז ווי אויף רעדלעך. היינט מאָרגן קומט די גזירה. וואָס טוט מען? האָב איך אים געלאָזן אין מיטן גאַס און אַוועק אויפן וואָקזאַל צו ווייב און קינדער. טוט מיר אָבער ווי דאָס האַרץ. אַן אייגן פערד, אַ גוט פערד, אַליין אים אויסגעכאָליעט. זע איך — צום פאָרן איז נאָך לאַנג, גיי איך זען, וואָס מיט מיין פור איז געוואָרן. קום איך און געפין זי אויפן זעלביקן אָרט. אַ געלערנט פערד, איך האָב אים אַוועקגעשטעלט — שטייט ער. וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, ווייסט ער דאָך נישט, און וואָס די רוסישע גענעראַלן האָבן צו אונז, פאַרשטייט ער אויך נישט, אַזוי ווי זיי אַליין פאַרשטייען נישט... קלער איך, צרות גרויסע, דאָס פערד קען אַזוי לאַנג שטיין, ביז עס וועט פון הונגער אויסגיין, ווער וועט אים באַמערקן, נעמט מיר דאָס פאַרן האַרצן, טראַכט איך, זאָל ער כאָטש גיין, וועט מען דערזען אַ פערד פאָרט אייגער אַליין, וועט מען זוכן דעם באַלעבאָס, וועט מען שוין דאָס פערדל צונעמען און נישט לאָזן פון הונגער פאַלן. גיי איך אַזוי פאַרביי פאַר מיין פערד און הייס אים פאָרן, טאַקע איך זאָג אים: פאָר! אַ קלוג פערד, מיך געקענט, פאָלגט ער און גייט. איך האַלט זיך אין אַ זייט. מען זאָל חלילה נישט זען, אַז עס איז מיינס. ציט זיך דאָס פערדל מיטן וואָגן אין גאַס, און איך גיי פון וויטן נאָך, וואָס וועט דאָ זיין. כאַפּט מען, אַז אַ פערד פאָרט אַליין, שטעלט אים איינער אָפּ, מען פרעגט, מען זוכט דעם באַלעבאָס. נישטאָ קיין באַלעבאָס. פירט מען אים אָפּ אָן אַ זייט וועג, און מען צוגייט זיך. זע איך, אַז עס איז קיין פעולה נישט, און איך בעט מיין בהמה זיך רירן. לאַנג האָט עס געדויערט. מען האָט אים אַפילו צו אַ סלופּ צוגעבונדן. איך האָב אים אָפּגעבונדן און ווייטער געשיקט אין וועג אַריין, ביז אַ גאָראָדאָוואָי, לעבן זאָל ער, האָט זיך דערבאַרעמט און אים מיטגענומען. ערשט, גלויב איך, איז דער

פערד פאַרזאָגט. ווען איך בין געקומען קעריק אויפן וואָקזאַל, האָט מיך מיין ווייב באַלד נישט צוריסן: וואָס זי האָט שוין נישט איבערגעטראַכט. די קינדער האָבן נישט געגעסן — גיי דערצייל איר, אַז איך האָב געזוכט, ווערמען צו שענקען מיין פערד.

אין דער ערשטער שטאָט זענען מיר נישט אַראָפגעקראָכן, ווייל די אָרטיקע יידן האָבן אונז נישט געראַטן. „מיר לעבן אין שרעק, מען זאָל אונז היינט מאָרגן אַליין נישט טרייבן, און איר ווילט דאָ זיך אָפּשטעלן, וואָס, צרות פעלן אייך. איר האָט ווינציק דורכגעמאַכט״? פּאַפּאַ שיקט אונזער באַגאַזש ווייטער, און מיר קויפן נייע בילעטן צו אַ צווייטער גרויסער שטאָט.

אויפן פעראָן וואַרט מען אָפּ די פאַרבייגייענדע צוגן. עטלעכע פּאָר מיידלעך און בחורים טיילן דורך די פענסטערלעך פון די וואַגאָנעס עסנוואַרג די פאַרחלשטע יידן. צו אונז גייען אויך צו אייניקע בחורים און מיידלעך. זיי האָבן מיט זיך אַ שנור בייגל און קריגלעך מילך. זיי פרעגן אונז, פון וואַנען מיר זענען, הייסן אונז אומבאַדינגט פאָרן ווייטער. אַז מאַמאַ זאָגט זיי „איר קענט זיך נישט פאָרשטעלן, וואָס מיר האָבן זיך אָנגעליטן״, ענטפערן זיי: „און וואָס ווייסט איר, וואָס מיר האָבן זיך שוין דאָ אָנגעזען. אַ קלייניקייט, צענדליקער טויזנטער יידן טרייבט מען דאָך. וויפל הונגעריקע, קראַנקע, עלנדע, קינדער, וואָס האָבן זייערע עלטערן פאַרלוירן. און מיט וואָס קענען מיר זיי העלפן. מער נישט, ווי מיט אַ שטיקל ברויט. ווערן זיי טאַקע אויך לעבעדיק, ווען מען גיט אַ בייגל אַ קינד״.

די גאַנצע צייט טענהט איינע פון די מיידלעך מיט מיר איין, איך זאָל נעמען אַ בייגל. איך נעם נישט. ווי עס שיינט, געפעלט איר עפּעס, ווייל זי ווערט אַלץ היימלעכער, און הערט נישט אויף צו רעדן צו מיר. פּאַפּאַ שמייכלט צו און הייסט

מיר נעמען דעם בייגל, אָבער איך שווייג און פּאָלג נישט. זי, דאָס מיידל, טופּעט זיך איין. — ערשט זענען מיר אין איין גרויס — זאָגט זי און נעמט מיך פאַר אַ האַנט. איך דערזע נאָענט איר פרייליך געזיכט און נעם צו פון איר דעם בייגל, און בייס אים איין מיט מיינע ציין. זי שטעלט זיך אויף זייער אַ צופרידענע. מישא נעמט אויך אַ בייגל. דאָד אָבער נעמט נישט, עס העלפט גאָרנישט.

אויף אַ סטאַציע קריכט אַראָפּ די באָבע מיט אַ טשיי־ניק נאָך טיי. דער לאָקאָמאָטיוו פייפט, מיר שרייען, רופן די באָבע, זי זעט זיך נישט. ווען די באַן גייט שוין, באַווייזט זי זיך. זי מאַכט צו אונז מיט דער האַנט, און בלייבט אויפן פּעראָן. די באַן מיט אונז פאָרט אַוועק.

9. הײמלאָז

אַלץ איז פּשוטער, ווי מען מיינט. די גאַנצע צייט, וואָס די כאַן האָט אונז געטראָגן צו דער נייער שטאָט, האָט מאַמאַ זיך געהאַלטן אין איין קימערן, ווי וועלן מיר זיך דאָרט איינאָרדענען. אומעטום מוז דאָך זיין איבערפולט און שרעקלעך טייער. אַפילו פּאַפּאַ איז געווען אומרוהיק. איך האָב וועגן דעם ווינציק געקלערט. דערפאַר די באָבע, וואָס איז אויף דער סטאַנציע געבליבן מיטן טשייניק, איז מיר יאָ אַלץ געקומען אויפן זינען. ווי, ווען איך בלייב עס אַזוי איינער אַליין, אַפילו אין געדאַנק איז עס נישט אַנגענעם. פּאַפּאַ האָט אונז אָבער באַרויקט, אַז די באָבע ווייסט, וווהין מיר פאָרן, און זי וועט אונז אויפזוכן. און אַזוי איז טאַקע געווען. פּאַפּאַ האָט אָפּגעוואַרט אויפן וואָקזאַל די באָבע און זי געבראַכט צופירן צו אונז.

די דירה, וואָס מיר האָבן מיט גרויסע שוועריקייטן געקריגן צו דינגען, באַשטייט פון צוויי צימערלעך. די פענסטער גייען אַרויס אין הויף, אַ גרויסער און אונגעזיקער הויף, אַלעמאָל איז ער ליידיק. נאָר דאַן, ווען אויף אים באַווייזט זיך דער בריוו-טרעגער מיט דער טאָרבע בריוו, ווערט ער פול לעבעדיק פון מענטשן. די מענער האָט מען אַוועקגעשיקט זיך שלאָגן מיט די דייטשן, און זייערע ווייבער און קינדער לעבן נאָר מיט די בריוו, וואָס זיי קריגן. פאַרשפּעטיקט אַ בריוו, ווערט גלייך שוין אַ גוואַלט. אין גאַנצן הויף איז נאָר ביי אונז דאָ איין יונגער מאַנסביל. ער איז פון אַלעמאָל אַ הייגער, און האַלט אויפן ערשטן עטאַק אַ וועשעריי. ער האָט אַ

ווייב מיט צוויי קליינע מיידעלעך. אַז איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל דערזען, האָב איך זיך דערשראָקן, אַזוי בלייך און מאָ־גער איז ער. דעריבער האָט מען אים נישט צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט, און אים געגעבן אַ יאָר צייט זיך צו ערהוילן. אַזוי ווי אין גיכן ענדיקט זיך דאָס יאָר, און אַזעלכע ווי ער נעמט מען שוין צו, ווארום די מלחמה געדויערט שוין אַזוי לאַנג, אַז מען דאַרף אַלץ נייע און נייע סאָלדאַטן, זעט זיך דער וועשער צו „ערהוילן". ער טרינקט זייער אַ סך עסיק, און זעט צו עסן און צו שלאָפן וואָס ווייניקער. ער האָט ביי אונז דערציילט, אַז דורך גאַנצע נעכט שטייט ער ביים בעטל פון זיינע צוויי מיידעלעך. אייגנטלעך, טוט ער דאָס אַלץ צוליב זיי, ווייל וואָס וועט פון זיי ווערן, ווען מען זאָל אים דאָרטן אומברענגען. זייער הימלעכע מיידעלעך זענען זיי ביידע, און אַזוי ענלעך איינע אויף דער אַנדערער, אַז עס איז שווער צו כאַפּן, וועלכע הייסט טאַניע און וועלכע הייסט מאַניע. שלאָפן אַלעמאָל אין איין בעטל, אַפילו ווען איינע איז קראַנק, און די רפואות טרינקען זיי דעמאָלט אויך ביידע פון איין פלעשל. קיין טראָפּנס בעט די מאַמע דעם דאָקטאָר נישט פאַרשרייבן, נאָר מיקסטורן. פאַרשטייט זיך, אַז די קראַנקע איז דאַן אַ גרעסערע יחסנטע און נעמט אַן אַנדערש מאָל צו דאָס פלעשל און וויל נישט געבן דער צווייטער צו זופּן. זאָגט איר דאַן די געזונטע ברוגז: „וואַרט, אַז איך וועל קראַנק ווערן, וועל איך דיר מיינע רפואות אויך נישט געבן". ווערט יענע בעסער און גיט איר דאָס פלעשל: „געדענק אָבער, דו זאָלסט מיר אויך געבן".

דער גאַנצער הויף האָט צרות פון אונזער באַלעבאָסטע, אַ קליין שוואַרץ טרוקן ווייבל. מיר ליידן אָבער מער פאַר אַלעמען, ווייל זי וווינט די צווייטע טיר פון אונז, און וואָס נאָר אַ האָר, פאַלט זי אַריין מיט געוואַלדן און קולות. זי וויל

נישט אַנדערש, מיר זאָלן זיך אַרויסציען פֿון איר דירה. גאַנ־צע טעג שיטן זיך אָן אויפהער מענטשן דורכן הויף, וואָס זוכן דירות. אין אָנפאַנג פֿלעגט די באַלעבאָסטע ענטפערן, אַז ביי איר איז שוין אַלץ פֿאַרנומען. נאָר דערנאָך האָט זי זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן, וויפֿל אַ שטייגער, וואָלט מען געגעבן פֿאַר אַזאַ און אַזאַ דירה, און זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי קען פֿאַר איר קריגן אַ סך טייערער. האָט זי אונז געמאָלדן, אַז די קינדער פּירן איר איבער די שטוב, און זי וויל אונז מער נישט האָבן, און גלייך אָנגעהויבן פֿאַרדינגען אונזער דירה. זי בעט אַ שרעקלעך גרויסן מקח, און דער וואָס קומט זוכן, איז מסכּים. וואָס זאָל ער טון. די שטאָט איז פֿול מיט לאַזאַרעטן, מיט אַלע מינים קאַנצעלאַריעס, קיין צימערל נישט צו קריגן. ער וואַלגערט זיך מיט זיין פֿאַמיליע אין שול מיט נאָך צענד־ליקער היימלאָזע יידן. עס איז דאָרטן שמוציק, קאַלט, און עס הערשן קלעפּיקע קראַנקהייטן. דאָ באַט מען אים אָן אַ וווינונג, איז ער מרוצה צו צאָלן, וויפֿל מען בעט נאָר, וויפֿל ער האָט נאָר. קומט די באַלעבאָסטע גלייך געוואַלדעווען ביי אונז: „גייט פֿון דאַנען, וואָס ווילט איר פֿון מיר, אויף מיין קאָפּ זיך אָנגעזעצט, עס איז מיין הויז, איך וויל אייך מער נישט האָבן". מיר זענען נישט געוווינט, מען זאָל מאַכן ביי אונז אין שטוב סקאַנדאַלן, און עס ווירקט אויף אונז זייער שלעכט. מיר וואָלטן איר אַפֿילו געהעכערט אויך, כאָטש מיט אַן אמת צאָלן מיר שוין איצט אויך אַ ווילדן פּרייז — איז דאָך אָבער קיין שיעור נישטאָ. זי וועט דאָך גלייך וועלן נאָך מער. און צווייטנס, לעבן מיר דאָך פֿון פֿאַרטיקן. מיר האָבן פֿאַרקויפֿט די גאַנצע סחורה, וואָס מיר האָבן אַרויסגעפֿירט, און מיר עסן דאָס ביס־לעכווייז אויף. פֿון אַלע געשעפֿטן, וואָס פּאַפּאַ האָט דאָ גע־וואָלט מאַכן, האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזן. אונז גייט דאָ נישט. מיט אַן אמת גייט דאָ קיינעם נישט פֿון די „בעזשענ־צעס". אַזוי רופֿט מען אונז דאָ. דאָס הייסט „אַנטלאָפֿענע". מיר פֿאַרשטייען נישט, אויף וואָס פֿאַראַ סמך האָט מען געקרוינט מיט אַזאַ נאָמען אַלע אַרויסגעטריבענע. נאָר וואָס איז די נפֿקא

מינה. זאָלן זיי אונז רופן, ווי זיי ווילן, אַבי זיי זאָלן נישט טשעפּען.

אעראָפּלאַנען. אַ שפּאָגל נייער פאַרגעניגן איז אונז צו-געקומען די לעצטע צייט. יעדן פרימאָרגן באַווייזן זיך איבער דער שטאָט דייטשע אעראָפּלאַנען. זיי פליען אַזוי הויך, אַז מער ווי צוויי פּאַסיקלעך זעען זיך נישט. מען שיסט אויף זיי. אויפן הימל זעט דאָס אויס, ווי מען וואָלט זיי באַוואָרפן מיט שניי-קניידלעך. די אעראָפּלאַנען פליען זיך רויק ארום צווישן די ווייסע וואָלקנדלעך, וואָס קלעפּן זיך נאָנט ארום זיי, און וואַרפן אויף דער שטאָט באָמבעס. פון די באָמבעס ווערן גע-הרגעט מענטשן, און אונז פאַלט אַרויס דאָס האַרץ ביי יעדן אויפרייס.

ביינאַכט זענען מיר פון אעראָפּלאַנען פריי. ביינאַכט באַ-זוכט אונז אַ צעפּעלין. קען זיין, אַז מען וואָלט אים געקענט פאַרשלאָפן, זאָגט מען אָבער אָן זיין אָנקומען מיט אַ געוויין פון אַ סירענע, אַזוי אַז די גאַנצע שטאָט כאַפּט זיך אויף. ביי אונז שטייט אויך אויף די גאַנצע שטוב, און טאָמער איך שלאָף, וועקט מען מיך און מען הייסט זיך אָנטון. בייטאָג מיטן אעראָפּלאַן איז גרינגער. אַלע שטייען מיט אָפענע מיילער און פאַרריסענע קעפּ און פאָלגן נאָך דעם אעראָפּלאַנס באַוועַ-גונגען, אויפשרייענדיק ביי יעדער וואָלקנדל, וואָס דערלאַנגט נאָענט צו אים. מיטן צעפּעלין שוידערסטו דורך אַ גאַנצע נאַכט, ווייל עס איז קאַלט פון שרעק און פון וועלן שלאָפן, קוקסטו מיט מורא דורכן פענסטער, און מער ווי אַ שוואַרצן הימל זעסטו נישט. הערסט שטאַרקע אויפרייסן, און דו ווייסט נישט, צי זענען עס די באָמבעס, וואָס מען שיקט צום צעפּע-לין, אָדער דאָס רייסן אויף די באָמבעס, וואָס דער צעפּעלין שיקט צו אונז. אַלע זענען בלייך, צעטומלט. די שכנים לויפן איינער צום אַנדערן. מען ווייסט נישט, וואָס צו טון. בלייבן אויפן צווייטן שטאָק, אַראָפּלויפן אויפן ערשטן, זיין אין שטוב,

אויפן הויף, אָדער גאָר פאַרגראָבן אין אַ קעלער ? ווו איז קלענער די געפאַר ? לויפט מען אַרויף און אַראָפּ אַ גאַנצע נאַכט. און דאָס אַלץ גראָד, ווען איך האָב שוין אָנגעהויבן בעסער צו שלאָפן. די ערשטע צייט פלעגן מיר זיך יעדע נאַכט חלומען פוגרן, יידן, סאָלדאַטן, ווי מען טרייבט אונז, ווי מען שיסט און מיר פליען אין טיפע גריבער. איבערפרי פלע: איך אויפשטיין אַ פאַרשוויצטער, אַ מידער, און אין אָוונט פלעג איך זיך פשוט שרעקן גיין שלאָפן.

אַלץ גייט ערגער. אַפילו דעם וועשער, וואָס זעט אויס, ווי אַ מת, האָט מען שוין אויך אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. אין אַ גראָען שינעל איז ער געקומען צו אונז זיך געזעגענען. זיין ווייב, ביידע מיידעלעך און די שוויגער האָבן אים באַגלייט אויפן וואָקזאַל. אין אונזער הויף איז געוואָרן נאָך אומעטיקער ; האָט טאַקע פּאַפּאַ, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן די שפּיל פון די אעראָפּלאַנען, גענומען רעדן, אַז מיר ליידן גאָר אומזיסט. די היגע, פאַרשטייט ער, זיצן אין זייערע היימען. מיר אָבער, סיי ווי סיי פרעמדע, פאַרדינען מיר נישט, טאָ וואָס האָבן מיר דאָ צו זיצן, שוין בעסער אַוועקפאָרן ווייטער פון דער מלחמה-שרעק. ס'קען זיין, אַז דאָס וואָלט מער נישט געבליבן ווי ווערטער, ווייל ווי די באָבע זאָגט, האָבן מיר פון אונזער פאָרעריי קיין מאָל קיין נחת נישט געהאַט, און אַז מען זיצט — זיצט מען, בפרט נאָך מיט קליינע קינדער. איז אָבער מאַמאַ נישט געזונט, זי הוסט, און דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט, אַז זי טאָר נישט האָבן קיין שרעק און זי מוז זיך זען צו ערהוילן. אַזוי ווי קיין פריינט און באַקאַנטע האָבן מיר אין ערגעץ נישט, און צופעליק האָט מען אונז אָנגעוויזן אויף אַ דרומדיקע שטאָט, ווו די לופט איז גוט און אַלץ איז זייער ביליק, האָבן מיר באַשלאָסן אהין צו פאָרן. מיר האָבן זיך איינגעפּאַקט, געזעגנט מיט אַלע באַקאַנטע, געבעטן דעם וועשערס ווייב שיקן איר מאַן אַ גרוס אויפן פראָנט,

און ווידער אַמאָל זיך אַריינגעזעצט אין אַ פור. אונזער באַלעבאָסטע איז געווען גליקלעך.

ווען מיר זענען אָפּגעפאָרן אַ גאַס, בין איך מיט מישאן פאַרזיכטיק אַראָפּגעקראָכן פון פור; דאָד האָט אויך געוואָלט מיטגיין, מיר האָבן אים אָבער איבערגערעדט, און אַליין זיך געלאָזט לויפן שנעל צוריק צו אונזער הויף, דאָרט האָבן מיר געכאַפּט אַ פּאָר שטיינער און זיי אַ לאָז געטון אין אונזערע פענסטער. די גרויסע שויב האָט אַ קלונג געטון, און מיר ביידע, מלא שמחה און מלא שרעק, זענען שנעל אַנטלאָפן. מיר האָבן דעריאָגט די פור, וואָס איז לאַנגזאַם געפאָרן צום וואָקזאַל, און שטאַרק צופּאַרבנדיק, געהאַלטן אין איין דערציילן דאָדן, ווי אַזוי מיר האָבן אויסגעזעצט אַלע שויבן אין אונזער געוועזענער דירה, דאָדן טוט עס שטאַרק הנאה, און ער חזרט אַלץ איבער: אוי מוז זי ערשט פּלאַצן...

10. אין אַ פרעמדער שטאָט

מען קען גאָר קיין אַנונג נישט האָבן, ווי ביטער עס איז, ווען אַזאַ פאַמיליע, ווי מיר, פאָרן אַראָפּ אין אַ ווילד פרעמדער שטאָט, און דער גערונגענער פורמאַן פירט אונז פון איין אַריינפאָר צום צווייטן. אומעטום מעסט מען אונז אָפּ, מען ציילט אונז איבער, און מען ענטפערט, אַז אַלץ איז פאַרנומען. אַ בלאַסער אָנהויב פון פרימאָרגן ליגט איבער די ליידיקע גאַסן פון שטאָט. די זעלטענע פאַרבייגייער באַקוקן אונז. מיר האָבן אַ גאַנץ פיינעם אויסזען. צוויי מעת לעת זיך געשלעפּט מיט דער באַן, זיך איבערגעזעצט, נישט געשלאָפן, און דאָ נאַ דיר אַ חתונה! דער בעל עגלה איז גערולדיק, די שטאָט קען ער גוט, און מיר פאָרן פון איין אכסניה צו דער אַנדע-רער. די פור איז אַן אָפּענע. צום גליק, איז אַ שטאַרקער ווינט, און מיר ווערן פון אים דורכגעקעלטערט. אין יעדן אָרט ענטפערט מען אונז מיט אַן אַנדער נוסח. איין באַלעבאָסטע הויבט אָן אויספרעגן, פון וואַנען זענען מיר. אַז מיר זאָגן, פרעגט זי, צו וואָס זענען מיר געלאָפן? גיי דערצייל איר אַ געשיכטע. אַ צווייטע האָט אונז געזאָגט, אַז צוליב דעם וואָס אַזעלכע, ווי מיר, זענען דאָ אָנגעלאָפן, איז אַלץ טייער געוואָרן, און וואָס מען קען אין שטאָט נישט קריגן קיין דירה זענען אויך מיר אַליין שולדיק. דאָס זענען אָבער נישט אַלע. עס טרעפט זיך, אַז מען באַדויערט, וואָס גראָד ערשט האָט מען נישט פאַר אונז קיין זאַך צו פאַרדינגען. נישט קוקנדיק וואָס אייגנטלעך איז דאָס די זעלבע זאַך, ווי מען זאָל אונז אָפּזאָגן, פאָרן מיר פון אַ גאַסט-הויז, ווו מען איז העפלעך

צו אונז, אַוועק אין אַ בעסערער שטימונג, ווי פון אַזוינעם, וווּ מען זאָגט אונז: „מען דאַרף אייך נאָר אַריינלאָזן, ווי פון צימער וועט ווערן אַ תּל, און קיין דירה געלט וועט איר אויך נישט צאָלן". שוין אַ רעכטע צייט, ווי מיר דרייען זיך אַזוי איבער דער שטאָט, זוכנדיק אַן אָרט כאָטש אויף אַ טאָג. די גאַסן ווערן רויִק. יעדעס מאָל, ווי מיר שטעלן זיך אָפּ, רינגלען אונז אַרום נייגעריקע, ווי מיר וואָלטן געווען קאָמעדיאַנטן. אונזער פורמאַן איז אין אַ גוטער שטימונג. „קומט איר צו אונז פאַר דער מלחמה — זאָגט ער — וואָלט איך אייך שוין צוגעשטעלט צימערן, וויפל איר ווילט נאָר. היינט אָבער זענען מיר שוין אומעטום געוועזן". מיר בעטן, ער זאָל זיך נאָך עפּעס דערמאָנען, אַ דורכגייער, וואָס הערט דעם געשפּרעך, גיט אַ פּאָר נייע אַדרעסן. דער בעל עגלה פאַרזיכערט, אַז עס איז אומזיסט, מיר אַליין האָבן אויך גרויסע ספקות. מיר בעטן אים אָבער פּרוּוון צו פאָרן, מיר קענען זיך דאָך נישט אויסלייגן אין מיטן ברוק מיט די זאַכן. קיין נסים זעגען נישטאָ. אַלץ איז באַזעצט, שטייען מיר אין מיטן גאַס. דער פורמאַן האָט אונז געשטעלט די פראַגע, וואָס מיינען מיר צו טאָן, און וואַרט אויף אַן ענטפער. אַרום אונז האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן מענטשן. פון פאַרצווייפלונג הויבט מאמא אָן צו דערציילן, אַז מיר האָבן נישט, וווּ אַהינצוקומען. אַלע הערן אויס, שטימען צו, אַז קריגן אַ צימער איז טאַקע ערשט נישט פון די גרינגע זאַכן, נאָר אַן אַלטער ייִד רופט זיך אָפּ: „פאַרוואָס זאָלט איר נישט טון, ווי מיר האָבן געטון, בשעת מען איז אַהער געקומען. פאָרט אַריין אין שול. מיט דער צייט וועט איר אויפזוכן אַ דירה". אויף דערווייל, ווען מיר דאַרפן וואָס שנעלער באַפרייען די פור, איז די עצה נישט קיין שלעכטע, און מיר האָבן זיך אָן איר אָנגעכאַפּט.

דורך ברייטע אייזערנע טויערן פאָרן מיר אַריין אין אַ גרויסן ברוקירטן הויף. די צווייטשטאָקיקע שול שטייט פאַרשלאָסן, נאָר שבת און יום טוב עפנט מען זי. טיף אין הויף געפינט זיך אַ לאַנג שטיבל, וווּ מען דאַוונט אין דער וואָכן, און ביי

זיינע טירן שטעלן מיר זיך אָפּ. דער שמש ווערט נישט שטאַרק איבערראַשט פון אונז. ער הייסט אונז זיך אַריינקלייבן אין דער ווייבערשער האַלב, און ראָט גלייך זוכן א דירה. אַז מען זוכט, זאָגט ער, געפינט מען.

די ווייבערשע האַלב איז אָפּגעטיילט פון דער מענערשער מיט אַ וואַנט, וואָס האָט הויכע פענסטערלעך אין טיר, דורך וועלכע עס דרינגט ערשט אַריין צו אונז דאָס דאַוונען. מיר רוקן צונויף א פּאָר בענק, לייגן אויף זיי אויס אונזערע זאַכן און נעמען וואָס עסן. נאָכן ראַוונען גייען דורך עטלעכע יידן, גיבן אונז אַ פרעג, פון וואַנען מיר קומען. וועגן קיין וווינונג ווייסן זיי נישט. קיין גרויסע האָפענונגען גיבן זיי אונז אויך נישט. שפעטער קומט אריין א ייד מיט א באוואַקסן פּנים און צוריסענע מלבושים. איבער די אויבערשע בגדים טראָגט ער א טלית-קטן, וואָס איז אַזוי לאַנג, אז די ציצית ציען זיך אויף דער ערד, ער קוקט אונז נישט אָן, פּאַרוקט זיך אין א ווינקעל און הויבט אָן עפּעס עסן פון אַ פּאַפּיר. אַ משוגענער — שטופּט מיך דאָד אין זייט. איך מאַך צו אים מיט די אויגן, אז יאָ, און הייס אים שווייגן.

פּאַפּע מיט מאַמע גייען זוכן אַ דירה און נעמען פריידקען מיט זיך. מאַמאַ האָט אָנגעזאָגט דער באָבן, אַז זיי גייען אַוועק אויף לאַנג, און טאָמער די קינדער וועלן זיך אויסהונגערן, זאָל זי אונז באַזאָרגן. די באָבע גיט אַכטונג אויף מירעלען, און מיר דריי גייען ארויס אין הויף. די זון האָט שוין באַ-הערשט די לאַגע, און דער ווינט, וואָס האָט באַגינען אונז געקעלטערט, קילט אונז איצט, און מיר האָבן פון אים הנאה. מיר באַקוקן דעם גרויסן הויף מיט אַ זעלטענער גרינדליכקייט, שמעקן אַריין אין אַלע זיינע ווינקעלעך. באַלד זענען מיר שוין אין אים גוט באַהאַוונט, נאָר פּאָר איין זאַך בלייבן מיר האַרט און קענען עס נישט באַגרייפן. אייגנטלעך, שטייט דאָך דאָ אין שול-הויף אַ ליידיקע דירה, אַ באַזונדער פּויערל מיט אַ

אניקל און דריי פּענסטער. מיר פּרובירן עפענען די טיר – זי איז פאַרשלאָסן. מיר ווילן אַרויסציען די אייזנס פון די לאָדנס – עס איז פאַרשטעקט פון אינעווייניק. מיר הערן זיך צו – קיין שאָרך. קיין לעבעדיקער נפש איז דאָרטן נישטאָ. מישא זאָגט, אז ער לייגט די קאָפּ, אַז די דירה איז פריי, און אויב פּאַפּע מיט מאַמאַ וועלן נישט קריגן קיין אנדערע, וועלן זיי מוזן אונז די דירה פאַרדינגען. אונז געפעלט דער הויף, דאָס מויערל, וואָס שטייט באַזונדער, זיין הילצערנער גאניק. מיר שטייען נאָך לאַנג, קוקן און ריידן וועגן דער וווינונג, ביז די באָבע רופט אונז עסן. מיר עסן האַסטיק אָפּ און גייען ווידער אין הויף, קלעטערן אַריבער אין די שכנותדיקע געהעפטן, באַקוקן זיי, ביז אונזעריקע לאָזען זיך אַראָפּ.

פאַרמאַטערטע און אומצופרידענע נעמען זיי דערציילן, ווו זיי זענען נישט אויס געווען, אין טויזנטער ערטער, ווו נישט? „אַפילו — דערציילט מאמא – פרייע וווינונגען אָנגע־טראָפן, דערהערן זיי, אז מען איז היימלאָזע, איז ווי אַ קויל וואָלט זיי טרעפן. פשוט זיי פאַרדינגען נישט. און טאָמער וואָלט שוין ווער יאָ אַריינגעלאָזט, שטעלט מען אַ פרייז, ווי איך וואָלט א פאַבריקל פון געלט געהאַט".

איך, מישא און דאָד האַלטן זיך אין איין איבערקוקן: דערציילן? נישט דערציילן? ביז מישא זאָגט: דאָ אין הויף גופא איז דאָ פאַר אונז אַ גוטע וווינונג. מאמא הערט זיך גאָרנישט איין און זאָגט: מען וואָלט געדאַרפט די קינדער געבן עסן און זיי מאַכן צו שלאָפן. מישא באַליידיגט זיך, וואָס מאַמאַ הערט נישט אויס זיינע ריידי, און ער ווערט אַנשוויגן. מיר פאַרדריסט דאָס, און איך זאָג: מאמאי אמתי דא איז דאָ אַ גוטע דירה. דאָד האַלט נישט אויס, און ער גיט צו: עס האָט אַ גאַניקל. – ווער האָט אַ גאַניקל? – פרעגט מאַמאַ. – אונזער נייע דירה, זאָגט דאָד. – איך ווייס, וואָס איר האָט דאָרט געזען... איר קענט רוהיק שלאָפן. מאָרגן וועט זיין אַ דירה.

ניין, איז ניין, מער ריידן מיר נישט און גייען שלאָפן.

די באַנק איז האַרט, אין קאָפּ פּלאָנטערן זיך דירות׳ און עס געדויערט לאַנג׳ ביז איך ווער אַנשלאָפן.

מיך וועקט אויף מישאַ. ער זאָגט, אַז עס איז שוין שרעק־לעך שפּעט, און אויב איך הויב זיך תיכּף נישט אויף, לויגט מיר אינגאַנצן נישט אויפצושטיין, ווייל באַלד קומט די ביי נאַכט; אַז פּאַפּע מיט מאַמאַ זוכן שוין לאַנג אין שטאָט אַ קוואַרטיר. מסתמא האָבן זיי געפונען, און באַלד וועט מען דאַרפן אַריבערפאָרן, און אין אַלגעמיין האַלט ער נישט פון מיר. אין שלאָף פּאַרגעס איך, אויף וועלכער וועלט איך בין, ס׳איז אוממעגלעך מיך אויפצוּוועקן. זיינע ריידווירקן אויף מיר שטאַרק, און איך קריך אַראָפּ פון באַנק, רייב מיינע אויגן מיט גאָר די כּוחות, און גיי זיך וואַשן. זיך וואַשנדיק, הער איך, ווי מישאַ טענהט צו דאָדקען:

— דאָד, פאַרוואָס ווילסטו נישט אויפשטיין? זע, לייבקע האָט זיך גלייך אויפגעהויבן, ווי איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר גייען באַקוקן די שטאָט, און ערשט גייען מיר ביידע אַוועק. דאָד בורטשעט פון שלאָף, אַז אָן אים זאָלן מיר נישט גיין. די באָבע דערהערט, אַז מישאַ וועקט דאָדקען, הויבט זי אָן צו שרייען: – עס איז דאָך נאָך באַגינען, וואָס ווילסטו, לאָז דאָס קינד שלאָפן׳ ווי דאָד דערהערט נאָר דאָס, קריכט ער גלייך אַראָפּ פון באַנק און גייט זיך וואַשן. די באָבע ברייננגט פון שמש אַ גלאָז טיי, און מיר טרינקען עס אַלע דריי אויס. ווי מיר קלייבן זיך אַרויסצוגיין, איז אונז די באָבע מתרה, אַז הינטערן טויער פּאַרט מען אונז אַריבער, און אַז אַ באַנדע ציגיינער גנבעט אונז אַוועק, און לסוף וועלען מיר אַזוי פּאַרבלאָנ־דזשען, אַז מען וועט אויף אייביק נישט וויסן, ווו מיר זענען אַהינגעקומען. מיר הערן דאָס אויס, און מיר באַרוהיקן די באָבע, אַז מיר וועלן פון הויף נישט אַרויס. ער איז געגוג גרויס פּאַר אונז, און צו גיין אין גאַס קלערן מיר אַפילו נישט. נישט צוזאַמענגערעטערהייט, לאָזן מיר זיך גלייך צו דער דירה, וואָס מיר זאָגן, אַז זי איז ליידיק. מיר באַקוקן זי פון אַלע זייטן. מישאַ זאָגט, אַז עס איז אַ זעלטענע וווינונג, ווייל זי האָט

גרויסע פענסטער. דאָר גיט צו, דאָס די פענסטער זענען דיקע, און ווינטער וועט דאָרט זיין וואַרים. איך פאַרענדיק, אַז עס איז אַ שאָדן, אויב מיר באַזעצן זיך אַנדערשוואו. ביסלעכווייז דערנענטערן מיר זיך צום טויער און גייען אַרויס אין גאַס. בשכנות מיט דער שול שטייט אַ הויכער רויטער מויער. אויף אים איז אָנגעשריבן מיט גרויסע שיינע אותיות, אַז דאָ געפינט זיך „אַ היים פאַר די לעבעדיקע קרבנות פון קריג". מישא ערקלערט אונז, וואָס דאָס מיינט. מיטן מויער גייען מיר ווייטער אַראָפּ גאַס. דאָר גייט דער ערשטער, גיך און זיכער. איך טענה, אַז מען טאָר נישט אַוועקגיין צו ווייט, ווייל מיר וועלן נישט טרעפן דעם וועג צוריק. דאָר ענטפערט נישט און ציט אונז פאָרויס. מישא באַרוהיקט מיך, דאָס ער געדענקט דעם נאָמען פון גאַס. מיר שפּאַצירן אַזוי אַ רעכטע ווילע, זיך אָפּט אָפּשטעלנדיק מיט נייגיר, ביז מיר קומען צו אַ פיש-מאַרק. דאָ באַשליסן מיר צוגיין צוריק, אָבער עס ווייזט זיך אַרויס, אַז נישט דאָר, וואָס איז געגאַנגען אַזוי דרייסט פאָרויס, און נישט מישא, וועלכער געדענקט דעם נאָמען פון גאַס, ווייסן דעם וועג אַהיים, און זיי פירן צוריק קומט שוין אויס מיר.

ווען מיר קומען אין שול, זאָגט אונז די באָבע, אַז איר דוכט זיך, דאָס מיר זענען געווען אַוועק ווייט אין גאַס. מישא זאָגט, ווען זי טוט אונז כאָטש איין מאָל אַ רוף, וואָלט זי עס נישט געזאָגט. אַז די באָבע ענטפערט, דאָס זי האָט טאַקע צו אונז עטלעכע מאָל געשריען און מיר האָבן זיך נישט אָפּגערופן און זי האָט שוין אַלץ איבערגעקלערט, ווענדעט זיך מישא צו דאָדקען: דו האָסט טאַקע געזאָגט, אַז די באָבע רופט, האָב איך געמיינט, אַז דאָס דוכט זיך דיר אויס.

היינט דערציילן פּאַפּאַ און מאַמאַ דאָס זעלבע, וואָס נעכטן. אַלטע געשיכטעס: „בעזשענצעס" פאַר קיין געלט נישט. דאַן זאָגט דאָר: קום, מאַמאַ, איך וועל דיר וואָס ווייזן. גייט נישט מאַמאַ, שלעפּט זי דאָר פאַר דער האַנט. פרעגט מאַמאַ: וווּ שלעפּסטו, לאָז מיר זיך אָפּרוען — אָבער עס העלפט נישט. איך און מישא שווייגן אויך נישט, און באַשרייבן די זעלטענע

מעלות פון אונזער אַנטדעקטער דירה. מאַמאַ הויבט זיך אויף־וויס איך, וואָס איר האָט דאָ אויסגעפונען. מיר לויפן פּאָרויס, און אַפילו פּאַפּאַ און פרײדקע גײען זען, וואָס אַזעלכעס מיר האָבן צו ווייזן. פאַרשטייט זיך, אַז מיר זענען געווען גערעכט. אַלע זענען געקומען צום אויספיר, אַז די דירה שטייט פוסט, שפּעטער, ווען מיר זענען געזעסן אין דער ווײַבערשער שול און געקלערט הין און הער, אפשר איז מען פון איר אויף אַ קורצע צייט אַוועקגעפאָרן, און פאַרוואָס האָט אונז קיינער וועגן דעם נישט געזאָגט, האָט זיך דער משוגענער אָפּגערופן פּלוצלונג פון זיין ווינקל: „דאָס איז געווען דעם אַלטן שמשס דירה, זינט ער איז געשטאָרבן, שטייט זי פאַרמאַכט". פאַר אונז איז דאָס געווען, און פּאַפּאַ לויפט שוין אַרום צו די גבאים פון בית־מדרש. מאָרגן וועלן מיר מסתּמא שוין האָבן די דירה. דער שמש זאָגט, אַז ער האָט גערעכנט, אַז זי טויג נישט פאַר אונז.

מיר זענען שוין מיט מענטשן גלייך. מיר האָבן באַצאָלט פאַר אייניקע חדשים פאָרויס, און מען האָט אונז געעפנט די דירה. מיר האָבן דאָרט אַפילו געפונען מעבל, און מיר פילן זיך, ווי מיר וואָלטן אין איר געוווינט יאָרן.

אַ זעלטן גוטע שטאָט. פון צעפּעלינען און באָמבעס ווייסט מען דאָ גאָרנישט. דערפאַר קען מען קריגן, וויפל מען וויל און נישט פאַר טייער ווייִנטרויבן און קאַוועס. מיר ברענגען יעדן טאָג פון מאַרק גאַנצע קערבלעך פרוכט ; ברויט עסט מען דאָ נאָר ווייסע. די לופט איז טאַקע אויך אַ גוטע. אין מיטן שטאָט וואַקסן פיל בוימער. אונז פאַרדריסט נישט, וואָס מיר זענען אַראָפּגעפאָרן אַהער און מיר לאַכן פון די „בעזשענצעס", וואָס קלאָגן זיך, אַז דאָ איז סדום. זיי זאָגן, אַז אויף אונזער אָרט וואָלטן זיי זיך נישט גערירט. באשר מען האָט זיי אַרייַנגעשיקט, האָבן זיי דען אַ ברירה געהאַט ? אָבער אַזוי ווי מיר

וווייסן שוין אַלץ אַליין זייער גוט, האָבן מיר ווינציק שברי־לב פון זייערע רייד.

פּאַפּאַ זאָגט, אַז אַזוי ווי עס קומט דער ווינטער, און וואַרטן, די מלחמה זאָל זיך ענדיקן, איז קיין תכלית נישט — מיר וועלן דערווייל אויסוואַקסן גראָבע יונגען — ניט ער אונז אָנפאַנג לערן־יאָר אַוועק לערנען.

11. הינטערלאַנד

די שטאָט ווייסן מיר שוין אַזוי גוט, ווי מיר וואָלטן דאָ געבוירן געוואָרן, און זי געפעלט אונז זייער, וואָרום דאָ איז אַלץ אינטערעסאַנט. אָט האָט מען נישט לאַנג צוריק אַוועקגע־שיקט פון דער קאַזאַרמע, וואָס געפינט זיך ביים ראָג, אַ גאַנצן פולק אויפן פראָנט. אַלע זעלנער האָט מען אויסגעשטעלט אין אַ צייל, דער פולקאָווניק האָט זיי געזאָגט אַ פּאָר פרײנטלעכע ווערטער, אויף וואָס זיי האָבן אַלע מיטאַמאָל אים עפּעס האַר־ציק געענטפערט. האָט ער זיי אַ מושטיר געטון און געהייסן שטעלן טריט. דער אָרקעסטער האָט זייער גוט געשפּילט. די גאַס איז געווען פול מיט מענטשן. אַ סך יינגלעך האָבן באַ־גלייט די סאָלדאַטן ביז דער באַן. איך, מישא און דאָד זענען אויך מיטגעגאַנגען, ווייל דעם אמת גערעדט, ווייסן מיר אַ סך בעסער פאַר אַנדערע יינגלעך, וווהין מען שיקט זיי.

די קאַזאַרמע, פאַרשטייט זיך, איז נישט געבליבן פּוסט. דאָרטן זענען שוין דאָ נייע סאָלדאַטן, פרישע, וואָס קענען נאָך גאָרנישט. יעדן פרימאָרגן קומען מיר זען, ווי מען לערנט זיי. עס איז זעלטן פיין. אין עק הויף שטייען צוויי דייטשן, איינער אַ שטרויענער, דער צווייטער באַצויגן מיט לעדער. דער סאָלדאַט לויפט מיט דער ביקס פאָרויס, און אַז ער קומט צום שטרויענעם דייטש, דאַרף ער אים דערשטעכן מיט דער שפּיז. איבערהויפּט געפעלט מיר דער אונטעראָפיציר. ווען מען שטעכט אַריין אין בויך, דאַן, זאָגט ער, איז „פּרימאַ”. דאָס איז אָבער נאָך ווינציק. גלייך ווי מען רוקט גוט אַריין די שפּיז, מוז מען זי וואָס שנעלער אַרויסציען און מיטן „פּריקלאַד” געבן אַ זעץ

דעם לערנעם דייטש, וואָס שטייט דערביי, אַזוי אַז ער זאָל פֿאַלן. דאָס אַלץ מוז מען אויספֿירן וואָס שנעלער, האַלטנדיק אין איין שרייען און נישט אויפֿהערנדיק צו לויפֿן. מיר דאַכט זיך, אַז איך וואָלט דאָס געקענט דורכמאַכן פֿון ערשטן מאָל, אָבער ווי ס'ווייזט אויס, מוז דאָס זיין שווער, ווייל נישט יע־דערן גיט זיך עס איין. איבערהויפּט געלינגט נישט אומצוּוואַרפֿן דעם צווייטן דייטש. און אויסנעמען מוזן דאָך אַלע וועלן, מחמת דער אונטעראָפֿיציר קערט וועלטן, טאָמער קומט ביי איינעם נישט אַרויס. דהיינו, די שפּיז רוקט ער נישט אַריין גענוג טיף אין דעם שטרויענעם דייטש, דער אַנדערער גיט זיך מער נישט ווי אַ שאָקל פֿון קלאַפּ, אָדער דאָס לויפֿן איז אַ צו שוואַכס, צי דאָס שרייען איז נישט גענוג מוראדיק. דאַן זידלט ער זיך, אַז עס איז דאָ וואָס צו הערן, און אויב ער ווערט גוט אויפֿגע־בראַכט, שלאָגט ער אויך. שלאָגן שלאָגט ער שטענדיק אין די ציין, און אַלעמאָל טרעפֿט ער. ווען נישט זיין שלאָגן די סאָל־דאַטן, וואָלט גאָר געווען אַ הנאה בייצוזיין דאָס לערנען. די סאָלדאַטן וואָלטן געמעגט אויך זיין אַ ביסל כאָטש יינגער. צו אומגעלומפּערט מאַכן זיי עס דורך. די איבעריקע פּאָקוסן, וואָס מען ווייזט זיי, למשל, זיך וואַרפֿן אויף דר'ערד און קריכן אויף אַלע פֿיר, אויפֿשפּרינגען פּלוצלונג מיט ווילדע געשרייען — גע־פֿעלן אונז אַבסאָלוט נישט.

ביי דעם הויז פֿון די קרבנות פֿון קריג, וואָס געפֿינט זיך אין אונזער שכנות (אונזער אַ פֿענסטער קומט אַפֿילו אַריין דאָרטן אין הויף), פֿאַרברענגען מיר אויך זייער אָפֿט. יענע וואָך האָבן מיר בייגעוווינט, ווי מען האָט אַהין אַריינגעבראַכט אַ נייעם אינוואַליד. אים האָט געבראַכט צופֿירן זיין ווייב, צו וועלכער מען האָט אים אַריינגעשיקט פֿון לאַזאַרעט. אין לאַזאַ־רעט האָט מען אים אַריינגעשיקט פֿון די אָקאָפּעס. אַנדערע זאָגן, אַז עס איז נישט פֿיין פֿון אַ פֿרוי אַרויסצופּטרן אַזוי דעם מאַן, בשעת מיט אים האָט געטראָפֿן אַזאַ אומגליק. אַנדע־רע, צווישן זיי מערסטנס מענער, געפֿינען איין, אַז זי איז נע־בעך נישט שולדיק, וואָס האָט זי דען געקאָנט טון מיט אים.

עס איז נאָך מענטשלעך פון איר, וואָס זי קומט אָן אַנדערש מאָל אַריבער און ברענגט אים וואָס אויך. איך האָב זי געזען, אַ הויכע יונגע פויערטע פון אַ נאָענטן דאָרף. מישא זאָגט, אַז זי מוז זיין געזונט, ווי אַ לייב. ער, איר מאַן, רעכענען אַלע, האָט אויך געמוזט זיין שטאַרק, ווי זי, אַז ער האָט עס גע־קענט איבערטראָגן און בלייבן לעבן. אויף זיין ברוסט הענגען תמיד דריי מעדאַלן, וועלכע ער האָט באַקומען פאַר העלדיש־קייט. אים פעלן אָבערביידע פיס; פון איינעם איז אַפילו נישט געבליבן קיין סימן, אַז ער האָט אים אַמאָל געהאַט, פון דעם צווייטן שטאַרצט נאָך יאָ אַ שטיקל. פון ביידע הענט איז אים געבליבן איינע, און אין איר פעלן דריי פינגער. אויף דער זייט געזיכט, ווו אים פעלט אַן אויג, איז אַראָפּגעריסן די הויט, ער טראָגט שטענדיק שוואַרצע ברילן. ער קען זיך באַוועגן, צו דעם האָט ער אַזאַ קליין בענקעלע, דורך וועלכן ער נעמט דורך זיין שטיקל האַנט, און זיך אָנלייגנדיק אויפן בענקעלע, גיט ער זיך אַ רוק. דערנאָך רוקט ער דאָס בענקעלע, לייגט זיך ווייטער אָן, און גיט זיך אַ צי. אין אַ שיינעם וועטער מאַכט ער יעדן פרימאָרגן דורך אַזאַ שפּאַציר פאַרן הויז. מען דערציילט, אַז זיין גאַנצער קערפּער איז צוקריפּלט, און אַז ער וויל זייער לעבן. פריער האָב איך אויף אים נישט געקענט קוקן, אַזוי פלעגט מיר ווי טון דאָס האַרץ. ערשט האָב איך זיך שוין כּמעט צוגעוווינט. אין פאַרגלייך מיט אים זענען די איבעריקע אינוואַלידן, וועמען עס פעלן צו אייניקע אָדער צו עטלעכע גלידער, נישט אַזוי שרעקלעך. די ערשטע צייט פלעג איך מורא האָבן פאַרבייצוגיין דאָס הויז, איצט שוין נישט. נאָר צו די בלינדע קען איך זיך נישט צוגעוווינען. עפּעס וואַרפן זיי אויף מיר אַ פּחד. צווישן די אינוואַלידן געפינען זיך אַזוינע, וואָס זענען אויס צו זיין אינגאַנצן געזונט, ווייל זיי האָבן אַלע אברים. אָבער גראָד אויף זיי זאָגט מען, אַז זיי וועלן לאַנג נישט לעבן, ווייל זיי זענען פאַרסמטע. די אינוואַלידן לערנט מען אַ מלאכה, יעדערן לויט די אברים, וואָס זענען ביי אים פאַרבליבן. אַפילו פאַר בלינדע האָט מען אויך אויסגעזוכט אַ נוצלעכע באַ־

שעפּטיקונג. אין די בלעטער שרייבט מען, אַז זיי זענען גליקלעך, וואָס זיי האָבן דערפילט זייער חוב, און אַז זיי שטייען דערפאַר, אַז מען זאָל די מלחמה דערפירן ביז צו אַ פולקאָמען נצחון.

מיר לערנען: פּאַפּאַ האָט אונז אַריינגעגעבן אין אַ שול, וואָס איז ספּעציעל געגרינדעט פאַר קינדער פון היימלאָזע. מישאן האָט מען אָנגענומען אין אַ הויכן קלאַס, מיך אין אַ נידעריקן, נאָר דאָרקען האָט מען אַריינגעזעצט מיט די קלענסטע חברה אין „קינדער-גאָרטן" און מען גיט אים אויסשניידן און קלעפּן פאַרביקע צאַצקעס, כאָטש ער קען שוין לייענען; דאָס האָט פּאַסירט, ווייל דאָד האָט אויפן עקזאַמען נישט באַוויזן, וואָס ער קען, ער האָט זיך איינגעשפּאַרט און נישט געענטפערט אויף קיין פראַגע דעם לערער. אַזוינער איז ער דאָד, פאַרעקשנט ער זיך, העלפט קיין זאַך נישט. גאָר פרי, נאָך פינסטערלעך, צינדט פּאַפּאַ אָן דעם לאָמפּ, הייצט איין דעם אויוון, און נעמט אונז וועקן. ער ווייסט, אַז מיר פוילן זיך אויפצושטיין, און דעריבער וועקט ער אונז מיט אַ האַלבער שעה פרייער, אָבער ער זאָגט, אַז עס מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער. מיר ווייסן עס, און קריכן גלייך נישט אַרויס. די געשמאַקסטע צייט צו שלאָפן איז, ווען מען האַלט דיך אין וועקן. דערווייל צעברענט זיך דער אויוון, עס קאָכט אויף טיי, און פּאַפּאַ דערלאַנגט יעדערן אין בעט אַ גלאָז זיסע טיי מיט פּוטער-ברויט. דאַן איז שוין גרינגער אַרויסצוקריכן און זיך אָנטון.

אַ גאַנצן טאָג זענען מיר פאַרנומען מיטן לערנען און צוגרייטן די אויפגאַבן, אַזוי אַז אין גאַס גייען מיר זעלטן אַרויס. דער ווינטער איז אויסגעפאַלן אַ קאַלטער. די היגע ציילן די יאָרן, זינט עס זענען שוין נישט געווען קיין ענלעכע פרעסט. מאַמאַ זאָגט, אַז דאָס איז צוליב אונזער שלימזל: אונזער דירה איז נישט קיין וואַרעמע. פּאַפּאַ פאַרדינט שלעכט. ער זאָגט, אַז ער האָט נישט קיין באַקאַנטשאַפט און קיין געלט. אַלץ ווערט פון טאָג צו טאָג טייערער, און מיר לעבן ערגער. מיך וואָלט דאָס גאָרנישט געאַרט. מיר פאַרדריסט נאָר איבער

מאַמאַ. זי איז שוואַך, זי זעט נישט גוט אויס, זי וואָלט זיך געדאַרפט ערהוילן. אייגנטלעך, צוליב דעם זענען מיר אהער געקומען. נאָר וואָס קען מען טון, אַז מיר לעבן אין אַזעלכע שלעכטע צייטן. מיר נעמען שוין אַפילו שטיצע פון „בעזשענ־סקי קאָמיטעט”. פאַפאַ און מאַמאַ האָבן זייער נישט געוואָלט צו אים אָנקומען, אַלץ אָפּגעלייגט, געוואַרט אויף אַ ישועה. די באָבע האָט געהאַלטן אין איין צורעדן און גאַנצע טעג גע־טענהט: „אַז מען איז אויס נגיד, איז זיך נישטאָ וואָס צו שע־מען, דאָרט, ווו דאָס וואַסער איז געלאָפן, וועט עס ווידער לויפן, און מיר וועלן צען מאָל מער אין צדקה אומקערן”...

היגע באַקאַנטע האָבן מיר כּמעט נישט. די וואָס קומען אַריין, זענען היימלאָזע פון אונזערע קאַנטן. אין אָוונט גייט אונז פרוי שוואַרץ מיט אירע צוויי ייִנגלעך. איר גייט אַלעמאָל נאָך אַן אַלטע מוטער, וואָס זאָגט, אַז קיין מענטש אין דער וועלט קען נישט האָבן קיין אַנוגג פון אירע צרות. פרוי שוואַרץ האָט שטענדיק מיט זיך אַ בילד פון איר מאַן, ציוויל געקליידעט, זי נעמט אָפּט אַרויס דאָס בילד, קוקט אויף דעם און וויינט אַלעמען. און עפּעס ערקלערט זי, אַז זי וויס נאָכן בילד, אַז ער לעבט, און אַז דער רוסישער שטאַב, וועלכער זוכט נאָר צו פאַרשאַפן יידן פּיין, האָט איר בכיוון מיטגע־טיילט, אַז איר מאַן איז כּלומרשט געהרגעט ביי קעניגסבערג, כּדי זי זאָל זיך פון צרות דאָס לעבן נעמען. אָבער זי האָט דאָס גלייך פאַרשטאַנען, און זי גלויבט נישט. זי ווייסט, אַז ער לעבט און זוכט זי. „פאַרוואָס אָבער זאָלן מענטשן זיין אַזוי שלעכט און נישט אים און נישט מיר העלפן זיך געפי־נען”? אויסער איר גייען אָפּט אַריין פרויען לייענען אַ בריוו פון אַ מאַן, צי פון אַ נאָענטן. זיי זענען אַלע פאַרחושכט, אָדער ווי די באָבע זאָגט — שוואַרץ ווי די ערד, און האָבן דאגות, ווי דורכצוקומען מיט די קינדער. צו די בריוו, וואָס זיי לעזן פאָר, הער איך זיך שוין נישט צו, ווייל איך קען זיי אויף אויסנווייניק. אַ מאַן שרייבט תמיד, אַז ער געפינט זיך ווייט פון געפאַר, און אַז זי, זיין ווייב, זאָל זיך וועגן אים נישט

באמורוהיקן, זי זאל בעסער זארגן וועגן די קינדער און זען, זיי זאלן אויסוואקסן ערלעכע יידן. צו די קינדער איז שטענדיק צוגעשריבן, זיי זאלן פאלגן די מאמע. נאכן בריוו גופא, וואס איז קורץ, געשריבן האסטיק, מיט א בלייפעדער אויף א שמוציק שטיקל פאפיר קען מען חושד זיין, אז דער שרייבער ליגט אין די אקאפעס. די ווייבער האבן וועגן דעם מורא צו קלערן. „ווינציק סאלדאטן שטייען דען הינטערן פראנט, פארוואס קען מיינער נישט זיין צווישן זיי?“ די ענטפערס, וואס מען שיקט, האבן אויך איין נוסח, אז מען איז גאט צו דאנקען געזונט — „וואס וועל איך שרייבן, אז חיימל איז קראנק, עס קלעקן אים אייגענע צרות“, און אז מען איז זאט — „זארגן וועגן אונז האסטו נישט וואס, זע זיך נאר אויפצופאסן, און גאט זאל דיך אויפהיטן פאר אונז“. דעם אדרעס גיט מען אויפשרייבן מישאן, ווייל ער האט א קלארע האנטשריפט. אנדערע פרויען קריגן זייערע בריוו אויף אונזער אדרעס, וועלכן זיי האלטן פאר זיכערער. זיי ווינען פארזוקט, און דער בריווטרעגער קען זיך נאך אמאל פוילן זיי צושטעלן די בריוו: „ער ווייסט דען, וואס דאס איז פאר מיר און פאר מיינע קינדער?“

היינט איז צו אונז אריין א יונגער סאלדאט, און בלייבנדיק ביי דער טיר, געפרעגט, צי מיר זענען פון דער און דער שטאט. מיר האבן אים נייגעריק אנגעקוקט און געענטפערט, אז יא. האט ער זיך אנטשולדיקט, געזאגט, אז ער איז אויך א דארטיקער, און אנגערופן זיין פאמיליע. פאפע האט אים געבעטן אריינגיין ווייטער, זאגנדיק, אז ער קען גוט זיינע עלטערן. דער סאלדאט האט זיך אוועקגעזעצט און אנגעהויבן צו דערציילן, דאס ער איז לאנג געלעגן אין א היגן לאזארעט, און די גאנצע צייט קען ער זיך נישט דערקונדיקן ביי ווי היימלאזע פון אונזער שטאט, וואס עס איז געווארן מיט זיינע עלטערן. זינט דעם גירוש קריגט ער פון זיי קיין בריוו נישט,

איז ער געקומען בײַ אונדז זיך דערוויסן, צי האָבן מיר נישט געהערט פֿון זיי. פּאַפּע ענטפֿערט, דאָך ער ווייסט גאָרנישט, נאָר באַמערקנדיק, ווי דער בחור ווערט טרויעריק, הויבט ער אָן טײַטשן צום גוטן: „ס'איז מעגלעך, אַז בעת די דײַטשן, ווען אין שטאָט איז געווען אימת מות, זענען זיי אַוועקגעפֿאָרן טיפֿער און געבליבן דערנאָך פֿאַרנומען". איך טראַכט, אַז פּאַפּע טרייסט גוט דעם סאָלדאַט, אָבער יענער שאָקלט מיטן קאָפּ: „ווו האָבן מײַנע אַלטע שוין געקאָנט דאָס טון, נישט גוט, נישט גוט..." — עס וועט נאָך גוט זײַן, זינדיקט נישט — מישט זיך אַרײַן די באָבע — איר זענט נאָך יונג.

— וועגן זיך אַרט מיך שוין נישט — זאָגט טרויעריק דער סאָלדאַט, און נעמט אונדז דערציילן: — מיך האָט מען מאָביליזירט דעם ערשטן טאָג פֿון דער מלחמה. שוין עטלעכע ווונדן געכאַפּט. דאָס ערשטע מאָל האָב איך געהאַט יסורים געבערענטע, נישט געשלאָפֿן קיין נעכט, ביז ס'האָט זיך פֿאַרהיילט, און מען האָט מיך געשיקט צוריק אין מײַן אָפּטײלונג. מײַנע חברים האָב איך געטראָפֿן אָפּגעגעסענע, אויסגערוטע, זיי האָבן זיך נישט געקענט אָנדערציילן, ווי גוט זיי האָבן פֿאַרבראַכט די צײַט. נאָך דעם ווי מיך האָט מען פֿאַרוווּנדעט, האָט מען זיי גראָד אָפּגעביטן. „אַ שאָד, וואָס מאָרגן גייען מיר שוין ווייטער אין די גריבער", און איך, וועלכער זע אויס, ווי אַ מת, מוז גיין מיט אַלעמען אין פֿײַער. דאָס לעצטע מאָל האָב איך געכאַפּט אין פֿוס, מען האָט מיך אַרײַנגעשיקט אַהער. איך בין לאַנג אָפּגעלעגן, און מאָרגן שיקט מען מיך ווידער אַהין. מער קיין נסים וועלן שוין נישט פּאַסירן, איך וואָלט נאָר געוואָלט פֿאַרן אַוועקגיין זען די מאַמע...

ער הויבט זיך אויף אַ ביסל פֿאַרלעגן, בעט, אַז אויב נאָך דער מלחמה, גאָט וועט געבן, מיר וועלן טרעפֿן זײַנע עלטערן, זאָלן מיר זיי דערציילן, דאָס ער איז געווען בײַ אונדז, און אַז ער האָט זיי זייער געוואָלט זען...

די באָבע זאָגט אים, אַז זי וועט נאָך דערציילן זײַן

מאַמע, וואָס פאַר אַ גוטן זון זי האָט דאָס, און ער גופא וועט נאָך זיין דערביי.

„לאָז ער גיין מיט אַלע אונזערע צרות", אַזוי האָט די באָבע באַגלייט הייַנטיקן ווינטער. מיר זענען צופרידן, וואָס ער האָט זיך געענדיקט. פרילינג איז גרינגער אויפן האַרצן, און דערצו פאַרשפּאָרט מען צו הייצן. מאַמאַ פילט זיך אויך בעסער. דער דאָקטאָר האָט איר פאַראָרדנט צו פאַרברענגען דעם זומער אין אַ סאַנאַטאָריע. מאַמאַ זאָגט, אַז זי וועט זייער בענקען, און זי ווייס נישט, ווי וועט זי דאָס אונז איבערלאָזן. פּאַפּע האָט איר געענטפערט: „וואָס ווילסטו? זיי זענען דאָך שוין גרויסע קינדער און קענען זיך באַגיין אַליין". ווי פּאַפּע האָט דאָס אַרויסגערעדט, האָב איך אַלעמען אַרומגעקוקט און איינגעפונען, אַז ער איז טאַקע גערעכט... מיר זענען שוין גרויסע, אַפילו מירעלע שטייט שוין אַליין אויף אירע פיסלעך. פּאַפּע זאָגט, אַז מיט אונז איינאיינעם קען זיך מאַמאַ נישט ערהוילן, ווייל פון יעדער קלייניקייט האָט זי שברי לב. מיר פאַרדריסט, וואָס מאַנכעמאָל האָט מאַמאַ איבער אונז פאַרדרוס, אָבער מיר זענען אין דעם גאָרנישט שולדיק. אָט איז געווען אַזאַ זאַך. אויפן הויף איז דאָ אַ קאַץ, אַ שוואַרצער טייוול, אַ געפערלעכער מזיק. מיר האָבן זי שרעקלעך פיינט, ווייל זי יאָגט זיך נאָך פייגעליך אויפן שול הויף, און ווען מיר כאַפּן זי מיט אַ פייגעלע, וואָס זי האָט פאַרפייניקט, זשאַלעווען מיר איר נישט קיין שטיינער. אַזוי ווי דער יקרות שטייגט, האָט די שמשטע געזעצט אַ פאָר הינער און זיי האָבן אויסגעבריט הינדעלעך. העל־פּוכיקע לויפן זיי אַרום אויף דינע לאַפּקעלעך און פּיפּטשן איבערן הויף. האָט דאָך אָבער די קאַץ אַ גזלניש האַרץ, כאַפּט זי אַזאַ שיין הינדעלע און דערווערגט עס. איך און מישא זענען געווען אויף דער גאַס, קומט דאָד צולויפן נישט טויט נישט לעבעדיק און דערציילט גיך, חיים, אַז די שמשטע האָט אויפגעהאָנגען די שוואַרצע קאַץ, ווייל יענע האָט

דערשטיקט אַ הינדעלע. מיר לויפן צו דער שטוב, און שוין ביים טויער דערהערן מיר, ווי מאַוימדיק די קאַץ מיאַקעט. אין הילצערנעם פּאַרקאַן איז אַריינגעקלאַפּט אַ גרויסער טשוואָק, און אויף אים איז אויפגעהאָנגען די קאַץ. צי די שלייף איז לויז, צי מחמת דעם וואָס די קאַץ גראָבט זיך איין מיט די נעגל אין דער הילצערנער וואַנט, לעבט זי נאָך און קוויטשעט, זי האַלט זיך אַזוי לאַנג אויף די נעגל, ביז זי רייסט זיך אָפּ. דאַן בלייבט זי הענגען און ווערגט זיך. אָבער גלייך דראַפּעט זי זיך ווידער, וויפל דאָס שטריקל לאָזט נאָר, און רייסט זיך נאָכאַמאָל אַראָפּ. די קאַץ האָבן מיר פיינט אפשר מער, ווי די שמשטע. מיר קענען אָבער נישט צוזען, ווי זי ראַנגלט זיך פאַר איר לעבן, און מיט גרויס שר/ק פאַר דער צערייצטער קאַץ גופא זוכן מיר אַלע דריי זי צו באַפרייען. סוף כל סוף גע־לינגט אונז, און די קאַץ אַנטלויפט מיט דער פּעטלע אויפן האַלז. דאָד זאָגט, אַז זי איז שוין אָנגעלערנט און וועט מער נישט טשעפּען קיין פייגעלעך.

ווי די שמשטע האָט זיך דאָס דערוווּסט, איז זי גלייך געקומען שרייען צו מאַמאַ, אַז מיר זענען נישט קיין קינדער, נאָר באַנדיטן. און ערשט וועט איר די קאַץ אויסשטיקן אַלע הינדעלעך. אומעטום זענען מיר פול, טוען אַלץ אויף צו להכעיס. דאָס ערשטע מאָל זעט זי אַזעלכע נישט ערצויגענע קינדער. מאַמאַ האָט איר גאָרנישט געענטפערט, נאָר אַ גאַנצן טאָג האָט זי פון פאַרדרוס נישט געקאָנט עסן.

טעג ציען זיך ווונדערבאַר שיינע. מיר זענען זייער צו־פרידן, ווייל מאַמאַ איז שוין אין סאַנאַטאָריע, און וואָס דער וועטער איז בעסער, אַלץ גרינגער איז פאַר איר זיך צו ער־הוילן. די סאַנאַטאָריע געפינט זיך נישט וויט פון שטאָט, אויף אַ באַרג. איין מאָל אַ וואָך גייען מיר באַזוכן מאַמאַ, מיר וואַרטן זי אָפּ אין אַ גרויסן פאַרק. זי טראָגט אונז אַלע־מאָל אַרויס חלה מיט האָניק, זי באַקלאָגט זיך, דאָס זי בענקט נאָך אונז. פּאַפּע באַרוהיקט זי, אַז אַלץ איז בשלום, און בעט זי נישט זוכן קיין זאָרג און זיך גוט אויפפּאַסן. פאַרן אַוועק־

גיין בעט אונז מאמא, מיר זאָלן נישט פארגעסן פירן מירעלען אין די גוטע ווּעטערן אין שטאָט גאָרטן.

פאַפּע האָט גענומען פאַר מישאַן און פריידקען אַ לערער, וואָס זאָל זיי צוגרייטן צום ערשטן קלאַס גימנאַזיע, אַזוי אַז אמת פריי בין איך נאָר און דאָד. אָבער די באָבע, ווּעלכער עס קומט אויס צו פירן די גאַנצע ווירטשאַפט, זאָגט, אַז עס איז נישט שיין פאַר אונז צו זיין פוסטע פאַסניקעס, און האַלט, דאָס מיר דאַרפן אַרויסהעלפן אין שטוב־אַרבעט. פריער פלעגט זי מיך מיט דאָדן שיקן איינקויפן. נאָר איצט טוט זי דאָס נישט מער, ווייל זי זאָגט, אַז דאָס ברויט, וואָס מיר ברענגען, איז פאַרברענט, אָדער רוי, און עס איז נישטאָ וואָס צו זען. און זי שטעלט זיך שוין פאָר, וואָס פאַר אַ וואָג מען גיט אונז, און אַז אַזעלכע יינגלעך, ווי מיר זענען, מעגן שוין קוקן אויף דער וואָגשול און נישט אויפן באַלקן. אַזוי אַז אַלס איינקויפער האָט די באָבע אונז אָפּגעשאַפט, דערפאַר שאָבן בולבעס אָדער מערלעך טרויט זי אונז אָן. זי זאָגט נאָר, דאָס מיר מוזן אוודאי מיינען, דאָס מען קריגט עס מיט בלאָטע גלייך, וואָס מיר שיילן אַזוי גראָב, און ווען מיר וויסן, אַז בולבעס איז ערשט מיט גאָלד צוגלייך, וואָלטן מיר אַנדערש געשיילט. מיר זענען טאַקע צו שיילן די בולבעס וואָס דינער. איך מיט דאָדן האָבן זיך געוועט, ווּעמענס שאָלעכץ עס וועט אַרויסגיין דינער און לענגער.

מישאַ איז פאַרנומען מיטן לערנען, און שפּאַצירן גייען נאָר איך מיט דאָדן. דאָדן געפעלט זייער צו גיין אין גאַס־ס׳טרעפּט אַמאָל, אַז איך לייען אַ ביכל און דאָד וויל גראָד נישט זיצן אין שטוב. רופט ער מיך, איך וויל בלייבן אָבער לייענען. דאָד ווערט אויפגעבראַכט, זאָגט מיר שאַרף אָפּ, אַז איך בין משוגע געוואָרן מיט די ביכער און פרעגט מיך, צי איך וויל זען, ווי ער צורייסט באַלד דאָס בוך. מיט דאָדן איז נישטאָ וואָס צו שפּילן. לייג איך אַוועק דאָס בוך, און מיר גייען. אין אַ שיינעם ווּעטער איז דאָס גאָרנישט פון די שלעכטע זאַכן. מיר שפּאַצירן אַזוי געלאַסן. פּלוצלונג גיט דאָד

אַ זאָג: ווער קומט דער ערשטער צום ראָג? און מיר גיבן זיך דאָס אַ יאָג מיט דער גרעסטער שנעלקייט, אויסמיידנדיק מיט גרויס קונסט די מענטשן אויפן טראָטואַר. עס טרעפט זיך, דאָס אונז גיט זיך איין צו איבערצייגן מישאַן, אַז זיינע לערן־ביכער וועלן נישט אַנטלויפן, און ער איז מסכים זיך דורכגיין מיט אונז. דאַן האָבן מיר נאָך אַן אינטערעסאַנטערן געוועט. ווי מיר טרעטן אַריבער דעם טויער, פרענט מישאַ, וויפל טריט איז פון דאַנען ביז יענער און יענער גאַס. יעדער מאַכט זיין חשבון, און מיר לאָזן זיך אַוועק טריטווייז, ציילנדיק: איינס, צוויי, דריי, פיר... ווער עס האָט אַן ערך געטראָפן, האַלט זיך דאַן זייער גאוהדיק.

אַלע פרימאָרגן גייען מיר זאַלבעדריט צום ים זיך באָדן. דאָרטן טרעפן מיר שוין בערלען, וועלכער לערנט אונז שווי־מען. בערל נעמט אָן וועמען פון אונז, שלעפט אים אַוועק אין אַ טיפן אָרט, לאָזט אים אָפּ און הייסט אים שווימען. ווען מיר קענען שווימען, וואָלט מען דאָך אים נישט באַדאַרפט. ווערט מען אָנגעטרונקען מיט וואַסער און מען ווייס שוין נישט, אויף וואַסער וועלט מען איז. דאַן ערשט כאַפּט בערל אונטער. יעדעס מאָל זאָגן מיר זיך צו מער מיט אים נישט גיין — אַזוי קען מען נאָך דערטרונקען ווערן, נאָר ווי בערל קומט צו און הויבט אָן צו שטוינען, ווי אַזעלכע יינגלעך האָבן דאָס מורא פאַר „אַ ביסל וואַסער", גייט שוין ווידער איינער פון אונז זיך לערנען, און מיר זענען שוין באַלד אמתע שווימער.

ביים וואַסער, אויף דעם זאַמד, ליגן מיר היינט דעם קאָפּ פאַרדעקט מיט ציימונגען און וואַרעמען זיך אויף דער זון. מיר דערהערן, ווי איינער פון אונזערע שכנים ביים זאַמד הויבט אָן פאַלש און ברעכנדיק די זאַצן אַרויסלייענען פון דער צייטונג, וואָס דינט אונז אַלס זון־שירם, די פעטע קעפּלעך נייעס און גיט איבער אין דייטש זיינע חברים דאָס, וואָס ער פאַרשטייט אַליין שוואַך. אונז אונטערן פאַפּיר איז זייער קאָמיש, נאָר ווען דאָד גיט מיר נישט קיין קניפּ, וואָלט איך נישט אַרויס מיט אַ געלעכטער. ווי מיר האָבן זיך צולאַכט, האָבן

מיר אַרויסגענומען די קעפּ פון אונטער די בלעטער. די עט־לעכע דייטשן, געפאַנגענע, וואָס אַרבעטן דאָ נישט ווייט ביי די רעלסן און זענען איצט געקומען זיך באָדן, האָבן זיך צו־שמייכלט. דער וואָס מיינט, אַז ער קען רוסיש, האָט אונז גע־פרעגט, וואָס מיר לאַכן. מישאַ האָט אים ערנסט געענטפערט אין דייטש, אַז מיר לאַכן גאָרנישט. ווען זיי האָבן דערהערט, אַז מישאַ רעדט דייטש, זענען זיי געוואָרן אויפגערוימטער און דרייסטער און געבעטן פאַרלעזן, וואָס מען שרייבט וועגן קריג. מישאַ האָט גענומען די ציימונג, שוין פון אַ פּאָר טעג אַ פאַרעלטערטע, און זיי אָנגעהויבן איבערזעצן אַלץ וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. נאָר די ידיעות, אַז אין דייטשלאַנד איז שוין אַזאַ הונגער, אַז מען עסט די אייגענע קליינע קינ־דער, האָט ער זיי נישט פאָרגעלייענט. די געפאַנגענע האָבן אונז זייער באַדאַנקט און אַוועק אַרבעטן. מישאַ זאָגט, אַז ער האָט זיי נישט געוואָלט מצער זיין און נישט דערציילט דעם גאַנצן אמת.

אַ זומער איז גאָר קירצער, ווי איך האָב געמיינט. עס שטייט שוין דער האַרבסט, און מאַמאַ איז שוין מיט אונז. מישאַ און פריידקע האָבן אויסגעהאַלטן די עקזאַמענס, מישאַן נעמט מען אָבער נישט אַריין אין גימנאַזיע, ווייל די נאָרמע איז איבערפולט. מאַמאַ האָט דאָס שטאַרק געקרענקט, און זי האָט אָנגעהויבן זוכן, ווי צו פּועלן, פיל מאָל געגאַנגען צום דירעקטאָר, געבעטן, דערציילט, עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. ער האָט רוהיק געענטפערט, דאָס אַלע ערטער זענען שוין פאַרנומען. האָט אים מאַמאַ געזאָגט: די מלחמה האָט שוין אַוועקגערויבט מיין געזונט און אונזער גאַנצן פאַרמעגן, מיין איינציקע טרייסט איז נאָר, אַז די קינדער זאָלן לערנען, אויס־וואַקסן מענטשן, ווילט איר די טרייסט אויך פון מיר צונעמען? ביז איר וועט מיין יינגל נישט אַריינגעמען אין גימנאַזיע, וועל איך אייך נישט לאָזן צורו, טאָג איין טאָג אויס וועל איך

קומען צו אייך מיט מיין בקשה, ווען דער דירעקטאָר האָט געזען, אַז מאַמאַ מיינט דאָס נישט אויף קיין געלעכטער, זי קומט יעדן טאָג, גייט אים אומעטום נאָך, האָט ער געהייסן ברענגען מישאַן און אים אַריינגעזעצט אין קלאַס. פריידקע לערנט אין דער מיידלשער גימנאַזיע. איך און דאָד אין דער זעלבער שול, וואָס פאַראיאָרן, די טעג ציען זיך לאַנגווייליקע, האַרבסטיקע. אין שטוב איז נישט גוט וואַרים, און מיר זענען נישט איינגאנצן זאט. די קליידער טראָגן מיר פאראיאָריקע, נאָר מיט מער לאַטעס. אין סוף פון דער מלחמה גלויבן מיר שוין נישט. מען דערציילט אזוינע פורכטבארע זאכן פון פראָנט, אז די באָבע זאָגט — ס'איז בעסער דאָס נישט צו הערן.

פּאָפּאָס פּאַרדינסטן זענען זייער שוואַך. אַפילו דאָס וואָס מישאַ פאַרדינט, גיט ער אויך אַוועק אין שטוב. מישאַ האָט געלט פון בריוו שרייבן. ער האָט ביי די דינסטן פון שטאָט אַ נאָמען געקריגן, אַלס מערקווירדיקער בריוונשרייבער, און איינע נאַראַ·עט די אַנדערע. זיי קענען נישט לייענען, נישט שרייבן, און האָבן אַלע חתנים אויף דער מלחמה. מישאַן טרויען זיי, שעמען זיך נישט, און דיקטירן אים ליבע בריוו. מישאַ זאָגט, אַז ער שרייבט פיל שענער, ווי זיי דיקטירן אים, און אַפילו איבערלייענען קען ער אויך בעסער פאַר אַן אַנדערן, ווייל ער ווייסט, וואָס דער שרייבער האָט פאַרגעסן צוצושטעלן, און ער לייענט פאַר דאָס פאַרגעסענע דער כלה, וועלכער דאָס טוט שטענדיק גרויס הנאה. בשעת אַ דינסט דיקטירט מישאַן אַ בריוו, טאָר קיינער נישט זיין דערביי, וואָרום זי שעמט זיך פאַר די פאַר ווארימע ווערטער, וועלכע זי שיקט איר חתן. ווייסט איינע, אַז די באַלעבאַטים קלייבן זיך אַוועק פון דער היים, נעמט זי מישאַן מיט צו זיך אין קיך, איז אים מיט וואָס מכבד. מישאַ שרייבט אויף דאָס בריוול און קריגט גוט באַצאָלט. ערגער אַ ביסל צאָלן פאַרהייראַטע קריסטנס, און זייערע בריוו איז לאַנגווייליק צו שרייבן, כמעט דער זעלבער נוסח, ווי די יידישע בריוו, נאָר די גויעס דערציילן זייערע

מענער דעם גאַנצן אמת, בעטן עצות און באַקלאָגן זיך.

די אָוונטן זענען איצט זייער לאַנגע. אין שטוב איז אומהיימלעך. ווער עס קען אַרײַנקומען ווייסן מיר שוין פֿאָרויס. משה דער משוגענער מיט זײַן פֿאַרוואַקסן פּנים און לאַנגן טלית קטן. נישט קיין שלעכטער משוגענער איז ער. ער האָט ליב אונדז און אַ טובה צו טון, כאַפּט אָפּט אַרײַן אַן עמער וואַסער. שעהנווײַז זיצט ער אָפּ בײַ אונדז, הערט זיך צו, וואָס מען רעדט, און זעלטן ער זאָל אַרײַנוואַרפֿן אַ וואָרט. חוץ אים קומען שטענדיק אַרײַן עטלעכע פֿון פּאַפּעס באַקאַנטע, וואָס שמועסן וועגן פּאָליטיק. זייערע געשפּרעכן אינטערעסירן מיך נישט. צו אַלע נביאות וועגן שלום הער איך זיך שוין נישט צו. אויב מען דערציילט גוטס, איז דאָס באַשטימט אַ ליגן, און וועגן שלעכטס איז בעסער נישט צו וויסן פֿאָרויס, עס וועט שוין קומען במילא. די אויפֿגאַבן ווילט זיך נישט מאַכן, איך מיין, אַז מען וואָלט איצט געדאַרפֿט פֿאַרמאַכן אַלע שולן. אויס לערנען, ערשט איז מלחמה און פֿאַרטיק. איך בין אינגאַנצן נישט שולדיק, וואָס איך לערן זיך די לעצטע צײַט אַזוי שלעכט. עס איז בײַ אונדז ענג, אומעטיק, און צרות האַלטן זיך אין איין שיטן. בײַנאַכט קען איך נישט אײַנזיצן אין שטוב. איך, דאָד און מישאַ, וועלכער בײַט נאָר איבער זײַן היטל, מען זאָל נישט זען, אַז ער איז אַ גימנאַזיסט, גייען יעדן אָוונט אַוועק פֿון הויז. אין אָנפֿאַנג האָבן אונדז די שטוביקע געשטערט, געווען אומצופֿרידן, נאָר ביסלעכווײַז האָט מען זיך צוגעוווינט, און ערשט, אַז מיר קערן זיך אום שפּעט, ווען אַלע שלאָפֿן, געפֿינען מיר אויפֿן טיש אונדזער אָוונטברויט.

אָוונט אין אָוונט גייען מיר אין קינאָ. אָבער אַזוי ווי מיר האָבן נישט קיין געלט צו קויפֿן בילעטן, מוזן מיר אַרײַנקומען אָן אַ בילעט. דאָס איז נישט קיין לײַכטע אַרבעט, אָבער עס לוינט די האָרעוואַניע, ווײַל וואָס פֿאַר אַ פֿאַרגעניגן איז, ווען עס געלינגט דורכצוזיצן אַ אָוונט אין קינאָ און צוקוקן, ווי שיין מען קען לעבן. אַז עס גיט זיך אונדז איין אַלע דרײַ אַרײַנצודרינגען אין קינאָ, האָבן מיר דעם גרעסטן

תענוג. מיר זעצן זיך דאָס אויס אין דער ערשטער ריי, איי־נער נעבן אַנדערן, וואַרפן זיך דורך מיט אַ פּאָר ווערטער, און זיצן אַזוי לאַנג, ביז עס ענדיקן זיך אַלע סעאַנסן. וויפל מאָל מען זאָל נישט איבערחזרן דאָס זעלבע בילד, קענען מיר קוקן, און עס געפעלט אונז אַלץ מער. וואָס פאַרא פאַר־גלייך קען זיין צווישן אַן אָוונט אין אַ פאַרצרהטער שטוב און אַן אָוונט דאָ אין קינאָ. אַריינצוקומען אין זאַל האָבן מיר צוויי מעטאָדן: דער ערשטער באַשטייט אין דעם, וואָס מיר לויערן ביי דער טיר פון קינאָ אַזוי לאַנג, ביז ס'מאַכט זיך, אַז דער קאָנטראָלער ווערט פאַרנומען מיטן אָפּרייסן די בי־לעטן ביי איייניקע מענטשן, וואָס קומען אָן מיט אַמאָל. דאַן שאַרט זיך איינער פון אונז דורך אונטער זיין רוקן, אָדער הינטערן רוקן פון די באַזוכער. מיט געדולד וואַרט איטלעכער פון אונז אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט. און אין זאַל טרעפן מיר זיך אַלע צוזאַמען. דער צווייטער מיטל באַשטייט אין דעם, וואָס מען לויפט פשוט דורך מיט אימפּעט פאַר דער נאָז פון שומר. לאָז ער גיין זוכן אין פינסטערן זאַל... מערסטנטייל געלינגט אונז זיך אַריינצוכאַפּן אַלע דרייען. אָבער עס פּאַ־סירט, אַז איינער פון אונז בלייבט ביי די טירן און זעט, אַז קיין שאַנסן זענען מער נישטאָ, דעמאָלט גייט ער אַוועק פּרווון מזל אין אַ צווייטע קינא.

עס טרעפט, אַז קיינעם פון אונז גיט זיך אין ערגעץ נישט איין אַריינצוכאַפּן. דאַן פאַרפרוירענערהייט, הונגעריק (אין קינאָ וויל מען קיין מאָל נישט עסן), אַנטוישט אין דער גאַנ־צער וועלט, שלעפּן מיר זיך אַהיים. עס האָט שוין אַפילו געטראָפן, אַז מיר זענען אַלע געווען אין זאַל, און מען האָט אונז מיט כבוד פון דאָרטן אַרויסגעפירט. וואָס האָט שוין נישט געטראָפן...

12. מאָדנע צייטן

די לעצטע טעג שושקען זיך אַלע. ווער עס קומט נאָר צו אונז אַריין, גלייך רוימט מען זיך אַריין אַ סוד אין אויער. וואָס מען סודעט זיך אזוי, ווייס איך. מען זאָגט, אַז אין פּעטערבורג איז אַ רעוואָלוציע, און מען האָט שוין אַראָפּ-געוואָרפן דעם קייזער. נאָר הויך צוריידן וועגן דעם האָבן נאָך אַלע מורא געהאַט. איצט אָבער איז שוין אויף זיכער, אַז דער קייזער איז מער נישטאָ. אויף זיין אָרט האָבן זיך אָוועקגעזעצט אַנדערע, און די אַנדערע זאָגן, אַז רעגירן דאַרף דאָס גאַנצע פאָלק און נישט נאָר איין קייזער אַליין. איך מיין אויך אַזוי, ווייל ווי קען איין מענטש זיך צורייסן אויף אַזאַ גרויס לאַנד, ווי רוסלאַנד. אַ סך זאָגן, אַז איצט וועט שוין צו דער מלחמה געמען אַן ענדע. די נייע פירער שטייען טאַקע אַלע פאַר שלום. זיי זאָגן נאָר, אַז מען דאַרף פריער צעקלאַפּן די דייטשן. זיי זאָגן, אַז איצט, ווען מען איז פריי, וועט אַזאַ גרויס לאַנד, ווי רוסלאַנד, אין איין קוק צעקלאַפּן די דייטשן. פריער איז נאָר געווען אַן אומגליק, וואָס די פירער האָבן נישט געטויגט, איצט איז כמעט די גאַנצע שטאָט מונטער, און איבערצייגט, אַז מיר דאַרפן נישט קיין שלום, נאָר אַ נצחון. אין די גאַסן קלעפּט מען גרויסע פלאַקאַטן, ווו אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס אין איין האַנט און מיט אַ צעוויקלטער פאָן אין דער צווייטער לויפט און שרייט, און צוגעשריבן איז, אַז אַלע זאָלן זיך פאַרשרייבן אויף דער פרייהייטס-הלוואה, וואָס טראָגט אזאַ און אזאַ פּראָצענט. די סאָלדאַטן גייען שוין יעצט אויף דער גרויסער גאַס און אין

מאַרק. „טשעסט“ דאַרפן זיי שוין נישט אָפּגעבן. די אָפּיצירן האָבן אויסגעטון זייערע גאָלדענע עפּאָלעטן, און פון די וואָס טוען נישט אויס, רייסט מען אַראָפּ אין גאַס. איך האָב געזען, ווי מען האָט אָפּגעשטעלט אין גאַס אַן אַלטן גענעראַל, אין איין רגע האָבן זיך אַ סך הענט אויסגעשטרעקט צו זיינע פּלייצעס, אַראָפּגעריסן די עפּאָלעטן און זיי אַ שליידער געטון אין דער לופטן. אָן אַ שיעור מענטשן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן, גענוואַלדעוועט און געפּייפט, דער אַלטער איז אַוועק מיט אַזאַ פּנים, ווי די וועלט וואָלט זיך געענדיגט, וואָס מען האָט אים אויסגעטון די עפּאָלעטן.

די מלחמה גערדויערט נאָך. מיט איר פירן אָן די זעלבע אָפּיצירן, אָבער אָן די עפּאָלעטן. און ווייל די מלחמה ציט זיך אַלץ, דאַרף מען האָבן נייע סאָלדאַטן, צוליב דעם צוועק גרינדן זיך אַזוינע באַטאַליאָנען פון פרייוויליקע, וועלכע רופן זיך „באַטאַליאָנען פון טויט“. אין זיי פאַרשרייבן זיך אָבער נאָר פרויען, דען די מענער זענען שוין אַלע אַוועק. די באַפרייוויליקע פון די באַטאַליאָנען זאָגן, דאָס זיי האָבן באַשלאָסן צו זיגן, אָדער צו שטאַרבן, און דעריבער גיט מען זיי אָפּ גרויס כבוד. זיי שפּאַצירן אַרום געפּוצטע אין רויט-שוואַרצע בענדער, און האַלטן זיך שרעקלעך גרויס. אַנדערע האָבן אָנגעטשעפּעט אויף זיך שאַרבנס מיט צוויי איבערגעקרייצטע ביינער, אַזוי ווי אויף פליגן-פּאַפּיר. איין באַטאַליאָן איז שוין אַוועק אויפן פראָנט. די ווייבער אין זעלנערשע געהויזן, אין שינעלן, מיט ביקסן אויף די פּלייצעס האָבן געשטעלט פעסטע טריט. פאָרויס האָט מען געטראָגן רויט שוואַרצע פאָנען, און אַן אָרקעסטער האָט געשפּילט רירנדע לידער. אַלע האָבן געשריען „הורא“, און דער צוג איז אַוועק. ביי אונז האָט אַ ייד געזאָגט, אַז אויב די ווייבער האָבן זיך שוין אַריינגעמישט, וועט שוין צו דער מלחמה נעמען אַ סוף. מער פאַר אַלץ אָבער האָט אונז איבעראַשט, וואָס משה איז געוואָרן אויס משוגענער, און פאַסירט האָט דאָס אַזוי. אַז משה איז צופרידן מיט דער רעוואָלוציע, האָבן אַלע באַמערקט, אָבער

װעמען גייט עס אָן. בשעת ער איז ביי אונז געװען פֿאַרעכנט פֿאַר אַ ריכטיקן מטורף. מיט זיין הולך און מיט זיין מאָדנעם, אַרט לעבן. ער פֿלעגט אָפּט לייענען. װאָס עס פֿלעגט אים פֿאַלן אונטער דער האנט. נו, איז װאָס? װינציק זענען דאָ אויף דער װעלט משוגעים, װאָס לייענען, און אָט קומט ער צו אונז אַריין אַן אַרומגעשװירענער און אָן דעם טלית קטן. אַ מענטש, װי אַלע מענטשן, און שמייכלט, אין פֿלוג האָבן מיר אים נישט דערקענט. װען אונזער שטוינונג איז פֿאַרביי, האָבן מיר אים אָנגעהויבן צו פֿרעגן, װאָס דאָ איז געשען. האָט ער געזאָגט, אַז משוגע איז נישט ער, נאָר די װעלכע האָבן אָנגעהויבן די מלחמה. און אַז עס איז בעסער זיך אַרומצוװאַלגערן װי אַ משוגענער, איידער געהרגעט צו װערן. גאָר איצט איז אַן אַנדער זאַך. מען האָט ערקלערט אַן אַמנעסטיע פֿאַר אַלע דעזערטירן, גייט ער זיך מעלדן; פֿאַר פֿרייהייט איז ער אויך גרייט װאָס נישט איז צוטון. מאַמאַ האָט זיך אַביסל באַליידיקט, פֿאַר װאָס ער האָט זיך פֿאַרשטעלט אַפֿילו פֿאַר אונז: „האָט איר דען געגלויבט, אַז מיר װעלן אייך גיין אַרויסגעבן"? — „רעדט נישט קיין נאַרישקייטן, האָט משה מיט האַרץ געענטפֿערט — איהר האָט געהאַט װינציק אייגענע זאָרג, האָב איך אייך נאָך געדאַרפֿט מיינע אויך דערציילן". מיר האָבן אַלע געלאַכט, ער איז געקומען נאָך אַמאָל זיך װייזן אין זיינע סאָלדאַטסקע בגדים, אָבער ער איז מיר נישט געפֿעלן געװאָרן. אין טלית קטן האָט ער פֿיל אינטערעסאַנטער אויסגעזען. אין עטלעכע װאָכן אַרום איז ער װידער דאָ. װאָס איז, משה? — פֿרעגן מיר אים. „נישט גוט — זאָגט ער — נישט פֿאַר מיר איז צוגעפּאַסט דאָס קאַזאַרמעלעבן. איך בין נישט געבוירן צו זיין אַ סאָלדאַט. זיי װעלן שוין װי נישט איז אויסקומען אָן מיר". מיר האָבן זיך געװיצלט איבער אים, ער האָט זיך איבערגעטון די אַלטע קליידער, און לעבט װי פֿריער. פֿאַר קיין משוגענעם מאַכט ער זיך שוין נישט, צו װאָס? טיי װי האַלטן אים אַלע פֿאַר משוגע.

אַזוי ווי אין קורצן וועט דאָס פאָלק אַליין קלויבן זיינע פאָרשטייער, טוט זיך אין שטאָט מעשים. אויף אַלע ווענטירן און טויערן קלעפּט מען כל ערליי מינים צעטלעך און געפאַרבטע פלאַקאַטן. יעדע פּאַרטיי בעט קלויבן אירע מענטשן, און זאָגט דערפאַר צו וואָס אַ מויל קען ריידן. די גאַסן זענען פול, און אַלע לייענען די אויפרופן. איך, מישא און דאָד זענען אויך אַרויס אין שטאָט, דורכגעשפּאַצירט מיט די אויגן אַלע פלאַקאַטן, און אַלע דריי געקומען צו איין אויספיר: גוט איז נאָר דער נומער צוויי, ווייל ער זאָגט צו א באַלדיקן שלום... שוין אזוי לאַנג, ווי מיר וואַרטן אויף אים, און דאָ ליגט ער פאַר אונז אויף דער וואַנט, מען דאַרף נאָר שטימען פאַר אים. מישא זאָגט, אַז אַלע שטימען וועט צונויפנעמען אָט דער צעטל, איך און דאָד גלויבן אויך אַזוי.

אין אַלגעמיין איז דאָס קלויבן אַן אויסגעצייכנטע זאַך: די שטאָט איז אויסגעפּוצט, ווי פאַר אַ יום טוב. די גאַסן קאָכן, ווי אין אַ יריד. עס איז זעלטן פריילעך. אויסער דעם פאַרדינען מיר אַביסל געלט. מישא טיילט אין גאַס אויפרופן, אויף וועלכע עס שטייט געשריבן, אַז ווער עס וויל נישט בלייבן ביי א צובראָכענער מולטער, זאָל אָפּגעבן זיין שטים דעם נומער אכט. מישא טיילט זיינע צעטלעך נישט גערן, ווייל זיי זענען קעגן אַ באַלדיגן שלום. אָבער וואָס טוט מען נישט פאַר געלט? איך מיט דאָדן לויפן נאָך די אויטאָמאָבילן, וואָס פאָרן איבער דער שטאָט און וואַרפן גאַנצע בערג אויפרופן. מיר קלויבן זיי גלייך אויף פון דער ערד, אונז אינטערעסירט נישט, פון וועלכער פּאַרטיי דאָס איז, דען די פּאַרטיי איז דאָ אינגאַנצן נישט וויכטיק. מיר דאַרפן עס נאָר צו פאַרהאַנדלען, ווייל אין שטאָט פעלט אויס אַ שטיקל פּאַפּיר. מיר פאַרדינען נישט ערגער פאַר מישאַן.

פאַפּאַ, מאַמאַ און די באָבע האָבן געשטימט פאַר א באַלדיקן שלום, ווייל מיר נויטיגן זיך אין אים, ווי אין לעבן. פאָרן זעלביקן נומער האָבן אויך געשטימט אַלע ווייבער, וואָס קומען אַריין צו אונז. זייערע מענער זענען אויף דער מלחמה,

און זיי ווילן זיי בעסער האָבן ביי זיך. איך, מישא און דאָד זענען זייער שטאָלץ — מיר האָבן די ערשטע אויסגעפונען דעם צעטל. די באָבע האָבן מיר אליין אוועקגעפירט אין וואָל-ביוראָ, איר געגעבן אין האַנט דעם נויטיקן צעטל און איר געזאָגט, אַז זי שטימט פאר דעם, מיר זאָלן קענען פאָרן אַהיים. די באָבע איז געווען זייער צופרידן און האָט זיך אזוי גע-איילט צו גיין שטימען, דאָס זי האָט אָפּגעדאַווענט שנעלער ווי תמיד.

אָבער אַזוי ווי פון אלע אונזערע האָפענונגען, האָט זיך אויך דאָס מאָל אויסגעלאָזן מיט גאָרנישט. אַ פרימאָרגן כאַפּן מיר זיך אויף און דערוויסן זיך, אז די מאַכט איז איבערגע-נומען דורך די פאָרשטייער פון די אַרבעטער, פויערן און סאָלדאַטן. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מיר האָבן גלייך דערהערט, אַז דאָס זענען די, פאַר וועלכע אונזער גאנץ הויז האָט געשטימט, בין איך, מישא און דאָד געווען אומצופרידן. לעצטנס האָבן מיר דריי ארומגעטראָגן אין די גאסן פאָסט-קאַרטן. דאָס זענען געווען די בילדער פון די מיניסטאָרן, וועלכע מען האָט ערשט אַראָפּגעזעצט. זייערע שיינע בילדער, באַפּוצט ארום און ארום מיט גירלאנדן, און געצייכנט: „דער גרויסער פירער פון גרויסן פרייען רוסלאנד דער און דער". דאָס געשעפט איז געגאַנגען נישט שלעכט. האָבן מיר זיך אָנ-געגרייט א סך סחורה. און דאָ מיט אמאָל, ווער וועט קויפן אַן אראָפּגעזעצטן מיניסטער? פאַרשטייט זיך, אַז אונז האָט פאַרדראָסן, וואָס מיר האָבן אריינגעלייגט אונזער געלט אין אַ סחורה, וואָס האָט באַנקראָטירט. נאָר ווער האָט דאָס געקאָנט פאָרויסזען?

מען קען נישט זאָגן, ס'איז געווען נישט קיין שלעכטע צייט מיט דעם קערענסקין, א סך טעג האָט מען פארוואנדלט אין יום טובים. אלע זענען געגאַנגען איבער די גאסן מיט רויטע פאָנען, אויף די פאָנען האָט מען אויפגעשריבן מערק-ווירדיקע זאכן. מען האָט געשפילט און געזונגען נייע מונטערע לידער. איך, מישא און דאָד האָבן זיי אויסגעלערנט אויף

אוי סווייניק, און מיר פלעגן מיטגיין מיט אלעמען און מיט־זינגען. די קינאָס און טעאַטערס זענען געווען אומזיסט. מען פלעגט זיך נישט דאַרפן גנבענען, נאָר געקענט פריי דורכגיין, אַזוי ווי מיט א בילעט. וועגן לערנען איז שוין אין די טעג געווען אָפּגערעדט. ווען מען פירט אזוי איין פיר טעג אין וואָך, אָט וואָלט געווען שיין!

געבוי וואָס די נייע ווילן, ווייסן נישט, נישט איך, נישט מישא און נישט דאָד. מיר האָבן געהערט, אז עס הויבן זיך אָן צרות גאָר פאַר די בורזשויען, און די אָרימע לייט וועט ערשט זיין גוט. מען האָט טאַקע פונאַנדערגעקלעפּט פּלאַקאַטן „מלחמה די פאלאצן — שלום די שטיבלעך”. אזוי ווי מיר וווינען דאָך נישט אין קיין פּאַלאַץ — מאמא רופט אפילו אָן אנדערמאָל אונזער דירה פאלאץ, דאָס זאָגט זי דאן, ווען די ווענט פוכטן זייער שטאַרק, אָדער עס איז קאלט, און מיינט עס אין א געלעכטער — וועט שוין ערשט פאַר אונז זיין שלום. אנדערע לאָזונגען שרעקן מיך אביסל יאָ. דהיינו — „ווער עס אַרבעט נישט — דער עסט נישט”. איך אַרבעט נישט, עסן — עס איך, פאַרשטייט זיך, יאָ. אפילו זיך איבערצועסן איז ביי אונז אין שטוב שוין לאַנג נישטאָ מיט וואָס, אָבער דאָ שטייט אינגאַנצן נישט עסן. ווי וועט זיין? מיט אן אמת האָב איך אַמאָל יאָ געאַרבעט, נישט איך אליין, נאָר מיט מישאן. מיר האָבן געאַרבעט ביי פליגן פּאַפּיר. מישא פלעגט דעם פּאַפּיר באַשמירן, און איך פלעג אים צוזאַמענבויגן אין צווייען. דאָס פלעגן מיר אָנשמירן פאַר די פליגן אזא מין קלעפּיק עסן, וואָס ווי נאָר די פליג נעמט דאָס אַריין אין מויל, לאָזט שוין דאָס עסן נישט אָפּ די פליג, און זי צאַפּלט נעבעך אויפן פּאַפּיר, ביז זי גייט אויס... דער מין אַרבעט באַצאָלט זיך גאַנץ פיין. איז עס אָבער א סעזאָן־זאַך, און צו הערבסט ענדיקט זיך עס. זענען מיר שולדיק, וואָס די פליגן פליען נישט אַרום א גאַנץ יאָר? מירעלע, דאָד זענען דאָך קליין, זיי. מיין איך, מעגן

נישט ארבעטן. אָט די באָבע, מאמא, פריידקע, מישא און איך וועלן מסתמא מוזן ארבעטן· חוץ דעם איז דאָ א פלאקאט, וועלכן איך פארשטיי נישט. מען וועט דארפן פרעגן מישאַן, וואָס זיי מיינען מיטן לאָזונג „נידער מיט דער מלחמה — זאָל לעבן דער בירגער-קריג“, נידער מיט דער מלחמה — איז גוט. דאָס האָב איך שוין אליין געזאָגט· אָבער „זאָל לעבן דער בירגער-קריג“? בירגער הייסן דאָך איצט אלע. זאָל זיין, הייסט עס, א מלחמה צווישן אלעמען? מישא וועט מיר דאָס געוויס בעסער ערקלערן.

אויסער די געקלעפּטע אויף די ווענט, האלט מען אין איין דערציילן מאָדנע זאכן. למשל, פון איצט וועט נישט זיין קריג און נישט פרידן· די ארמיי וועט מען פונאנדערלאָזן. מען וועט גרינדן רויטע גווארדיעס, און יעדע שטאָט וועט זיך שלאָגן באזונדער· מיט וואָס דאָס איז בעסער, ווייסט קיינער נישט. נאָר דייטשלאנד וויל נישט שלום מאכן, סיידן מען זאָל איר אוועקגעבן א העלפט רוסלאנד. ביי אונז אין שטאָט האָט זיך שוין געגרינדעט א רויטע גווארדיע, און מען זאָגט, אז די בורזשויען האָבן פאר איר מורא.

דער שלום איז נאָך נישט געקומען, אָבער וועגן מלחמה רעדט שוין קיינער נישט. די מלחמה איז שוין אוועק אויפן צווייטן פּלאַן. אויפן ערשטן איז היינט דער פּראָלעטאַריאַט. ווער דער פּראָלעטאַריאַט איז, ווייס איך נאָך נישט גענוי, אָבער אַן אַנונג האָב איך שוין. דאָס וויכטיקסטע איז איצט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער זאָל זיך פאַרייניקן, און דאָס שרייט מען אויף טריט און שריט. ווי נאָר דער פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער וועט זיך פאַרייניקן, וועט גלייך אַלעמען ווערן גוט. דערווייל איז נישט איבעריק גוט, אָבער מען זאָגט, אַז מיר קענען זיך שעצן גליקלעך, וואָס מיר זענען נישט רייך, וואָרום צייטן בייטן זיך, און איצט איז געקומען אַ צייט, ווען דער רייכער איז מקנא דעם אָרימען. די באָבע זאָגט, אַז עס איז משיחס צייטן, מחמת עס שטייט בפירוש ין די הייליקע ספרים, אַז דעמאָלט וועלן די לעבעדיקע מקנא

א

זײַן די טויטע, און אַן אָרימאַן איז דען נישט געגליכן צו אַ טויטן? מאַמאַ אָבער זאָגט, דאָס אַפילו ערשט וואָלט זי בעסער געוואָלט זײַן אַ נגידיסטע, ווײַל מען נעמט טאַקע בײַ זײ, אָבער וואָס בלײַבט נאָך: „בײַ מיר נעמען זײ גאָרנישט, אָבער וואָס איז דער גליק, אַז איך פאַרמאָג גאָרנישט". איך ווייס נישט, צי איצט איז גוט צו זײַן אַ גביר, צי אַן אָרימאַן. אײנס ווײס איך אויף זיכער, אַז אַפילו איצט איז גוט צו זײַן אַ קינד, ווי איך בין, ווײַל פאַרשטײן פאַרשטײ איך אַלץ, און טון קאָן מען מיר גאָרנישט.

אָקאָרשט האָט זיך באַוויזן אַ מאָדנע מעלדונג. מיר האָבן זי שוין עטלעכע מאָל איבערגעלײנט. אין איר זאָגט זיך, דאָס מאָרגן צוועלף בײַטאָג זאָלן אַלע בורזשויען פון שטאָט קומען אין גרויסן טעאַטער, און דאָרטן וועט מען זײ זאָגן, צו וואָס מען באַדאַרף זײ, און ווער עס וועט נישט קומען, וועט גע־משפּט ווערן, אַלס קאָנטר־רעוואָלוציאָנער. אַז אונז רופט מען נישט, דאָס זענען מיר געווען זיכער. וואָס־וואָס, נאָר צו די גבירים געהערן מיר שוין נישט. אָבער אַ סך אין שטאָט האָבן נישט געוווסט, צי מען מײנט זײ אויך, אָדער נישט. מאַנכע האָבן געטראַכט: „אַ נגיד בין איך טאַקע, אָבער ווייסט מען דען דאָס אין שטאָט? קום איך מאָרגן אין טעאַטער, וועט מען מיך שוין נישט אָפּלאָזן. דו האַלטסט זיך פאַר אַ בורזשוי — מסתּמא ווייסטו... זאָל איך ווידער נישט גײן, קען אַמאָל זײַן ערגער. ביסט נישט געקומען, דו ווייסט גאָרנישט, ווער דו ביזסט. מיר וועלן דיר שוין ווײַזן"! מיט זײ שפּילט מען זיך נישט.

די דאָזיקע זענען די נאַכט געשלאָפן ערגער פון מיר. אַנדערע האָבן געקלערט: „אמת, קײן גביר בין איך נישט, וואָס משטײנס געזאָגט פאַרמאָג איך אײנגאַנצן? אָבער איך האָב דאָך געהאַט אַנדערע צײַטן אויך, און טאַקע די צײַטן געדענ־קען אַלע אין שטאָט. האָב איך דען וועמען וועגן געזאָגט, אַז מיר איז שלעכט? פאַרקערט דאָך. טאָ נאַ דיר. זאָל איך נישט קומען — איז אַן ענדע פון מיר. אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנער און

פּאַרטיק". די האָבן אויך פאַרבראַכט אַ שלעכטע נאַכט. אויף מאָרגן זענען געקומען אין טעאַטער אי די ערשטע, אי די צווייטע. איך, מישא און דאַד זענען אײך געקומען. עס איז דאָך אינטערעסאַנט, דאַרף מען זיין דערביי. דער גרויסער טעאַטער איז געוואָרן פול. קיין עין-הרע, וואָס גבירים אונזער שטאָט פאַרמאָגט דאָס! אַ רעכטע ווײלע איז אויסגעקומען צו וואַרטן. ביי דאָדן האָט שוין געפּלאַצט דאָס געדולד, און ער האָט אונז געשלעפּט אין גאַס. נאָר איך מיט מישאן האָבן אים איבערגערעדט, אַז סיי-ווי-סיי האָבן מיר ערשט נישט ווו צו גיין, און דאָ קען אַמאָל זיין גאַנץ אינטערעסאַנט. מיר האָבן אָבער אַ טעות געהאַט. אינטערעסאַנט איז נישט געווען. איינער אַ לאַנגער, מיט לאַנגע האָר, האָט הויך געזאָגט פון סצענע, אַז ער רעכנט, דאָס אַלע בורזשויען האָבן זיך פאַרזאַמלט, און פון אַ פּאַפּיר לייענט ער פאָר נעמען און זאָגט דערנאָך, אַז די וועמעס נעמען ער האָט אויסגערופן, וועלן דאָ מוזן בלייבן, און ווען זיי וועלן באַצאָלן די קאָנטריבוציע (וויפל, געדענק איך נישט) וועט מען זיי אָפּלאָזן. איך, מישא און דאָד און די איבעריקע, וועלכע זענען אין צעטל נישט געווען, זענען אַרויס פון טעאַטער. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די בורזשויען זיצן נאָך, זיי דינגען זיך און ווילן נישט געבן, וויפל מען בעט ביי זיי, און אַז מען לאָזט נישט נאָך, אַז איין גרויסן בורזשוי האָט מען שוין דערשאָסן, אַז די איבעריקע האָבן זיך דערשראָקן, און היינט מאָרגן וועלן זיי באַצאָלן. די באָבע זאָגט, אַז מיר וועלן דערפון נישט רייכער ווערן.

די נייע ווילן אויסראָטן אַלע בורזשויען. זיי ווילן, אַז אויף דער וועלט זאָלן נאָר בלייבן אַרבעטער און פּויערים, און אַז די אַרבעטער און די פּויערים זאָלן זיך האַלטן פאַר די הענט. אומעטום האָט מען אויסגעהאָנגען פּלאַקאַטן, ווו אַן אַרבעטער מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און אַ שווערן האַמער אין האַנט גיט די צווייטע אַ פּויער, וואָס שטייט קעגן אים אויך מיט אויסגעשטרעקטע פינגער. דער פּויער שטייט ביי אַן אַקער

אייזן. ביירע געפינען זיך אויף א גרינעם פעלד. איבער זיי א בלויער הימל און א רויטע זון, וואס ווארפט לאנגע שטראלן. אין איין זייט זעען זיך א סך פאבריקן, וואס לאזן דורך הויכע קוימענס א דורכזיכטיקן רויך, אין דער אנדערער — א פיין דארף. איבער אלץ פלאטערט א רויטע פאן „ארבעטער פון אלע לענדער, פאראייניקט אייך", מיט גאלדענע סערפ און האמער אין מיטן.

נישט נאר בורזשויען, נאר אויך קרעמער זענען אין דער נייער ארדענונג איבעריק. דאס האט מען זיך דערוווסט היינטיקן פרימארגן. ווי מען איז אויפגעשטאנען, האבן אלע דערזען אויף די שלעסער פון די קראמען בלייענע פלאמבעס און דערצו צוגעקלעפטע רויטע צעטעלעך: די קראם איז נאציאנאליזירט. ווער עס וועט אליין עפענען, וועט מען אים משפטן פארן טריבונאל, און אז דער באלעבאס זאל זיין אזוי גוט און ברענגען די שליסלען אין רעווקאם, וואס געפינט זיך אין דער און דער גאס, אזא און אזא נומער. די גאנצע שטאט איז געוועזן זייער איבערראשט, ווייל קיינעם האט זיך עס נישט געחלומט. די קרעמער מיט די שליסלען אין די הענט שטייען ערשט צושראקן פאר די קראמען און ווייסן נישט, וואס צו טון. טראגן די שליסלען אין רעווקאם ווילט זיך זיי נישט, דאס פארשטיי איך. געמשפט ווערן אלס קאנטער-רעוואלוציאנערן, ווילט זיך אויך נישט. דאס פארשטיי איך אויך.

איך, מישא און דאד שפאצירן זיך דורך דער שטאט. מיר ווילן זען, צי די באלשעוויקעס זענען דאס אזעלכע בריות, אז אין איין נאכט האבן זיי באוויזן צו פארחתמענען ביז איין קראם. ווי עס שיינט, איז עס אזוי. וווּ מיר גייען — די זעלבע מעשה: א פלאמבע, א צעטעלע, א צעטומלטער קרעמער מיט די שליסלען אין דער האנט ביי די פארמאכטע טירן. ווען מיר גייען צוריק שוין עטוואס פארמאטערט, זעען מיר, ווי די קרעמער, קופקעסווייז, לאזן זיך מיט די שליסלען צום רעווקאם. זיי זאגן, אז זיי גייען נישט אוועקגעבן די שליסלען, נאר זיך דערקונדיקן.

ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיי דאָרט יאָ איבערגעלאָזט די שליסלען, וואָרום מען פאָרט איצט מיט גרויסע וואָגנס פון קראָם צו קראָם, מען שליסט אָפן די טירן, און די סחורה פירט מען איבער אין סקלאַדעס. אָנשטאָט קראָמען, וועלן איצט איינגעפירט ווערן קאָאָפּעראַטיוון, ווו יעטוועדער וועט קריגן, וואָס ער וועט נאָר באַדאַרפן. איך דאַרף טאַקע זייער האָבן אַ קעשענע-מעסערל און איך האָב נישט. וואָלט אויף דער ערד שוין געווען סאָציאַליזם, וואָלט איך דאָך געהאַט אַ מעסערל. אָבער די קרעמער ווילן נישט קיין סאָציאַליזם, זיי ווילן נישט אַנדערש, איך זאָל דאָס מעסערל קויפן ביי זיי און נישט קריגן אומזיסט אין קאָאָפּעראַטיוו.

איין קרעמער האָט זיך איינגעקשנט און נישט געבראַכט דעם שליסל פון קראָם. איבער אַזאַ נאַרישקייט קען מען זיך דאָך נישט אָפּשטעלן, הויבט מען אָן ברעכן די טירן. דער קרעמער, וואָס איז געשטאַנען פון דער ווייטנס, לויפט גלייך אַנטקעגן מיט די שליסלען אין האַנט. ער שרייט, זאָל מען שוין נעמען אַלץ, כאָטש זיין לעבן, אַז אים איז שוין גאַנץ עגאַל, און הערן, ווי מען ברעכט די טירן פון זיין געשעפט, קען ער נישט, דען דאָס האַרץ פּלאַצט אין אים. זיין ווייב צעוויינט זיך, די קינדערלעך העלפן איר צו. אָט זיי פאַרשטערן אַ ביסל די שמחה. דאַד האָט אַ גוט האַרץ, און ביי אים איז רעכט צוליב זייער געוויין זיך אָפּזאָגן פון בויען דעם סאָציאַליזם. מישא אָבער זאָגט, אַז מען טאָר נישט קוקן אויף אַזוינע קליינ־קייטן.

אַז די קראָם איז שוין אויסגעליידיקט, פאָרט די פור אַוועק ווייטער, און אין דער פוסטער קראָם מיט די נאַקעטע פּאָליצעס קומט אַריין פראַנק און פריי דער קרעמער מיט זיין משפחה, און אַלע ברעכן מיט די הענט. מישא זאָגט, דאָס ווען ער איז עלטער, וואָלט ער זיי ערקלערט, דאָס זיי האָבן נישט וואָס צו קלאָגן, ווייל אין דער נייער אָרדענונג וועט מען קיין געלט נישט דאַרפן, שטיין אַ גאַנצן טאָג אין קראָם וועלן זיי אויך נישט דאַרפן, זיי וועט נאָר אויסקומען זיך

פארנעמען אַ פּאָר שעה אין טאָג מיט אַ נוצלעכער אַרבעט און אַלץ אין וואָס זיי וועלן זיך נויטיקן, וועט מען זיי צו־שטעלן.

די באָבע איז מיט דעם נישט צופרידן איבער צוויי טעמים. ערשטנס, האָט זיי דאָס גאָט געגעבן, און נאָר ער דער איינציקער מעג דאָס אָפּנעמען; און צווייטנס, מחמת דעם וואָס מען קען אין דער גאַנצער שטאָט קיין האָר נישט קריגן צו קויפן. זי זאָגט, אַז עס איז אַ נס פון אויבערשטן, וואָס אַנ־דערע קראָמען האָבן געהאַט הינטער־טירן, און די קרעמער האָבן באַוויזן וואָס אַרויסצוכאַפּן. איצט פאַרקויפן זיי דאָס בשתיקה און רייסן צען מאָל טייערער.

אַזוי זענען געגאַנגען טעג. פאַר דער נייער אָרדענונג האָבן מיר געהאַט די גרעסטע נייגיריקייט, און חוץ ווי וועגן סאָציאַליזם האָט מען ביי אונז אין שטוב נישט געהערט רעדן. אַלע האָבן איינגעפונען, אַז אויף דער וועלט וועט דאַן גאָר־נישט זיין שלעכט, און קעגן גאָט איז דאָס אויך נישט. פאַר־קערט גאָר. פריער איז טאַקע געווען אַ שלעכטע וועלט, אַז עס האָט געקענט קומען צו אַזאַ מלחמה און אַזוי לאַנג דויערן. יעדן אָוונט האָט מען ביי אונז באַהאַנדלט פּראָבלעמען. מישא, איך און דאָד פלעגן זיך גוט צוהערן — מיר ווילן אויך אַלץ וויסן. משה דער משוגענער פלעגט אייביק שטעלן איין און די זעלבע פראַגע. ווי וועט זיין מיט פרויען? אַלע זענען דאָך גלייך, טאָ פאַרוואָס קומט דיר אַ שענערע פרוי, ווי מיר? און דער „פּוזאָנאַטשעק" פלעגט אויף דעם אים לאַנג ענטפערן, וואָס מיר האָבן, צום באַדויערן, נישט פאַרשטאַנען.

דער „פּוזאַנאַטשעק" איז אויך אַ „בעזשענעץ". ביי אונז איז ער אַן אָפּטער איינגייער. אַ נאָמען געגעבן האָבן מיר אים „פּוזאָנאַטשעק" דערפאַר, ווייל ביי אונז אין שטאָט פאַר־קויפן זיך אַזעלכע פיסלעך „פּוזאָנאַטשקעס", וואָס זענען זייער קליין און האָבן גראָבע בייכלעך, און דער „פּוזאָנאַטשעק" איז

ענלעך אויף זיי. ער האָט זייער ליב ערקלערן אַ צווייטן, וואָס יענער פאַרשטייט נישט, און וואָס יענער זאָל נישט פאַרשטיין, ווייס אַלע מאָל דער „פּוזאָנאַטשעק". אַז ער נעמט זיך וואָס ערקלערן, איז אַ מחיה אויף אים צו קוקן. ער פאַרבייגט דאָס קעפּל אויף אַ זייט, פאַרקוועטשט אַן אייגל, און די גאַנצע צייט וואָס ער רעדט, האַלט ער אין איין מאַכן גרימאַסעס, איינע שענער פאַר דער אַנדערער. פריער פלעגט ער אונז קומען ערקלערן די לאַגע אויפן פראָנט פון סטראַטעגישן זין. איצט קומט ער יעדן אָוונט מיט נאָך אַ גרעסערן ברען אונז ער־קלערן, וואָס אַזוינס איז סאָציאַליזם.

אָט מיט אים איז דאָס פּאַפּאַ געגאַנגען פון „טאָלטשאָק". פּאַפּאַ האָט דאָרט פאַרהאַנדלט אַ טישטוך. מאַמאַ האָט אָנגע־זאָגט פּאַפּאַן, ער זאָל דאָס טישטוך אָוועקגעבן אַביסל ביליגער און זען צו קומען וואָס גיכער מיטן געלט, ווייל זי האָט נישט וואָס אונז עסן צו געבן. האָט פּאַפּאַ פאַרקויפט דאָס טישטוך גראָד גוט. אויפן מאַרק האָט ער געטראָפן דעם „פּוזאָנאַטשעק", וועלכער האָט דאָרט אַרומגעטראָגן צו פאַרקויפן אַ וועסט. אַזוי ווי פּאַפּאַ האָט זיך געאײַלט אַהיים, און דעם „פּוזאָנאַטשעק" האָט זיך געוואָלט אַביסל שמועסן, איז ער פּאַפּאַן געגאַנגען באַגלייטן. נישט ווייט פון אונזער שטוב קומט זיי אַנטקעגן אַ בחור מיט הויכע שטיוול. דערזעט ער פּאַפּאַן מיטן „פּוזאָנאַ־טשעק", צוויי יידן מיט לאַנגע בערד, גיט ער אַ פרעג אין יידיש: „איר זענט פאַראַזיטן"? ווייסן זיי ביידע נישט וואָס אים צו ענטפערן. וואָס וויל ער פון זיי? פרעגט ער ווייטער: „איר אַרבעט נישט? קומט מיט מיר, איך וועל אייך געבן אַר־בעט, אײַערע צייטן זענען שוין פאַרביי". פּאַפּאַ זאָגט: „וווהין גיין? אויף מיר וואַרט אַ קראַנקע פרוי און אַלטע שוויגער, און ברעקלעך קינדער, וואָס האָבן נאָך הײַנט נישט געגעסן". דער „פּוזאָנאַטשעק" טענהט כמעט אויך דאָס זעלבע. עס העלפט אָבער גאָרנישט. דער יונג ווייזט אַ פּאַפּיר, אַז ער האָט רעכט צו פאַרהאַלטן, אַן אמתדיק פּאַפּיר מיט אַ שטעמפּל און אַ אונטערשריפט. וואָס זאָלן זיי טון? גייען זיי. איז וועג פרווון

זיי דעם יונג געבן צו ערקלערן, אז ער דאַרף זיי אָפּלאָזן. ערקלער אים — ערקלער דער וואַנט. ער הערט זיך אפילו נישט איין. מיר ווייסן דאָך אָבער פון גאָרנישט, אונז האָט די גאַנצע מעשה נישט געקענט איינפאַלן. מאַמאַ זעט, עס איז שוין צו לאַנג, שיקט זי מישאַן זען, פאַרוואָס פאַרקויפט זיך נישט דאָס טישטוך. מישא קומט צולויפן: „פאַפאַ איז אויפן מאַרק נישטאָ". ווו איז פאַפאַ? האָט מען אָנגעהויבן קלערן, רעכענען, דאָ, דאָרט, אומעטום אויסגעווען, אויסגעלאָפן, אויסגעזוכט, קיינער ווייסט נישט. איך, מישא און דאָד זענען דורכגעלאָפן אַלע גאַסן, צען מאָל אוודאי געווען אויפן „טאָלטשאָק"— נישטאָ פאַפע. אַלע זענען מיר צושראָקן, ווו האָט פאַפאַ געקענט אוועקגיין? האָט וואָס פאַסירט? מיר האָבן זיך נאָכגעפרעגט, ווו מען האָט נאָר געקענט. אַלע באַקאַנטע און שכנים האָבן אונז געהאָלפן זוכן. מיר האָבן איבערגעקערט די גאַנצע שטאָט. ווער פון אונז האָט שוין געטראַכט וועגן עסן...

פאַרנאַכט איז געקומען פאַפאַ. ער האָט אַלעמען געפונען פאַרוויינטע, פאַרהונגערטע, דערשראָקענע. פאַפאַ האָט דערציילט, וואָס מיט אים האָט פאַסירט. ווי דער יונג האָט זיי אָפּגעפירט אין אַ פאַבריק הינטער דער שטאָט און האָט זיי אַהין איבערגעגעבן, דאָרט האָבן זיי שוין געפונען נאָך עטלעכע פאַראַזיטן. די אַרבעטער האָבן זיי אויפגענומען גוטמוטיק, זיך ווילצלענדיק. די עטלעכע אַרבעטער פון דער אָפּטיילונג, ווו מען האָט אַריינגעשיקט פאַפאַן מיט דעם „פּוזאָנאַטשעק", האָבן זיי תיכף ערקלערט: „אַזוי ווי דאָ אין אַטעליע, זעט איר דאָך אַליין, איז דאָ ווינציק פלאַץ, וועלן מיר אייך זיין דאַנקבאַר, אויב איר וועט זיצן אויף איין אָרט. טאָמער וועט פון אייך גייט יאָ דורך די אַטעליע, אַ מענטש קאָן דאָך אַ גאַנצן טאָג נישט שטעקן אויף איין אָרט, זאָלט איר זען נישט צו פאַרשטעלן דעם פענסטער. מיר קענען זיך נאָך מזיקן, ווען מען פאַרשטעלט דאָס ליכט. די געצייג, וואָס איר זעט, זאָלט איר נישט טשעפּען, מחמת איר וועט זיי איבערפירן, און היינט קאָסטן זיי טייער. פשוט נישט צו קריגן. מאַכט איר וואָס קאַליע, מוז מען כאָטש

די אַרבעט אָפּשטעלן. און צוקוקן האָט איר נישט וואָס. ערשטנס, וועט איר אונז שטערן, און צווייטנס, וועט איר זיך גאָרנישט אויסלערנען. מיר האָבן זיך געלערנט יאָרן, זייענדיק יינגער פֿאַר אייך. און אַרבעט אייך צו געבן האָבן מיר נישט, וואָרום מיט אַן אמתן פֿעלט אונז אַליין אויך אויס. מיר האָבן נישט גענוג מעטאַל, נאָר כּדי אייך זאָל נישט זיין צו לאַנגווייליק, נעמט אין ווינקל שטייט אַ שלייפֿשטיין. זאָל איינער פֿון אייך דרייען דאָס רעדל און דער אַנדערער זאָל וואָס שלייפֿן. קיין בייז וועט פֿון דעם נישט פּאַסירן.

— אַזוי, דערציילט פּאַפּאַ, איז אַוועק דער טאָג. לכתחילה האָבן מיר געדרייט דאָס רעדל און געשאַרפֿט אַ שטיק אייזן. דערנאָך האָט אונז דאָס דערעסן. דער „פּוזאָנאַטשעק" איז געוואָרן דרייסטער, ער האָט זיך אומגעקוקט און מיר אָנגעהויבן צו דערקלערן די חכמה פֿון די מאַשינען. די אַרבעטער האָבן זיך אַריינגעמישט אין שמועס. אין אַטעליע האָט זיך אָפּגעשטעלט די אַרבעט. אַלע האָבן אַרומגערינגלט דעם „פּוזאָנאַטשעק". מען האָט גערעדט וועגן מאַשינען, סאָציאַליזם און מכּח היימישע ענינים. איך האָב זיי דערציילט, ווי מען האָט מיך צוגענומען, און ווי מען מוז דאָס וואַרטן אויף מיר. האָבן אונז די אַרבעטער אַן עצה געגעבן זיך תּיכּף אָפּטראָגן, ווייל מיר זענען נאָך נישט רעגיסטרירט. ערשט נאָך דער אַרבעט וועט מען אונז רעגיסטרירן, און דאַן וועלן מיר מוזן קומען יעדן טאָג זיצן ביים רעדל. זיי האָבן אונז אויסגעלערנט, ווי אַזוי מיר קענען אַרויסגיין פֿון פֿאַבריק, אַז אַ האָן זאָל נישט קרייען. האָבן מיר זיי באַדאַנקט, זיך געזעגנט, און געטון ווי זיי האָבן אונז געהייסן.

13. אַ נסיעה

בײַ אונדז זענען ערשט עסטרײַכער. מיר האָבן זיך אויף זײ נישט געריכט, װײַל אײגנטלעך איז דאָך שוין אונטערגע־שריבן דער שלום. װי עס װײַזט זיך אָבער אַרויס, זענען זײ טאַקע נישט געקומען מלחמה האַלטן, נאָר די אוקראַאינער האָבן זײ אײַנגעלאַדן צו זיך. די „רויטע" זענען איבער נאַכט נעלם געוואָרן, און איבער די גאַסן מאַרשירן איצט אין אַ קאַלטער אָרדענונג סאָלדאַטן אין העלע שינעלן. אין אַ סך שױפֿענסטער האָט זיך באַװיזן שעװטשענקעס בילד אין בלױ געלע פֿאַרבן פֿון אוקראַאינע. פֿיל מײדלעך האָבן אײַנגעפֿלאָכטן אין די צעפּ בונטע בענדער און אָנגעטון אויפֿן האַלז פֿאַרשידנפֿאַרביקע קרעלן. מיר זענען זיך גלײַך געגאַנגען נאָכפֿרעגן, צי מיר קע־נען פֿאָרן אַהײם, האָט מען אונדז געענטפֿערט, אַז דאָס װעלן מיר קענען נאָכן קריג (בײַ זײ איז נאָך אַלץ קריג).

דערװײַל האָבן מיר זיך דערװוּסט, אַז אַנדערע „בעזשענ־צעס" האָבן חיונה דערפֿון, װאָס מען פֿירט סחורה פֿון אײן שטאָט אין דער צװײטער. דאָס איז פֿאַרבאָטן, נאָר װײַל עס איז פֿאַרבאָטן, קען מען דערבײַ, אַז עס געלינגט, נישט שלעכט פֿאַרדינען. האָבן מיר אויך אָנגעהויבן װעגן דעם צו קלערן. און גראָד קומט אַרײַן צו אונדז דער „פּוזאַנאַטשעק", פֿאַר־קװעטשט זײַן לינק אײגל, און דערצײלט, אַז ער האָט גע־קראָגן אַ בריװ פֿון זײַנע קרובים, דאָס בײַ זײ איז פּישלעך מיט גאָלד צוגלײַך, אָבער צוקער איז בזול־הזול. פֿאַרװאָס זאָלט איר, הער שטײן — װענדעט זיך דער „פּוזאָנאַטשעק" צו פּאַפּן — טאַקע נישט אַ פּאָר טון, לאָמיר זאָגן, אַהין מיט

עטלעכע פישלעך און נישט ברענגען צוריק א ביסל צוקער אין א פאר גאטקעס אויך, א וועלט פארט, ווערט נתעשר

די ווערטער פון „פוז נאטשעק" האָבן בײ אונז געפונען חן, און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז דעם ערשטן מזלדיקן דינ־סטאָג פאר איך מיט פאפן אַ יאַזדע. מיר האָבן געקויפט גע־רויכערטע פישלעך, געמאכט דערפון זעקס פעקלעך. קלענערע פאַר מיר, גרויסע פאַר פאפן. אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי. מישאַ, פריידקע און דאָד, וועלכע דאַרפן אונז העלפן דורכטראָגן די פעקלעך צום וואָקזאַל, זענען דעם טאָג נישט געגאַנגען לער־נען. די באָבע האָט אונז געהייסן אַרויסגיין מיט דעם רעכטן פוס, מאַמע האָט אונז אָנגעזאָגט, אין פאַל ווען מיר פאַרהאַלטן זיך אַן איבעריקן טאָג, נישט פאַרגעסן צו שרייבן עטלעכע ווערטער, ביידע האָבן אונז באַגלייט ביז איבערן טויער.

דאָס שווערסטע איז אַרויסטראָגן די סחורה אויף דער פּלאַטפאָרמע, דען בײ די טירן פון וואָקזאַל שטייען הײדאַמאַ־קעס און עסטרייכער און קאָנטראָלירן בײ יעדערן די פעקלעך. מיר האָבן זיך צעטײלט מיט די זאַכן, פאפן האָבן מיר גע־געבן דעם פאַפירענעם טוט מיטן עסנוואַרג, וואָס מיר האָבן זיך אָנגעגרייט אויפן וועג, פריידקע האָט גענומען דאָס פעקל, וואָס איז אין אַ ווייס ציכל און זעט אויס, ווי אַ קישעלע, און דאָס צווייטע אין אַ קאָלדרע, איך האָב געהאַט יענץ פעקל, וואָס איז געווען איינגעבונדן אין אַ געשטריקט יאַקל, דאָד האָט אויך גענומען זיין חלק. מיר האָבן זיך צעשיידט, זיך צעוואָרפן, אָפּמאַכנדיק זיך צו טרעפן אויפן פּעראָן. פאפע גייט דורך דער ערשטער, מען שמעקט אַריין אין זיין טוט און מען לאָזט אים דורך, איך זע, ווי מען עפנט בײ איינעם אַ טשעמאָדאַן און מען ראַיעט זיך אין אים, שאַר איך זיך דורך הינטער אַלעמענס רוקן, ווי אין קינאָ, באַלד באַווייזן זיך דאָד מיט פריידקען, זיי האָט מען אַפילו נישט דורכ־געקאָנטראָלירט.

מיר שטייען אַלע אויפן פּעראָן און וואַרטן אויפן צוג. אינאיינעם מיט אונז וואַרט אַ המון, וואָס וואָלט געקלעקט

נישט ווינציקער ווי אויף פינף צוגן, און מיט פעקלעך אויף אַ רעכט ביסל לאַסט־וואַגאָנעס. מיר שטייען ביי די רעלסן און בעטן גאָט, דאָס די באַן זאָל זיך אַזוי אָפּשטעלן, אַז מיר זאָלן אויסקומען גלייך ביי אַ טיר פון אַ וואַגאָן. פּאַפּע הייסט זיך אונז אַ ביסל אָפּרוקן, אַ נישט וועט דער אָנקומענדיקער צוג אונז אַרונטערשלעפּן אונטער זיך. עס דערהערט זיך אַ פייף, און פון דער ווייטן באַווייזט זיך דער צוג, פון אויסנווייניק איינגעפּאַנצערט באַפּוצט אויף די פענסטערלעך, טרעפּלעך און דעכער מיט מענטשן. נישט קוקנדיק, וואָס ביי אונז איז דאָס ערשט דער אָנגענומענסטער מין פאָרן, פּאַסירט פאַרהעלטניסמעסיק זעלטן, אַז ווער נישט איז זאָל אַראָפּפּאַלן און צעשניטן ווערן דורך די רעדער.

איך שטופּ זיך תיכף אַרויס דער ערשטער, און ווי די באַן בלייבט שטיין, קעמף איך שוין אַריינצוקריכן אין וואַגאָן. איר זאָלט וויסן, אַז לאָזן אַרויסגיין די פּאַסאַזשירן, וואָס דאַרפן אַראָפּשטייגן, איז דער גרעסטער אומזין. דאַן מעגסטו זיין זיכער, אַז די באַן וועט אַוועקגיין אָן דיר. דורך דער צווייטער טיר, דורך די פענצטער וועט מען גלייך פאַרנעמען די ליידיקע געוואָרענע ערטער. דעריבער דאַרף מען גאָרנישט זאָרגן פאַר די, וואָס ווילן אַראָפּקריכן, נאָר מען מוז זיך דראַפּען וואָס ווייטער איינעווייניק, נישט נתפּעל ווערנדיק, וואָס דאָרטן איז אַזוי ענג. די וואָס דאַרפן אַראָפּשטייגן, וועלן עס במילא טון, מעג זיי אָנקומען אַ ביסל שווערער, און דעמאָלט וועט ווערן עטוואָס גערעמער. און נאָך אַ זאַך איז זייער וויכטיק: דעם פּאָדערשטן פאַר דיר טאָרסטו קיינמאָל נישט שטופּן אין אַ זייט, וואָרום פּשוט ער לאָזט זיך נישט, און מען פאַרלירט אומזיסט צייט, און מען קען נאָך כאַפּן אין די ציין אויך, און יושרדיק איז דאָס אויך נישט. דאַרפסט אים אַלץ שטופּן פאָרויס, עס איז מעגלעך, אַז ער וועט זיך אַליין אַראָפּגליטשן אין אַ זייט, און דאַן וועסטו זיין פריער פאַר אים. אויב נישט, וועט ער זיך אַריינשטופּן, און דו במילא מיט אים. שרייען דאַרף מען וואָס העכער און וואָס מער. דאָס איז גוט, כדי מען זאָל

זיך נישט דערשטיקן, און סתם אַז מען שרייט, האָט מען מער כּוח זיך צו שטופּן. שטופּ איך זיך און שריי „פּאַפּע"! ווייל איך וויל נישט פאַרלירן פּאַפּן, און פּאַפּע שרייט „לייבקע", ווייל ער וויל מיך אויך נישט פאַרלירן. זעען — זע איך גאָר־נישט. אַלע אַרום זענען העכער פאַר מיר און פאַרשטעלן מיך. אַזוי שטופּנדיק, באַוועגן מיר זיך לאַנגזאַם פאָרויס. מיטאַ־אַל דערפיל איך, אַז איך שטיי, אַלע שטייען: דאָס איז דער בעס־טער סימן, אַז מיר זענען אין וואַגאָן. איך שריי זיך צונויף מיט פּאַפּן. מיר שטייען ווייט פון טיר און פון אַ פענסטער, האַרט אַרומגענומען פון אַלע זייטן מיט מענטשן, מיר הערן, ווי פריידקע, מישאַ און דאָד שרייען צו אונז: „וווּ זייט איר? וואָס טוען מיר מיט די פּעקלעך"? מיר הויבן זיך אָן שטופּן צום פענסטער.

— וואָס ווילט איר, וואָס שטופּט איר זיך — שרייט איינער מיט כּעס — ווינציק האָט מען אונז דערדריקט ביים אַריינגיין, ערשט וועט איר זיך דאָ אויך שטופּן, משוגע זייט איר?

מיר ענטפערן, דאָס מיר זענען נישט משוגע, נאָר אונזערע זאַכן זענען געבליבן אויפן פּעראָן, און מיר ווילן זיי קריגן דורכן פענסטער.

צוואָס דאַרפסטו זיך דערקוועטשן צום פענסטערל — ווענדעט זיך צו פּאַפּן אַ הויכער רוס — שריי צו דייניקע, זיי זאָלן עס אַהערדערלאַנגען, מען וועט פון זיי צונעמען און אייך איבערגעבן".

און פּאַפּע שרייט: „קינדער, דערלאַנגט די פּעקלעך אין פענסטערל. איך שטיי דאָ דערביי און קאָן נישט צוקומען, מען וועט אונז איבערגעבן.

— פּאַפּע, רופט פריידקע, איך דערלאַנג דאָס ציכל איי־נעם מיט אַ געלער באָרד, נעם צו פון אים.

— פּעטערל, בעט פּאַפּע, טו אַ טובה, נעם צו פון די קינדער אַ פּאָר פּעקלעך.

— האָט נישט קיין מורא, הערן מיר אַ קול פון פענ־

סטערל – איך גיב עס גלייך איבער ווען איר הייסט – וואָס איז ער אייך, אַ פאָטער?

מיר קריגן אַ פעקל, לאָזן עס אַראָפּ נעבן זיך און שריי־ען ווידער:

– דאָס ערשטע איז דאָ, גיט די איבעריקע·

אויפן זעלבן אופן קריגן מיר אַ צווייט פעקל און אַ דריטס, און אַזוי אונזער גאַנצן באַגאַזש. — איר האָט שוין אַלע זאַכן — שרייט מישאַ פון פעראָן.

— אַלע, ענטפערט פאַפּע — איר קענט שוין גיין אַהיים מיר פאָרן, ווי פּריצים.

– עס איז זייער גוט – שרייט מישאַ, מיר וואַרטן, ביז דער צוג וועט אָפּגיין, מיר וועלן אייך קומען אָפּוואַרטן.

– איר האָט אַ גוטן אָרט — שרייט פריידקע – דער־שטיקן וועט מען אייך נישט?

— ניין, שריי איך צוריק, אַ זעלטן גוטן פּלאַץ.

נישט קוקנדיק, וואָס אַלע אַרום שרייען און דער געשריי שטייט ביזן הימל, רעדן מיר זיך אָבער צונויף.

— איר פאָרט שוין, זאָגט אונז אָן פריידקע – איר ווייסט גאָרנישט, ווי גליקלעך איר זענט. אַזויפיל מענטשן בלייבן אויפן פעראָן. פאָרט געזונט.

— בלייבט געזונט — ענטפערן מיר — פאַרגעסט נישט צו קומען אָפּוואַרטן·

מיר פאָרן. – לייבקע, מיר האָבן טאַקע אַלע פעקלעך? — פרעגט פאַפּע. – אַלע ביז איינעם – מען זאָל זיי נאָר נישט אָוועקלקחענען — זאָגט פאַפּע. איך האָב צווי ביי מיינע פיס. איז גוט – זאָג איך — איך האָב פיר ביי מיינע פיס. — די בעסטע זאַך – מאַכט פאַפּע – וואָלט געווען, ווען דו קענסט זיך אַוועקזעצן אויף אַ פעקל. אי דיר וואָלט געווען גרינגער, אי דו וואָלסט זיי בעסער געקענט היטן.

– אָט, פאַפּע, ווען דו גיסט אַ טראָפּעלע אַ רוק דאָרט דעם דיקן, איצט האָב איך קוים אָרט צו שטיין.

— וואָס שטופּט איר זיך — דרייט זיך אויס דער דיקער אין פּאַפּעס זייט.

איך געווין פּלאַץ און זיץ שוין, דער גראָבער קוקט, וואָס אים איז געוואָרן מיט אַמאָל ענג, אָבער עס איז פאַרפאַלן. אַזוינער ווי איך האָט רעכט אַפילו צו זיצן, ווען אַלע שטייען.

אין וואַגאָן ווערט שטיל. דער עולם איז צופרידן, וואָס מען פאָרט, און אַלע רוען זיך אָפּ ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט.

פּלוצלונג זאָגט איינער: — אוי, מענטשן גוטע, איר וואָלט געלאָזט אַ קראַנקע פרוי אַ מינוט ביי דער טיר אָדער לעבן פענסטער דעם אָטעם כאַפּן, וואָלט איר פאַרדינט אַ גרויסע מצוה. איך ווער דאָ פּשוט דערשטיקט. פון אַ צווייטן ברעג וואַגאָן ענטפערט איר עמעצער:

— אַ פרוי אַ נאַרישע ביזסטו, אַז דו ביסט שוואַך, און ביי אַ טיר אָדער אַ פענסטער ווילסטו זיך שטעלן. ווען דו וואָלסט אַזוי ווי איך שוין איינמאָל געווען געפאָרן לעבן אַ פענסטער, וואָלסטו דאָס מער נישט געזוכט. ביי יעדן אָפּשטעל ווערט מען דאָך ממש צוקאַלעטשעט פון די, וואָס ווילן אַריין און אַרויס פון וואַגאָן. שטיי שוין, מוטער, אויף דיין אָרט. די פרוי זיפצט הויך אָפּ, און עס ווערט ווידער שטיל.

— לייב — זאָגט פּאַפּע, טאָמער שלאָפסטו איין, זאָלסטו מיר זאָגן, וועל איך בעסער אַכטונג געבן אויף די זאַכן.

— גוט, ענטפער איך. איך דרעמל זיצנדיק, אָבער מיט די פיס און מיט די הענט פיל איך אַלע מיינע פּעקלעך. מיר פאָרן פאַרביי אייניקע קליינע סטאַציעס. עס ווערט עטוואָס גראָמער. מיר עסן וואָס פון טוט. אַ שכן גיט אונז פון אַ טשייניק צו טרינקען געקאָכט וואַסער.

— באַלד קומען מיר צו אַ סטאַציע — זאָגט איינער הויך — פון דאָרטן וועלן מיר אָפּפאָרן אַ ביסעלע ענגער. און ער צעלאַכט זיך. נאָך דעם געלעכטערל פילט זיך, אַז ער איז באַהאַוונט אין דעם וואָס ער רעדט, און, אַז דאָס „ביסעלע" וועט זיין אַ רעכטס.

— קען דען זיין ענגער, ווי מיר פאָרן יעצט? — פרעגט מיט פאַרווונדערונג אַ פרוי.

— אוי קען זיין ענג. קיין שיעור אויף דעם נישטאָ — גיט עמעצער אַ קרעכץ.

— אויב אַזוי, קען מען דאָך טאַקע מיט אַן אמת דער־שטיקט ווערן. מען דאַרף אין אונזער וואַגאָן מער קיינעם נישט אַריינלאָזן — שלאָגט פאָר אַ פּאַסאַזשיר.

— וואָס, נישט אַריינלאָזן — קען נישט פאַרליידן אַ צווייטער — מענטשן וואַרטן גאַנצע מעת לעתן אויף אַ צוג, דערנאָך זיי נישט אַריינלאָזן, מען טאָר דאָס נישט.

— אומזיסט רעדט איר דאָרט, רופט זיך אָפּ דער פּאַסאַ־זשיר, וואָס האָט אַלעמען אָנגעזאָגט די גוטע בשורה — קיינער פרעגט נישט, אַלע קריכן, ווי אמתע טייוולאָנים, און פּרוביר נאָר נישט לאָזן...

איך מיט פּאָפּן רוקן צו נענטער די פּעקלעך, מען זאָל זיי נישט צעטרעטן, און מיר מאַכן זיך גרייט אויסצוהאַלטן דעם גרעסטן שטורם.

דער צוג קומט פּאַמעלעך צו צו אַ גרויסער סטאַציע. אַ געוויש פון זידלערייען, געשרייען און גוואַלדן דערטראָגט זיך צו אונז, און איידער די באַן שטעלט זיך איינגאַנצן אָפּ, ווערט אין וואַגאָן פינסטערלעך. דאָס פאַרשטעלן די ליכטיקייט די יעניקע, וואָס קריכן צו אונז דורך די פענסטער. דער גאַנצער וואַגאָן מענטשן, און איך מיט פּאָפּן אין מיטן, וויגן זיך, וואָ־רום פון אַלע זייטן שפּאַרט מען, און וואָלט מען געשפּאַרט נאָר פון איין זייט, וואָלט מען אונז אַרויסגעזעצט מיט דער וואַנט איינעם. מיט אַזאַ קראַפט דרינגען אַריין די נייע פּאַ־סאַזשירן אין וואַגאָן. דער עולם שרייט, קעמפט, נאָר עס גייט אַראָפּ בשלום. עס ווערט ענג און הייס, זיצן קען איך שוין נישט. די זאַכן ליגן ביי אונזערע פיס כמעט ווי גאַנץ. מיר זענען אָבער מונטער. מער קיין געפערלעכע סטאַציעס וועלן מיר שוין נישט האָבן, און באַגינען זענען מיר אויף אַן אָרט.

מיר פאָרן שוין לאַנג. אין וואַגאָן איז טונקל. פּאַפּע

דערמאָנט מיר יעדע ווײַלע, איך זאָל היטן די זאַכן און נישט פאַרגעסן... וואָס נישט פאַרגעסן פאַרשטיי איך. דאָס מיינט ער די איינגעניייטע געלט, וואָס איך טראָג אין העמד אויפן בויך. אויפן הארץ טויג נישט. ווער ווייסט נישט, דאָס אויפן הארץ פאַרנייט מען געלט?

— גנבים און לײַז פעלן ערשט נישט אין די וואַגאָנעס-- זאָגט צו זײַן שכן אַן אַלטער.

— וואָס, ס'פעלט פון דעם מין? — רופט זיך יענער אָפּ.

— און געפּעקלעכע זענען זיי — מישט זיך אַרײַן אין געשפּרעך אַ דריטער — איך האָב איין מאָל פאַרנייט מײַן געלט אין די אונטערוועש אויפן רוקן, וואָס זיך דאָ שעמען... איך האָב טאַקע פאַרנייט אַ סך נידעריקער, ווי אויפן רוקן... און וואָס מיינט איר? האָב איך זיך טאַקע אויפגעכאַפּט מיט אַן אויסגעשניטענעם געזעס... אַזוי' אַז איך האָב אין וואַגאָן געמוזט אַ לאַטע לייגן און פון די געלט קיין זכר...

עמעצער צעלאַכט זיך. גלייך וואַרפן זיך אויף אים עט-לעכע אַרויף:

— דו לאַכסט... מיט וועמען האָבן אַזוינע מעשיות נישט געטראָפן? שיסן איז זיי ווייניק, די באַנדיטן, ווען מען כאַפּט זיי.

— ווו וועסטו זיי שוין כאַפּן — זיפצט אָפּ מיט מרה שחורה דער געליטענער.

מיר מאַכט זיך אַוועקצוזעצן אויף אַ פּעקל, און איך שלאָף איין. מיך וועקט אויף אַ געשריי: „האַלט אים"! אין וואַגאָן איז פולשטענדיק פינסטער.

— וואָס? וואָס האָט פּאַסירט? פרעגן אַלע צושראָקן.

— אוי, מײַן ביסל אָרים געלט האָט מען מיר אויסגע-שניטן — וויינט אויפן קול אַ פרוי. זי צעכליפּעט זיך אַלץ מער, און טענהט, פאַרוואָס האָט מען זי געלאָזט באַגנבענען, פאַרוואָס האָט מען אים געלאָזט אַנטלויפן...

— וואָס האָסטו טענות — ווענדעט זיך צו איר פון אַ ווינקל אַ שטאַרקע מענער-שטימע — ווער איז דאָ שולדיק,

אַז דו האָסט נישט געזען און נישט געפילט, טאָ וואָס האָבן מיר שוין געקענט וויסן...

— וואָס האָט איר אים געלאָזט אַנטלויפן ? באַרוהיקט זיך נישט די פרוי.

— ווער האָט אים געזען, דעם גנב — ענטפערן איר עטלעכע שטימען מיט אַמאָל — די באַן גייט דאָך. ווו האָט ער געקאָנט אַנטלויפן,.. נאָר גיי זוך אים ערשט..

די קריסטן וויינט.

— פון וואַנען האָט מען אויסגעשניטן דיין געלט — גיט איינער אַ פרעג.

— פון קלייד. אין זוים פון קלייד פאַרנייט. געמיינט, ווען וועט עס איינפאַלן דאָרטן צו זוכן. און נישט לאַנג צוריק איז עס נאָך געווען. איידער איך האָב איינגעדרימלט, האָב איך עס אָנגעטאַפּט...

— אָט טאַפּן טאָר מען נישט... אַז דו רירסט דאָס אָרט, ווייזסטו דאָך אַליין אָן דעם גנב — מאַכט איר ווער אַ שפּעטע אזהרה.

— לייבקע, פרעגט פּאַפּע, דו שלאָפסט ? — ניין, ענטפער איך, איך פאַרשטיי, אַז מיינען מיינט ער, צי ביי מיר האָט מען אויך נישט אויסגעשניטן דאָס געלט, און נאָך מיין „ניין" פילט ער, אַז דאָס געלט האָב איך, און ער איז רוהיק.

איך דרעמל נאָך אַ ביסל. — לייב, לייגט פּאַפּע אַרויף די הענט אויף מיין אַקסל, מיר וועלן שוין באַלד זיין אויף אַן אָרט. לאָמיר זיך צוגרייטן אַרויסקריכן. אַנישט, גאָט ווייס, ייו מיר קענען פאַרפאָרן.

מיר נעמען די זאַכן אין די הענט. צו איטלעכן, וואָס שטייט אונז אויפן וועג, זאָגט פּאַפּע : „אויף דער ערשטער סטאַציע קריך איך מיט מיין זון און מיט די פּעקלעך אַראָפּ, איר וועט קענען פאַרנעמען אונזער אָרט, אָבער איר מוזט זיך עטוואָס פאַרענגען, אונז דורכלאָזן". נישט קוקנדיק אויף דער גינסטיקייט פון פּאַפּעס פאָרשלאַג, לאָזט מען אונז דורך גאָר־נישט פריינטלעך ; עס געדויערט לאַנג, ביז מיר קומען

אביסל נענטער צו דער טיר. דאָ לאָזט מען אונז ווייטער נישט גיין. „מיר קריכן אויך אַרויס". מיר האָבן אַ חשד, אַז דאָס איז נישט אמת. „אויב זיי מיינען אונז אָפּנאַרן — זאָגט צו מיר פּאַפּע — וועט זיי דאָס נישט לוינען — צי זיי ווילן, צי נישט. מיר וועלן זיי שוין אַרויסשטופּן". נאָר איידער דער צוג שטעלט זיך אָפּ, הייסן זיי אונז זיך דורכשפּאַרן פאַרביי זיי.

עס איז איצטער אַ פריאיקער מאָרגן. אויף דער פּלאַט-פאָרמע שטייט אַ ווילד געדראַנג. מיך מיטן פּאַפּן האַלט מען אין איין צעטיילן. אונזערע הענט זענען פאַרנומען, און כּדי זיך נישט צו פאַרלירן, האַלטן מיר זיך אין איין צוזאַמענשרייען. מיר האָבן אַפילו נישט געוווסט, צי מען האָט בײַ וועמען גע-זוכט אין די זאַכן. די שטופּעניש איז געווען אַזוי גרויס. דאָס מיר האָבן גאָרנישט באַמערקט, ווי מיר זענען פאַרביי די טירן פון וואָקזאַל.

אין שטאָט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז געראויכערטע פיש-לעך זענען נישט מיט גאָלד צו גלייך. פונדעסטוועגן האָבן מיר זיי נישקשה פאַרקויפט, אָבער דאָס האָט אונז געדויערט אַ גאַנצן טאָג, און געקומען פון דעם זענען מיר טויט מידע. געגעכטיקט האָבן מיר ביים „פוזאַנאַטשעקס" קרובים, וואָס ער האָט אונז רעקאָמענדירט, אַלס מענטשן, וועלכע מען קען נישט געפינען נאָך אַזעלכע אונטער דער זון. מיר האָבן אַרויסגע-טראָגן, אַז אונטער דער זון קען מען נאָך יאָ געפינען אַזעלכע מענטשן, און פאַרן נעכטיקן האָבן זיי ביי אונז גענומען, לויט אונזער מיינונג, אַביסל צו טייער. אויף מאָרגן האָבן מיר זיך איבערצייגט, דאָס צוקער קאָסט דאָ טייערער, ווי מיר האָבן גערעכנט, און פּאַפּע האָט שוין אַפילו נישט געוואָלט קויפן. נאָר איינער האָט אונז אַ גוט וואָרט געזאָגט: „איר זייט דאָך פון דער היים דעם דריטן טאָג, פון וואַנען ווייסט איר, וויפל עס האַלט ערשט דאָרט דער פּרייז, פון אַלע מאָל איז ביי אונז צוקער ביליקער, ווי אַנדערשוווּ, איר וועט געוויס גוט פאַרדי-נען". האָט פּאַפּע זיך באַרעכנט און ביי אים געקויפט צוקער. ביי אַ צווייטן האָבן מיר איינגעהאַנדלט אַ פּאַרטיע גאַטקעס

און איינגעבונדן די גאַטקעס, מיט צוקער געמישט, אין עטלעכע פּעקלעך.

אויפן וואָקזאַל זענען מיר געקומען מיט פינף שעה פריער. אויף אַ בילעט האָבן מיר לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן, ווייל גלייך ווי מיר זענען אַהער געקומען צופאָרן, האָבן מיר אַוועקגעשטעלט אַן אַלטן יידן אין „אָטשערעד". דאָס אַריינקריכן אין באַן איז אונז אָנגעקומען מיט גענוג שרעק. דאָ האָבן מיר נישט געהאַט קיינעם, ווער עס זאָל אונז העלפן, אָבער עס איז אַראָפּ בעסער, ווי מען האָט געקאָנט האָפן. מיר איז קיין זאַך נישט אויסגעקומען צו טון. איך האָב נאָר געהאַלטן די זאַכן אין די הענט און געשריען „פּאַפּע", ביז מען האָט מיך מיט מיינע פּעק אַריינגעטראָגן אין וואַגאָן. דאָרט האָב איך דערהערט, ווי מען שרייט „לייבקע" און זיך דערפרייט. אַז די באַן איז אַוועק, האָב איך געפּרוווט זיך צורוקן צו פּאַפּן, נאָר די אַרומיקע האָבן אָנגעהויבן מאַכן געוואַלדן: „אַזאַ קליינער, און זעט, מיט וואָס פאַר אַ כוח ער שטויסט זיך שוין". איך האָב געמוזט אויפהערן.

מיר וואָלטן אַזוי דערפאָרן ביז אַהיים (וואָס איז אונז דען שלעכט געווען?), אָבער אויף אַ סטאַציע האָבן עטלעכע עסטרייכער, אָפיצירן און סאָלדאַטן, זיך באַדאַרפט זעצן אין צוג. האָבן זיי צווישן אַזויפיל וואַגאָנעס נישט געפונען קיין אַנדערן, ווי אונזערן צו פאַרנעמען, און באַפוילן באַפרייען זיי אַן אָרט. אַ ברירה האָט מען? זענען די נאָנטסטע ביי דער טיר גלייך אַרויסגעקראָכן, און די איבעריקע האָבן זיך צונויפגעפרעסט, כדי צו מאַכן פלאַץ פאַר די אַכט עסטרייכער. נאָר לויט זייער מיינונג, איז נאָך ווינציק אָרט געווען, און נאָך אַ טייל פּאַסאַזשירן האָבן געמוזט אַרויסגיין. דערווייל האָבן מיר מיט פּאַפּן זיך צונויפגעטראָפן, און האָפן מיטן לעצטן רעשטל פּאַסאַזשירן, אַז ביז איינעם וועט מען נישט אַרויסטרייבן. עס איז דאָך שוין דאָ אָרט פאַר אַכט מענטשן כאָטש צו טאַנצן. און זיי שרייען ווייטער — „רוסישע שווייניען, שנעלער פאַרלאָזט דעם וואַגאָן". מאַכט פּאַפּע צו מיר: „מיר קענען זיי

דאָך, לאָמיר נעמען די פעקלעך". גיך אַרויס פון וואַגאָן, מיר לויפן הין און הער. די וואַגאָנעס זענען פאַרלייגט ביז די טרעפלעך, און אַ גרויסער עולם בלייבט אויף דער פלאַטפאָרם. נישטאָ קיין האָפענונג.

— פּאַפּע, שריי איך, אָט איז אַ גוטער פענסטער. מיר קריכן!

מיר צווייפלען, אויב דאָס קען זיך איינגעבן, אָבער די שרעק צו בלייבן אויף דער סטאַציע איז ביי אונז אַזוי גרויס, דאָס מיר פּרובירן.

— קריך, לייבקע! — ניין, ענטפער איך, דו, פּאַפּע, קריך דער ערשטער. איך וועל אַלע מאָל באַווייזן.

פּאַפּע כאַפּט זיך אָן מיט די הענט אָן פענסטערל, איך כאַפּ אים פאַר אַ פוס און הייב אים — קריך, הויב זיך אויף אויף די הענט — שריי איך, דאָס אָבער קען פּאַפּע נישט, אָדער ער פאַרשטייט מיך נישט. לסוף געלינגט אים דאָך אריינצוקריכן אין פענסטערל, איך שטופּ אים, שטעל אונטער דעם רוקן. באַלד הער איך, ווי פון אינעווייניק שרייט עמעצער, אַז מען האָט אים דערהרגעט. פאַרשטיי איך, אַז עס איז גוט: פּאַפּע איז אין וואַגאָן. איך כאַפּ זיך צו די פעקלעך, וואַרף זיי איינס נאָכן אַנדערן, פּאַפּע כאַפּט זיי אויף. מען שרייט, מען זידלט — וועמען אַרט עס. שנעל כאַפּ איך זיך אָן פאַר דער ראַם פון פענסטערל, הויב זיך אויף אויף די הענט, פּאַפּע שלעפּט מיך פאַרן קאָפּ, פאַרן רוקן, פאַר די פיס, איך בין אינעווייניק, דער צוג איז אַוועק.

מיר זענען שרעקלעך צופרידן, אָבער אַזוי מיד, אַז מיר רעדן נישט קיין וואָרט אַ לאַנגע צייט.

אויפן וואָקזאַל האָבן שוין מישאַ, פריידקע און דאָד אויף אונז געוואַרט. זיי האָבן צוגענומען אונזער סחורה.

— פאָרזיכטיק, קינדער — זאָגט פּאַפּע — עס קען דאָ אַמאָל ווערן אומזיסט אונזער גאַנצע האָרעוואַניע. מיר זענען אָבער געניט, שנעל זיך צעטיילט מיט די פעקלעך. מיך האָט אַ היידאַמאַק אָפּגעשטעלט ביי דער טיר. איך האָב זיך געמאַכט

ניִשט הערנדיק, און הויך שרייענדיק „מאַמע״ זיך געלאָזט לויפֿן נאָך עפּעס אַ פּרוי. אין שטוב זענען מיר געקומען בשלום, זיך גלייך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף דער אכילה, און דערנאָך לאַנג דערציילט וועגן אונזער יאַזדע.

14. דער „פּלעניק"

מיט דער זעלבער אומגעריכטקייט, מיט וועלכער די עסטרייכער האָבן אונז פאַרנומען, זענען זיי ערשט אוועק. מען זאָגט, דאָס ביי זיי אין לאַנד גופא טוט זיך מעשים, און דעריבער האָט מען זיי אָפּגערופן. אויף זייער אָרט זענען אָנגעקומען אנדער מיליטער, דאָסמאָל שוין אייגנס, רוסיש. זיי רופן זיך „ווייסע". די נייע מאַכט וויל אַלץ איינשטעלן אויף צוריק, ווי עס איז געווען פאַר דער רעוואָלוציע. ווען איך, מישא און דאָד האָבן היינט דורכגעשפּאַצירט די שטאָט, זענען מיר געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז בלי ספק וועלן די ווייסע זיגן. אין שטאָט האָבן מיר כמעט נישט געטראָפן קיין סאָלדאַטן, מיר האָבן געזען אַ גאַנצן פאָלק מיט ביקסן אויף די פּלייצעס, ווו יעדער זעלנער האָט געטראָגן דעם מונדיר אין שליפעס פון אַן אָפיציר. האָט מישא געזאָגט, אויב אַזוי, ווען יעדער סאָלדאַט איז ביי זיי אַן אָפיציר, אָדער אַ קאָזאַק, מוזן זיי דאָך קאָנען גוט זיך הרגענען. טאָ ווי וועלן שוין די „רויטע" זיי קאָנען בייקומען?

אויף דער הויפּט-גאַס אין אַ שוי-פענסטער האָט מען אַרויסגעהאָנגען א גאָר גרויסע קאַרטע פון רוסלאַנד. פון אויבן איז אויפגעשריבן „די גרויסע נישט טיילבאַרע רוסלאנד", און מיט אַ רויטן פאָדים, וואָס איז אַרויפגעשטאָכן מיט שפּילקעלעך, איז אָפּגעטיילט דער טייל לאַנד, וואָס איז שוין אָפּגענומען פון די באָלשעוויקעס. אויסער אונזער פאָדים, איז דאָ נאָך אַ פאָדים, וואָס גייט פון סיביר, און אים פירט אַן אַדמיראַל. מען זאָגט, אַז ווען יענער אַדמיראַל וועט זיך פאַראייניקן מיט

אונזער גענעראַל, וועט דער נצחון זיין אַ געזיכערטער. יעדן טאָג גייען מיר זאַלבעדריט זען, וואָס עס הערט זיך מיטן רויטן באַוול, און יעדן טאָג האַלט ער זיך אין איין רוקן פאָרויס.

נישט קוקנדיק, וואָס דער באַוול גייט אַלץ פאָרויס און די צייטונגען דערציילן וועגן איין נצחון נאָכן אַנדערן איבער די „רויטע", איז ביי אונז אין שטאָט זייער אומרוהיק. מען רעדט, אַז ערגעץ דאָ נישט ווייט, אויף דער טעריטאָריע גופא פון די „ווייסע", זענען ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן באַוואָפנטע אָטריאַדן, וועלכע מען רופט „פאַרטיזאַנער", און וואָס דריקן פון אינעווייניק די „ווייסע", פאַרנעמענדיק אין אַ קרייז אַרום זיך אַלץ אַ גרעסערע געגנט. אונז פרייט דאָס נישט. אַז די „ווייסע" זענען דאָ שוין געווען, האָבן מיר געוואָלט, אַז זיי זאָלן בלייבן און מיט דעם זאָלן זיך ענדיקן אַלע אונזערע שרעק. איצט פילן מיר, אַז עס צעפלאַקערט זיך אַ נייע שפּיל, וואָס זעט אויס צו זיין אַ סך שרעקלעכער און געפערלעכער פאַר דער אָקאָרשט געענדיקטער מלחמה.

עס איז אָקאָרשט ארויף דער אָוונט. די „ווייסע" האָבן פון העלער הויט פאַרלאָזן די שטאָט. מיר זיצן אלע אין שטוב. די טויערן פון הויף זענען פאַרשלאָסן. די גאַסן זענען פוסט. אַלע האָבן מורא פאַר דער קורצער צייט, ווען איין מאַכט פאַרלאָזט די שטאָט און די אנדערע האָט נאָך נישט באַוויזן אַריינצוטרעטן, די שטאָט געהערט צו קיינעם נישט. אין דעם פאַרלויף קומען פאַר אַלע מינים רויב-אָנפאַלן. דאָס קענען אויספירן די לעצטע פון די אָפּטרעטנדע, די ערשטע פון די אָנקומענדע און סתם היגע באַנדיטן.

עס איז שטיל נאָך אַ לאַנגער האַרמאַטן-שיסעריי. עס איז שוין פינסטער. אָנצינדן ליכט האָבן מיר מורא. די גאַנצע שטאָט זיצט ערשט אין דער פינסטער. מיר זיצן אין קלעמונג, וואַרפן זיך דורך מיט אַ פּאָר ווערטער, ווערן אַנשוויגן. וואָס

צו ריידן האָבן מיר ערשט נישט מיר פילן, ווי עס רוקט זיך אויף אונז אַ געפאַר, מיר ווילן זי גיכער איבערקומען, און וואָס ווינציקער פון איר ליידן. די שטילע לופט איז אָנגע־שטרענגט. פלוצלונג ציטערן מיר אויף. אַ קוילנוואַרפער הייבט אָן צו שטעפן מיט אַ געלאַסענער האַסטיקייט אין דער שטיל־קייט. צו אים שטייט צו אַ צווייטער, אַ דריטער, און באַלד פאַרלירן מיר שוין זייער צאָל. מיר הערן נאָר דעם האָגל, וואָס קלאַפּט ריטמיש איבער אונזערע קעפּ און האַלט זיך אין איין דערנענטערן. באַלד מישט זיך צו אַ טרוקענע ביקסן־שיסעריי, אַ קלאַנגיקער אָפּהילך פון האַנט־גראַנאַטן. דער רעש וואַקסט, פילט אָן אונזער קאַמער, אונזערע אויערן, אונזער האַרץ, לאָזט אונז נישט איינזיצן, טרייבט ערגעץ־ווו צו לויפן, זיך צו באַהאַלטן, זיך ראַטעווען. וווהין צו לויפן איז נישטאָ. מיר קאָרטשען זיך איין יעדער אין זיך, ווי ווען־לנדיק ווערן קלענער, פאַרשווינדן פון טויט, וועלכער גייט אויף אונז. מיר דריקן זיך אַלע צוזאַמען אין איין ווינקל פון צימער, מיר בייגן זיך איין צו זיין נידעריקער פאַר די פענסטער, מיר פרעסן זיך איינער צום אַנדערן און אַלע צו דער געמויערטער וואַנט.

קיינמאָל האָבן מיר נאָך אַזעלכעס נישט געפילט. די מלחמה איז אַ טריט פון אונז, דאָ הינטערן פענסטער. מיר הערן פערד און רעדער אויפן ברוק, אונז דאַכט זיך גע־שרייען, ווילדע קולות, די לופט אַרום ציטערט, צעשפריצט זיך ווי גלאָז, די פענסטער שפּרינגען. אָט־אָט איז דער טויט. מיר זענען צענויפגעפרעסט אין איין שטיק, מיט איין האַרץ, וואָס קלאַפּט, מיט איין ציטער פאַרבונדן. די שרעק וואַקסט ביי אונז אַלעמען, אָדער לאָזט אונז אַלעמען אָפּ אין דער זעלבער רגע... לאַנג ציט זיך אַ נאַכט...

ווען עס קומט די שטילקייט, גלויבן מיר זיך אליין נישט. מיר האַלטן זיך נאָך לאַנג אין ווינקל. אַז עס הייבט אָן צו טאָגן, וואַרפן מיר זיך אין די קליידער אין די בעטן און שלאָפן איין.

אין שטאָט גייען ערשט די „מאַכנאָווצעס" פון שטוב צו שטוב, זוכנדיק געווער, און נעמען דערווייל צו, וואָס זיי געפעלט. מיר שרעקן זיך נישט פאַר דעם. וואָס פאַרמאָגן מיר שוין אַזוינס, וואָס זיי זאָל לוינען צונעמען. דאָס ביסל גוטע זאַכן, וואָס מיר האָבן געהאַט, האָבן מיר שוין לאַנג פאַרקויפט און אויפגעגעסן, אַזוי אַז מער ווי טרענטעס איז אונז נישט געבליבן. מיר זיצן אַלע ביים טיש און עסן. מיט אונז עסט איינער אַ „פלעניק", וואָס פאַרט פון דייטשער געפאַנגענשאַפט. ער איז געבליבן שטעקן ביי אונז אין שטאָט, ווייל די „פּאָווסטאַנצעס" האָבן איבערגעשניטן די וועגן, און די צוגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. ער נעכטיקט אין שול און עסט ביי אונז שוין אַ וואָך צייט. מיר האָבן זיך מיט אים זייער גוט באַפריינדעט, און ער פאַרברענגט אָפט ביי אונז.

דער מיטאָג באַשטייט היינט פון מילכיקע גרויפּן מיט בולבעס. צו דעם האָבן מיר הערינג מיט ברויט. די גרויפּן זענען גוט איינגעברענט, דער הערינג מאַכט אַפּעטיט. מיר שמעקט דאָס עסן זייער גוט. איך עס מילכיקע גרויפּן אַלע מאָל אַזוי: פריער שעפּ איך אויס די געדיכטע, דערנאָך די שיטערע. מישא עסט ריכטיק פאַרקערט: פריער די שיטערע, שפּעטער די געדיכטע. דאָד נעמט אָן אין לעפל אַלץ מיט אַמאָל. מיך אינטערעסירט, ווי עס עסט דער „פלעניק". איך קוק זיך צו און קען נישט כאַפּן. אַ ביסל עסט ער, ווי איך, אַ ביסל — ווי דאָד.

— איך קען זיך שוין ביי אייך רעכענען, אַלס גאַסט — זאָגט דער „פלעניק", וועלכער זיצט לעבן דאָדקען און עסט געשמאַק. איצט פאַר איך אומגעשטערט אַהיים. די גאַנצע געגנט געהערט שוין צו די „מאַכנאָווצעס". אַ טאָג צוויי הויבן אָן גיין צוגן, עטלעכע שעה, און איך בין ביי מיין ווייב.

— אָט וועט איר זיין אַ גאַסט — זאָגט מאַמאַ — זי מוז שוין גוט וואַרטן אויף אייך.

— נישט נאָר זי אַליין — שמייכלט דער „פלעניק", מיין זון וואַרט שוין אויך אויף מיר. איך האָב אים איבערגעלאָזן

אין די ווינדעלעך, און איצט שרייבט מיר מיין פרוי, אַז ער מאַרשירט שוין אַרום, פרעגט, ווען וועט קומען פּאַפּאַ, און אַז זיינע הערלעך האָבן זיך געביטן אויף טונקעלערע און די אייגעלעך זענען העלער געוואָרן...

— אסתּר, ווענדעט זיך פּאַפּאַ צו מאַמאַ — דערגיס אים, ער האָט דאָך שוין אַ ליידיקן טעלער, דערנאָך וועט ער דער-ציילן זיין ווייב, אַז מיר האָבן אים נישט געגעבן עסן.

דער „פּלעניק" לאַכט און פרוווט פאַרשטעלן זיין טעלער, אָבער מאַמאַ גיסט אים פּאָרט צו געקעכטס, זאָגנדיק — „עס וואָלט טאַקע היינט געפּאַסט לכּבוד אייך צו מאַכן אַ בעסערן מיטאָג, נאָר איך בין נישט שולדיק. היינט איז דאָך אין שטאָט גאָרנישט צו קריגן".

— וואָס רעדט איר — מאַכט מיט אַן ערנסטער מינע דער „פּלעניק", קען שוין בעסער זיין, ווי אַזאַ טעלער גרויפּן מיט הערינג. איך וואָלט עס נישט אויסגעביטן אויף אַ גע-בראָטענעם אינדיק.

— ווען איך וועל אַריינפאָרן צו אייך — זאָגט פּאַפּאַ — וואָלט איך פונדעסטוועגן געוואָלט צום מיטאָג אַ געבראָטענעם אינדיק.

— אָט דאָס וואָלט טאַקע געווען גוט — כאַפּט זיך אָן דער „פּלעניק", אומבאַדינגט מוזט איר פאַרפאָרן צו אונז צו גאַסט. מיין פרוי וועט זיין זייער צופרידן. איך וועל איר שוין אַלץ וועגן אייך דערציילן, איך האָב אַ סך צו דערציילן, נישט נאָר דאָס אַליין, אַז איר האָט מיך פאַרהונגערט...

ער לאַכט, און מיר אַלע לאַכן מיט אים. מיר זאָגן אים צו, אַז בשעת מיר וועלן פאָרן אַהיים, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויפן וועג ביי אים, און קיינער פון אונז טראַכט גאָרנישט, צי מיר דאַרפן גאָר פאַרביי פאָרן זיין שטאָט, צי נישט.

— מען מעג ריידן, אָבער מען טאָר נישט פאַרגעסן אָן עסן — דערמאָנט פּאַפּאַ, און אַלע שעפּן אָן לעפלען גרויפּן.

איך, מישא און דאָר באַווייזן אויסצוזופן דאָס אָנגעשעפּטע, אַלע איבעריקע בלייבן מיט די לעפּלען אין די הענט.

דורך דער טיר, נישט אָנקלאַפּנדיק, זענען אַריין צוויי מאַכנאָווצעס, אָנגעטון אין אַ געמיש פון ציווילע און זעלנערישע קליידער, זיי קוקן אונדז שטרענג אָן, און איינער גיט אַ זאָג:

— גיט אָפּ אייערע באַהאַלטענע געווער.

— ווי קומט צו אונדז געווער — רוקט זיך אַרויס פּאָרויס פּאַפּאַ — מיר זענען אַ פאַמיליע היימלאָזע מיט קליינע קינדער.

זייערע אויגן שאַרן אַרום דעם צימער, נעמען דורך איטלעכן פון אונדז און בלייבן אויפן „פלעניק", וועלכער האָט זיך שוין אויפגעשטעלט פון זיין אָרט און שטייט לעבן שטול.

— ווער ביזטו? פרעגט אים איינער שאַרף.

איך בין אַ געוועזענער סאָלדאַט. איך קער זיך אום פון געפאַנגענשאַפט — זאָגט דער „פלעניק".

— טאָ ווי קומען צו דיר אָפיצירישע הויזן – גיט דער מאַכנאָוועץ אַ טייטל מיטן פינגער אויף דעם „פלעניקס" פיס.

דער „פלעניק" נעמט צו די הענט פון קערפּער, באַקוקט זיך אַליין, ווי מען וואָלט אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אַ זאַך, וואָס ער האָט נישט געוואוסט, און ענטפערט:

— איר זייט אַליין סאָלדאַטן, איר ווייסט דאָך, אַז מען טראָגט, וואָס מען קריגט. די הויזן האָב איך באַקומען אין לאַגער, וועמען זיי האָבן געהערט, ווייס איך נישט... די מאַכנאָווצעס קוקן אויף אים מיט חשד, מען זעט, אַז זיי גלויבן נישט זיינע רייד.

— גלויבט מיר חברים... הויבט אָן דער „פלעניק".

— וואָס פאַרע חברים זענען מיר דיר, ווייסער הונט — ברומט אויס דער מאַכנאָוועץ, וואָס האָט דער ערשטער אָנגעהויבן זיך טשעפּען צום „פלעניק", און דערלאַנגט אים אין פּנים מיט זיין אָפענער האַנט.

אויפן „פלעניקס" געזיכט באַווייזט זיך בלוט, אונטער דעם בלוט צעלייגט זיך אַ טויטע בלאַסקייט. ער פאַרלירט זיך, ער הויבט אָן מיט די פינגער אָפּווישן דאָס בלוט, וואָס רינט

פון נאָז, און ער שטאַמלט צו די מאַכנאָווצעס אין דער שראָקענער איילעניש ווי מורא האָבנדיק, אז מען זאָל אים נישט איבעררייסן און נישט לאָזן ענדיקן, וויפל ער האָט זיך אָנגעליטן אויף דער מלחמה און אין דער געפאַנגענשאַפט, ווי גליקלעך ער איז יעצט צו פאָרן אַהיים, ווי דאַנקבאַר ער איז זיי, וואָס זיי האָבן פארנומען די שטאָט און אים געמאַכט א וועג צו זיין פרוי און קינד. „איר קענט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי איך האָב געוואַרט אויף אייך"! שרייט ער אויס, זיי אָנכאַפנדיק פאַר די אַרבל.

— מיר שטעלן זיך שוין פאָר, ווי דו האָסט געוואַרט אויף אונז... שטופן אים אָפּ מיט חוזק די מאַכנאָווצעס, און הויבן אים אָן צו שלאָגן מיט די פּריק-אָדן פון זייערע ביקסן.

— שלאָגט מיך נישט! — שרייט מיט שרעק דער „פּלעניק", איך האָב א קליין קינד.

— גאָט איז מיט אייך — שטרעקט מאַמאַ די הענט צו די זעלנער — האָט רחמנות אויף אַן אומגליקלעכן מענטשן, לאָזט אים אָפּ.

— וואָס מישסטו זיך דאָ, גיט אַ מאַכנאָוועץ אַ טופּע מיטן שטיוול צו מאַמאַ — פרייט זיך, וואָס מען טשעפּעט אייך נישט פאָרן באַהאַלטן א ווייסן הונט —

— אָט האָב איך דאָקומענטן — נעמט דער „פּלעניק" עפּעס ציען פון בוזים.

— מיר ווייסן — קום מיט אונז.

— וווּהין? — פרעגט דער „פּלעניק" מיט אימה אין די אויגן.

— דאָ נישט ווייט — קום!

זיי הויבן אים אָן שטופּן צו דער טיר.

— לאָזט מיך נישט אָפּ, לאָזט מיך נישט אָפּ — דרייט זיך אויס דער „פּלעניק" אין די הענט פון די מאַכנאָווצעס, זיך ציענדיק צו אונז — זיי ווילן מיך שיסן...

— האָט רחמנות — גייט צו נענטער צו די זעלנער פּאַפּע, טוט נישט קיין שלעכטס אַן אומשולדיקן מענטש.

— דו ווילסט, טרעט אָן מיט צאָרן אַ מאַכנאָווער אויף פּאַפּן, מיר זאָלן דיך אויך מיטנעמען...

— ווהין, ווהין — וויינט דער „פּלעניק", ווהין פירט איר מיך! און ער שפּאַרט זיך איין מיט אַלע כוחות אין די אָרעמס פון די, וואָס שלעפּן אים.

— דאָ... אין קאָמענדאַנטור... גיי... רייסן זיי אים מיט געוואַלד.

— האָט רחמנות, שטרעקט צו אונז די הענט דער „פּלע-ניק", לאָזט מיך נישט טויטן...

מיר זעען, ווי די מאַכנאָווצעס פירן אַרויס דעם „פּלעניק", מיר ווילן אים ראַטעווען, אָבער וואָס זאָלן מיר טון? איז נישטאָ אויף דער וועלט אַזאַ וואָרט, וואָס מיר זאָלן זיי ערשט קענען זאָגן און זיי זאָלן דעם אומגליקלעכן אָפּלאָזן? אָדער מיר ווייסן נישט דאָס וואָרט?

נישט ווייט פון אונזער פענסטער ליגט אין אַ ים בלוט, מיט אַ קויל אין האַלז דער „פּלעניק". ער איז טויט. ער דאַרף מער גאָרנישט. פון צייט צו צייט רינגלען אים אַרום מענטשן, באַקוקן אַ ווײַלע, און גייען אַוועק אָן אַ וואָרט. צום אָוונט בלייבט ער אַליין. ער ליגט מיט נאַקעטע פיס, דער פנים צום הימל. אַ הונט, וואָס האָט זיך באַוויזן פון ערגעץ, דערנענטערט זיך צו אים. מיר מאַכן קולות. דער הונט דער-שרעקט זיך, אַנטלויפט, אַלץ אויסדרייענדיק צו אונז זיין מאָרדע, ווי וואָרטנדיק, מיר זאָלן חרטה האָבן. — ווערסט זיך צ'רירן, וועל איך דיר אונטערהאַקן אַלע פיס! שרייט אים נאָך דאָדי.

אין הויף פאַרנעמט דער הרוג אַ קליין שטיקל פּלאַץ. אָבער מיר דוכט זיך, אַז פון רגע וואַקסט ער, דער טויטער קערפּער שפּרייט זיך און פילט אָן דעם גאַנצן הויף, די שטוב, די גאַנצע וועלט, אַלע אונזערע געדאַנקען זענען פול מיטן „פּלעניק". מיר זיצן אין דער פינסטער. אָבער איך זע דייטלעך ביי דעם נאַכטיקן ליכט דעם טיש, וואָס שטייט נישט געריירטערהייט. אָט איז דער טעלער, אין וועלכן ער האָט געגעסן, באַפּוצט מיט בלויע בלומען ביים ראַנד און אַ פייגעלע

מיט אויסגעשטרעקטע פליגעלעך אין מיטן. אויפן דעק איז נאָך דאָ אַ ביסל געקעכץ און אין אים שטעקט אַ נישט דערענדיקטער לעפל גרויפּן.

איך, מישא און דאָד רעדן זיך איבער אין דער שטיל, אונדז טוט זייער וויי דאָס האַרץ, וואָס מען האָט אַוועקגעהרגעט דעם „פלעניק”. מישא זאָגט, אַז נישט אַלע מאָל וועט אַזוי זיין, מענטשן וועלן נאָך זיין ברידער. איך דערמאָן זיך. איך האָב טאַקע געזען אין אַ בוך אַ בילדל, ווו אַ קינד אין אַ לאַנג העמדל מיט אַ לאָרבער צווייג אין האַנט האַלט לעבן זיך אַ לייב און אַ קו, אַ וואָלף האַרט ביי אַ שעפּסעלע. אַזוי ציען זיך זאָרט אין ליבשאַפט אַ לעמפּערט, אַ שלאַנג, אַן אָדלער, אַ פערד, אַ הונט, אַ קאַץ, אַ האָז, אַ מויז, און אַ קאַנאַריקל. אַלץ אַרום זיי בליט, און די זון שיינט.

15. מסחר

אונזער שטאָט באָמבאַרדירט מען, שוין אַ גאַנצער טאָג, זינט די מאַכנאָווצעס זענען אַנטלאָפן, אָבער די „ווייסע" גייען נישט אַריין. מיינען זיי, אַז דער קעגנער איז נאָך אין שטאָט, אָדער דאָס איז ביי זיי אַזאַ חשבון: אָנלערנען די איינוווינער — אונז איז עס אַ קנאַפּע נפקא-מינא. לאַנגע שעהן, ווי מיר זיצן און הערן זיך צו צום געהילך פון די האַרמאַטן. לכתחילה זענען מיר אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק און כאָטש געוואָלט לויפן אין אַ קעלער. איצטער האָבן מיר זיך שוין צוגעוווינט אַ ביסל. איך מיט דאָדקען פּרוּוון טרעפן דעם כּוח פון יעדן נייעם קלאַפּ. מישא זוכט זיך צו פאַרגעסן אין אַ בוך, פריידקע וויקלט פאַר מירעלען אַ פּופּע פון אַ קישעלע מיט אַ דעקע. מאַמאַ און די באָבע פאַרען זיך ביים דרייפוס, ווו עס קאָכט זיך דאָס עסן. די צען טעג, וואָס די מאַכנאָווצעס זענען געווען, האָבן מיר נאָר געהאָפט פון זיי פּטור צו ווערן. זיי זענען אַוועק, און אונז איז נישט היימלעך. מען שיסט ווייטער, מען שיסט לאַנג, אָן אויפהער...

דאָס לעבן אין שטאָט האָט זיך איינגעשטעלט גאַנץ נאָרמאַל. פאַר אונזער שטוב זענען אָבער געקומען שווערע צייטן. שוין לאַנג, ווי די פאַרדינסטן זענען קליין און זעלטן. איצט איז דערגאַנגען, דאָס מיר זענען געבליבן אָן אַ קאָפּיקע. מאַמאַ האָט אויסגעזוכט צוויי אויסגענייטע האַנטיכער. זיי זענען צופעליק פון דער באָבען געראַטעוועט געוואָרן אין יענעם טאָג, ווען אונזער הויז האָט אָפּגעברענט. מאַמאַ זאָגט, אַז די האַנטיכער האָט זי נאָך אויסגענייט מיידלווייז. אויף איין האַנ־

טוּך איז מיט שײנע אותיות, אַרומגעפּוצט מיט בלומען, אויפ־
געשריבן: „אויב דו ווילסט טיי טרינקען — זאָלסטו זיך נישט
פוילן די גלאָז צו וואַשן״. אויפן צווייטן איז אויסגעגייט, ווי
אַ מײדעלע אין אַ רויט היטעלע מיט אַ קערבעלע אין האַנט
גייט איבער אַ וואַלד און רעדט מיט אַ גראָען וואָלף. פאַר
דעם אָפּגעלייזטן געלט האָבן מיר געקויפט אַ קעסטל גילזן
און אַ פּעקל טאַבאַק, אַליין אויסגעפּילט פּאַפּיראָסן, און מיר
אַלע דרײ זענען אַוועק מיט דעם איבער די גאַסן. זאַלבעדריט
איז, ערשטנס, היימלעכער. צווייטנס — זיכערער. קיינער וועט
זיך נישט ערלויבן אַרויסכאַפּן ביי מישאן די פּאַפּיראָסן און
אַנטלויפן. חוץ דעם, איז עס פּאַרן געשעפט אויך אַ מעלה. עס
טרעפט — אַ קונה געפעלט נישט דער פּאַפּיראָס, אָדער דער
מקח. דאַן נעם איך צו פון מישאן דאָס קעסטל, יאָג אונטער
דעם קונה אויפן צווייטן טראָטואַר, אומבאַמערקטערהייט שנייד
איך איבער די גאַס און קום אים אַנטקעגן.

אַזוי ווי ער דאַרף דאָך פּאַפּיראָסן, שטעלט ער מיך גלייך
אָפּ. ער נעמט מיך אָן פאַר אַ נייעם פּאַרקויפער. נישט קוקנ־
דיק, וואָס דאָס זענען די זעלבע פּאַפּיראָסן און איך בעט
דעם זעלבן פּרייז, קויפט ער שוין ביי מיר. דאָס מאָל געפעלן
אים די פּאַפּיראָסן, דער מקח אויך: אַז אַ צווייטער בעט דאָס
זעלבע, מסתמא איז אַזוי דער פּרייז... טאָמער קויפט ער ביי
מיר נאָך אויך נישט, וואָס פּאַסירט אַפילו זעלטן, דאַן גיי
איך אַריבער אויפן צווייטן טראָטואַר, וווּ מישא און דאָד גייען
אונז די גאַנצע צייט נאָך, און איך זאָג: אַ זעלטענער מנובל,
גיי דו, דאָד, מיט אים האַנדלען. דאָד נעמט די פּאַפּיראָסן,
מאַכט דורך דעם זעלביקן מאַנעוור, וואָס איך, אָבער נאָך
פּאַרזיכטיקער, און קימט יענעם אַנטקעגן שרייענדיק: פּאַפּי־
ראָסן! גוטע פּאַפּיראָסן, זייער ביליק! און ביי דאָדן מוז ער
שוין קויפן. דאָס איז דאָך שוין דער דריטער. אויב נישט,
איז מיט אַזאַ סוחר נישטאָ וואָס צו מאַכן, און ער מעג שוין
גיין פון אונזערטוועגן, ווו ער וויל.

היינט האָט אָבער פּאַסירט אַזאַ געשיכטע. מישא מיטן

קעסטל פאפיראָסן, איך און דאָד פון ביידע זייטן, זענען גע־שטאַנען אויפן ראָג פון דער גרויסער גאַס. באַמערקן מיר, ווי פון דעם צווייטן טראָטואַר ווינקט צו אונז מיטן פינגער אַן אָפיציר, מיר זאָלן צוקומען. מישא דערפרייט זיך און לויפט שנעל צום אָפיציר, מורא האָבנדיק, אַז אַן אַנדער פאַרקויפער זאָל אים נישט אויסכאַפּן. ווי נאָר מישא מיט זיין פושקע פאַ־פיראָסן קומט נאָענט צום אָפיציר, שטעקט יענער אויס די האַנט, לאָזט מישאן אַראָפּ אַ פּאַטש און צעשרייט זיך, וואָס מישא פאַרקויפט נישט באַנדעראָלירטע פאַפּיראָסן. „דאָס מאָל, וואָרנט ער, לאָז איך דיך אָפּ, כאַפּ איך דיך אָבער נאָך אַמאָל, וועסטו שוין אַזוי לייכט נישט אָפּקומען".

אייגנטלעך, האָבן מיר גוט געמאַכט. מישא האָט טאַקע געכאַפּט אַ פּאַטש, אַז זיין באַק פלאַמט, אָבער די פאַפּיראָסן האָט יענער נישט צוגענומען, אַפילו נישט אויסגעשאָטן אויף דר'ערד. אָבער אויף מישאן האָט דער פּאַטש געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ער האָט אַריינגענומען די פושקע אונטער דער בלוזע און גלייך געגאַנגען אַהיים. אויפן וועג האָט ער געהאַלטן אין איין זידלען דעם אָפיציר. ביסלעכווייז איז ער פון דעם אָפיציר אַריבער אויף אַלע אָפיצירן, אַזוי אַז ביז מיר זענען געקומען אַהיים, איז מישא שוין געווען אַ שרעק־לעך איבערצייגטער קעגנער פון די „ווייסע", און ער האָט אָנגעהויבן איבערצייגן מיך מיט דאָדן, אַז די „ווייסע" וועלן דאָ לאַנג נישט זיין, ווייל די „רויטע" וועלן זיי באַלד אַרויס־טרייבן, און אַז אַלע האָבן פיינט די „ווייסע".

אין שטוב האָבן מיר וועגן פּאַטש נישט דערציילט. צווישן זיך האָבן מיר באַשלאָסן זיין פאַרזיכטיקער, אַז איך און דאָד זאָלן שטיין אויף דער וואַך, און ווי מיר וועלן דערזען יענעם אָפיציר אויף אַ וויאָרסט, זאָלן מיר זיך אָפּטראָגן אויף צען וויאָרסט.

צו די פאַפּיראָסן איז אונז צוגעקומען נאָך אַ געשעפט. מיר קריגן אין אַ קיאָסק צייטונגען. פאַרן פאַרקויפן גיט מען אונז אַ טייל פון ריוח. איך און מישא האָבן פאַרנומען די

בעסטע ווינקלען פון דער גרויסער גאַס. דאָדקען האָבן מיר קיין צייטונגען נישט אָנגעטרויט, ווייל די אַלטע „גאַזעטשי־קעס“ טשעפּען זיך צו אונז, כאַפּן אַרויס צייטונגען און צע־רייסן זיי. איך און מישא קענען שוין זייער גוט זיך פּאַרטיי־דיקן, דאָד האָט אָבער נישט גענוג כּוח זיך קעגנצושטעלן. דאָד האַלט צווישן אונז די פאַרבינדונג. ער גייט פון מישאן צו מיר און צוריק. גיט איבער, ווי עס פאַרקויפט זיך ביי יעדערן, ברענגט צו בלעטער, אויב עס פעלט אויס. דורך דאָדן באַראַטן מיר זיך, וואָס פאַר אַ נייעס אויסצושרייען, אי־בערהויפּט נאָך דעם ווי דו שרייסט לאַנג אַ טעלעגראַמע, וואָס האָט אויף קיינעם קיין ווירקונג נישט. דאַן זוכט מישא עפּעס אויס, מעג עס זיין אין קליינעם שריפט, אָדער אונטער אַ פראַגע צייכן. און עס פּאַסירט, אַז ווי דו נעמסט שרייען דאָס, וואָס עס איז אונטערן פראַגע־צייכן — הויבן אַלע אָן רייסן ביי דיר די צייטונג. אויסער זעם, ווען מיר הונגערן זיך אויס, ברענגט אונז דאָד פון שטוב אַ שטיקל ברויט. מיט איין וואָרט, דאָד איז זייער וויכטיק פאַר אונז.

אַזוי האַנדלען מיר אַ האַלבן טאָג מיט פּאַפּיראָסן, אַ האַלבן מיט צייטונגען. צייטונגען טראָגן איז בעסער, אָבער שטאַרק גרינג קומט עס אויך נישט אָן. מען דאַרף רייסן גאַנצע שעהן דעם גאָרגל און נישט זשאַלעווען די פיס. איבערהויפּט איז נישט אָנגענעם ביינאַכט. עס איז פינסטער, קאַלט, וואַרעמע, ליכטיקע קאַפעען זענען פול מיט מענטשן, און דו אויפן ראָג שרייסט אויס אָן אויפהער דעם נאָמען פון אַ צייטונג...

מיר האָבן גרויסע זאָרג מיט קליידער און שיך. עס איז קיין וווּנדער נישט. שוין עטלעכע יאָר, ווי מיר האָבן זיך קיין זאַך נישט געמאַכט. וואָס מיר האָבן געהאַט האָט זיך שוין אָפּ־געטראָגן. אַפילו ביי די היגע איז מיט זאַכן נישט זייער גוט, איבערהויפּט נאָך דער ראַבירעריי פון די מאַכנאָווצעס. אָבער אין פאַרגלייך מיט די „בעושענצעס“ האָבן זיי אוצרות קליי־

דער אויף די בוידימער פון די גוטע יאָרן. וואָס מען האָט פריער אַוועקגעוואָרפן, זוכט מען איצט מיט גרויס ליבשאַפט אויף און מען ציט אַרויף אויף זיך. קיין מאָדע איז נישטאָ. טאָ ווער קוקט אויף דעם, וואָס עס איז אַלטמאָדיש, דורכגע־נומען מיט שטויב און טראָגט מיט אַ ריח פון פוילן. אונז איז שוין ווי ערגער. אָט, למשל, שיך. שיך רייסן זיך שנע־לער, ווי אַלץ וואָס אַ מענטש טראָגט, און וואָס עס איז נאָך ערגער, שיך קען מען נישט אַליין פאַרריכטן, ווי קליידער, נאָר מען מוז דאָס געבן צו אַ שוסטער. פאַר דער „פּאָטשינ־קע" לאָזט זיך דער שוסטער באַצאָלן, דערצו טרעפט, אַז אַמאָל געפינט ער איין, דאָס עס לוינט נישט צו פאַררירכטן. אין אַזאַ פאַל באַדאַנקען מיר פאַר דער עצה און דערקלערן, אַז פאַר אונז לוינט, ווייל קיין אַנדערע שיך האָבן מיר נישט. גוט, אַז עס גיט זיך איין איינבעטן דעם שוסטער, אָן אַנדער מאָל בלייבט ער אָבער פאַרעקשנט אין טענהט, אַז עס לוינט נישט צו פאַרריכטן, און אַז ער קען נישט פאַרריכטן...

אייגנטלעך, דאַרף מען נישט קיין שיך אַ קיילעכיק יאָר, ווייל מען קען גיין באָרוועס אויך. איך, מישא און דאָד גייען באָרוועס אַ גאַנצן זומער. אַז דער שניי איז שוין צעגאַנגען, די זון וואַרעמט אַ ביסל, וואַרפן מיר אַראָפּ די שיך פון זיך, און טוען זיי ווייטער אָן, ערשט ווען עס שמעקט שוין ווידער מיט פרישן שניי. ווען מען זאָל מיך אַ פרעג טון, צי איך האָב האָלט צו גיין באָרוועס, וואָלט איך געזאָגט יאָ און ניין. יאָ — ווייל איידער צו טראָגן אַזוינע שיך, ווי מיינע, וואָס וועגן מיט אַלע זייערע לאַטעס פודן און וואָס זענען מיר אַ ביסל ענג און עס רייבט דער אַראָפּגעלאָזענער נאַקן, און דערצו ציטערסטו שטענדיק נישט צו פאַרלירן קיין זויל און קומען אַהיים מיט די שיך אין די הענט — איידער אַזוינע שיך, איז אַ מיליאָן מאָל בעסער גיין באָרוועס. דאָס באָרוועס גיין האָט אָבער גרויסע חסרונות, און זאָל עס אַזוי נישט טרעפן, ווי עס טרעפט אָפט, דאָס מען פאַרשטעכט זיך — קענסט דאָך נישט באַקוקן יעדער שטיקל אָרט, וווּ דו שטעלסט

דיין פוס, און עס איז געגוג אַ שפּליטערל גלאָז, אַ העלצע־לע, כּדי צו פאַרשטעכן זיך, דערנאָך זאָל רייסן. פאַר אַ ריי־סונג היטן מיר זיך, אויף וויפל עס איז נאָר מעגלעך. צו דעם איז נאָר דאָ איין מיטל — גלייך ארויסנעמען דאָס שפּליטערל אָדער העלצעלע פון פוס. דאָס טוען מיר מיט אַ שפּילקעלע, וואָס יעטוועדער פון אונז טראָגט אין לאַץ פון רעקל. גייען מיר. גיט איינער אַ געשריי און בלייבט שטיין אויף איין פוס, ווייסן מיר שוין, אַז ער האָט זיך פאַרשטאָכן, און אויף אַרויס־נעמען דאָס אַריינגעשטאָכענע טויג איך מער פאַר אַלעמען. דער, מיט וועמען עס האָט פּאַסירט דאָס אומגליק, שטייט אויף איין פוס, האַלט זיך מיט ביידע הענט אָן די פּלייצעס פון ביי־דע אַנדערע, און ווייזט, אין וועלכן אָרט עס שטעכט. איך נעם אַרויף שפּייעכץ אויפן פינגער, און פאַרזיכטיק, נישט אַריינצודריקן, וואַש אַרום דאָס אָרט. גלייך טרעט אַרויס אַ שוואַרץ שטיקל פון טיף אונטער דער הויט. איך דריק צונויף מיט ביידע פינגער די הויט, און אַז דאָס פאַרשטאָכענע אָרט איז אויפגעהויבן, שטעק אַריין דאָס שפּילקעלע, רייס דורך די הויט און שלעפּ אַרויס אויפן שפּיץ דאָס העלצל אָדער שפּלי־טער. נישט אַלעמאָל גיט זיך איין אַרויסנעמען דאָס פאַרשטאָ־כענע. עס פּאַסירט, אַז מען כאַפּט זיך צו שפּעט, און דאָס שפּליטערל איז אַריין צו טיף, אָדער דאָס שפּילקעלע ציט נאָר אַרויס איין שטיקל האָלץ און דאָס איבעריקע בלייבט. דאַן מוזן מיר אַריבערטראָגן אַ רייסונג. מען מוז גיין הינקענדיק...

אויסער דאָס פאַרשטעכן זיך, פּאַסירט, אַז מען ליידט פון דעם, וואָס מען קלאַפּט זיך אָפּ די פינגער. לויפנדיק, אָדער אַמאָל אַפילו גייענדיק, גיסטו אַ זעץ דעם גראָבן פינ־גער אָן אַ שטיין אָדער אָן אַנדער האַרטע זאַך, וואָס ליגט דיר אין וועג, און שרייסט אויף מיט ווייטיק. אַ ווילדע שפּרינג־סטו אויף איין פוס, צודריקנדיק דאָס צעקלאַפּטע אָרט אָן דער ליטקע פון צווייטן פוס. נישטאָ קיין גרעסערער ווייטיק. פאַרכאַפּט דיר דאָס האַרץ, און טרערן באַווייזן זיך אין די אויגן. נאָר עס גייט גלייך איבער. דערפאַר פאַרהיילט זיך אַ

צעקלאפּטער פינגער זייער לאַנגזאַם. דאָס טיכל, מיט וועלכן דו פאַרבינדסט די וווּנד, פאַרלירסטו אין אַ טאָג אַרום, פאַר־בינדן ווייטער פוילסטו זיך, און סתּם איז נודנע צו גיין מיט אַ פאַרבונדענעם פינגער. גייט אָן אין ווּנד בלאָטע. דער־צו טרעפט, אַז עס איז באַלד ווי פאַרהיילט, צוקלאַפּסטו ווי־דער דאָס זעלבע אָרט. פון קלענסטן ריר גייט בלוט. אין אַל־געמיין ליידן מיר פון דעם צרות, און זעלטן ווער פון אונז זאָל נישט אַרומגיין מיט צוקלאַפּטע פינגער.

זומער, ווען די טראָטואַרן, דער בּרוק זענען אָנגעוואַ־רעמט פון דער זון, איז אָנגענעם צו שטעלן די נאַקעטע פיס אויף דער ערד. איך, מישא און דאָד שפּאַצירן דעמאָלט נישט איילנדיק זיך, אָדער מיר זעצן זיך אַוועק אויף אַ באַנק, אַ בריקל אָדער סתּם אויפן טראָטואַר פּאַזע וואַנט אַנטקעגן דער זון. די פיס שטרעקן מיר פריי אויס צו דעם ליכט — מיר פילן זיך זייער צופרידן, רעדן זיך איבער זייער לאַנגזאַם, אַ ביסל פויל, און איינער איז מסכּים אַלץ מיטן אַנדערן. אונדז איז דאַן גוט, און מיר איילן זיך אַפילו נישט צו גיין עסן. דאָס וואָס געהערט אונז, וועלן מיר קריגן, ווען מיר זאָלן אַהיים נישט קומען — אונזער חלק וועט זיין באַהאַלטן.

אין אָוונט איז דער פאַרגעניגן קלענער. די ערד איז אָפּ־געקילט, און מיר מוזן אונטערלויפן, כּדי זיך צו דערוואַרעמען און ווינציקער צו טרעטן אויף די קאַלטע שטיינער. עס טרעפן וואַרעמע אָוונטן. אָבער וויפל זענען זיי אין יאָר דאָ? מיר גייען אָבער אַלע מאָל באָרוועס — אי פרילינג, אי זומער, אי האַרבסט, אין וואַרעמע רעגנס. ווען עס איז אַ פאַרגעניגן צו פּליושקענען מיט די נאַקעטע פיסלעך און אין קאַלטע רעגנס, וואָס וואַרפן אין שוידער. אַז די פיס ווערן פּשוט בלוי און שטייף, אַזוי קאַלט איז שוין, נעמען מיר זיך צו אונזערע שיך.

פון גיין באָרוועס קריגט מען גרויסע פיס, זיי ווערן פּשוט צעצויגן. וואָס דאָס איז נישט שיין איז נישט אַזוי

שרעקלעך, ווער קוקט עס היינט אויף שיינקייט? אָבער וואָס דער פוס גייט איצט נישט אַריין אין שוך, וועלכן דו האָסט אויסגעטון אין פרילינג — דאָס איז נישט גוט. חוץ פון באָריוועס גיין, ווערן די פיס אויך גרעסער פון וואַקסן. מיר זענען דאָך קינדער, וואָס האַלטן אין וואַקסן, ווי די באָבע זאָגט. ווערט עס געמאַכט אַזוי: מישא גיט מיר אַוועק זיינע שיך, מיינע גיב איך אָפּ דאַדקען. דאָד איז מיט זיי נישט צופרידן. איך זאָג אים אָבער, אַז איך בין מיט מישאס שיך אויך נישט צופרידן, און מישאַן געפעלן אויך נישט דעם פּאַפּאַס שיך. צי עס געפעלט אונז יאָ — צי נישט, וואָס קענען מיר זיך העלפן. מען פרעגט דען ביי אונז וואָס. אַז עס וואָלט זיך געווענדעט אָן אונז, וואָלט דאָך אפשר די וועלט אַן אַנדער פּנים געהאַט.

מיט זאָקן איז שוין פּשוטער. אויב מען טראָגט לאַנגע הויזן, איז געגוג, אַז מען וויקלט דעם פוס איין אין אַ שטיקל לייוונט. אָבער צו קורצע הויזן מוז מען האָבן זאָקן. זאָקן מעגן זיין פאַרשטאָפּט, וויפל מען קען נאָר. דער אומגליק איז נאָר, וואָס צום שטאָפּן מוז אויך נעמען אַ ברעג. עס טרעפט, אַז דער זאָק לאָזט זיך מער נישט שטאָפּן. שטעכט דורך די שטאָפּנאָדל, נעמט זי מיט אַ שטיק זאָק. פאַרפוילט. געוויינלעך טרעפט עס אין דעם אונטערשטן טייל פון סקאַרפּעט. דאַן פאַרבייט מאַמאַ די קולניע מיט אַ צוגעשטוקעוועט שטיק לייוונט. מאַמאַ קען אַפילו נייען גאַנצע זאָקן. זי מאַכט אַ פּאַפּירענע מאָדעל פון אַ געוויינלעכן זאָק, און נאָכדעם אַרבעט זי אויס פון אַן אַלטער טריקאָ-העמד אָדער אַן אַנדער פּאַסנדער זאַך אַ פּאָר לאַנגע זאָקן. דאָס טראָגן ביי אונז די דאַמען.

פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ צייט דאַרף מען זייער שאַ-געווען די זאַכן און אויפהיטן, ווי עס ווערט נאָר אַ לעכל, גלייך עס צו פאַרריכטן. אויף דעם איז מאַמאַ אַ בריה. מיר געפעלט נאָר נישט, וואָס זי רעכנט זיך אינגאַנצן נישט מיט דעם קאָליר פון דער לאַטע. ביי איר איז רעכט אַריינזעצן אין גרויע הויזן אַ בלויע לאַטע. זי טענהט אַפילו, דאָס קיין ענ-

לעכערע לאַטע האָט זי נישט. טאָ וואָס זאָל זי טון? איין זאַך האָב איך בײַ איר יאָ געפֿועלט. אַזוי ווי מיר האָבן נאָר ווײַסע בײַוול, פֿאַרבט זי די בײַוול פֿריער אָפּ אין טינט, בשעת זי דאַרף לאַטענען אַ טונקעלן בגד.

16. עלנט

אויף אונזער גאַס, נאָר אַ ביסל נידעריקער און אויפֿן אַנדערן טראָטואַר, וווינט אַ גרויסער גביר. מען זאָגט, אַז אַמאָל איז ער געווען אַ שוסטער, און עד היום שטייט נאָך אין אַ ווינקל פֿון זיין קעלער דאָס טישל, בענקל, האַמער און אָל, מיט וועלכע ער האָט שיך פֿאַרריכט. אויף אַ זכּרון האַלט ער דאָס — אַפֿילו אַ בלעכל שפּיילן שטייט נישט גערירט. ווייזן — ווייזן זיי דאָס קיינעם נישט, און דערציילן — דערציילן זיי אויך קיינעם נישט, אָבער מען ווייסט עס.

ער אַליין איז אַ הויכער, אַ דאַרער. זיין ווייב איז אויך אַ הויכע, אָבער טאָפּלט דיקער פֿאַרן מאַן. טעכטער האָבן זיי אַ סך און פֿון אַלע מינים. אַ זון איינעם, אַ ביסל עלטער פֿון מיר, וואָס גייט תּמיד אויסגעפּוצט.

איך קען זיי, זינט מען האָט אונז פֿאַרווערט צו טראָגן וואַסער פֿון שכנותדיקן הויף. טאָ ווו נעמען וואַסער? האָט דאָס די באָבע געפּועלט ביי דער גבירטע, וועלכע זי האָט שוין געקענט פֿון פֿריער, וואָרום זי איז ביי איר איינמאָל געגאַנגען בעטן אַ טעלער הינער-זופּ, ווען מאַמע איז געווען קראַנק. מיר זאָלן מעגן טראָגן פֿון זיי וואַסער. פֿון דאַן אָן קום איך מיט מישאַן כמעט יעדן טאָג צו זיי אין קיך נאָך וואַסער. דאָד בלייבט וואַרטן אויף דער גאַס, ווייל עס פּאַסט נישט אַריינגיין זאַלבעדריט.

די ערשטע צייט פֿלעגן מיר אָפּגעבן „אַ גוטן מאָרגן", ווייל מאַמע האָט אָנגעזאָגט. אַז אַנדערש וועט מען אונז אָננעמען פֿאַר נישט דערצויגענע קינדער; שפּעטער, אַז איך מיט

מישאן האָבן איינגעזען, דאָס אויף אונזער „גוט מאָרגן" צנט־פערט מען נישט ווי עס פּאַסט זיך, און אַז עס טרעפט זיך אָפּט, דאָס מיר זענען איגגאַנצן נישט זיכער, צי מען האָט אונז געענטפערט, האָבן מיר אויפגעהערט, צוערשט ביים אַוועקגיין, דערנאָך אויך ביים אַריינגיין, זיך צו באַגריסן.

קומען מיר שטיל אַריין אין קיך, עפענען דעם קראַן, לאָזן אָנלויפן אַן עמער און אַ דרומל וואַסער. דערנאָך נעמען מיר ביידע דעם עמער, מישא נעמט אין דער צווייטער האַנט דעם דרומל און מיר גייען אַרויס. ביים טויער נעמט דאָד צו ביי מישאן דעם דרומל. — דאָד, קאָכט זיך דאָרט אַ מיטאָג־ זאָגט מישא מיט התפעלות, איבערגעבנדיק דעם דרומל. — פון פינף געריכטן — גיב איך צו. — פון וואַנען ווייסט איר? פרעגט דאָד. — וואָס פון וואַנען, זאָגט מישא, וואָלסט זען, וואָס פאַרא שורה מעשׂנע טעפּ עס קאָכן זיך אויפן פּליט, און סאַרא ריח עס גייט פון בראָטקאַסטן.

— מישא, דו צופלוישקעסט דאָך דאָס וואַסער, קוק בע־סער אויפן עמער — שריי איך.

— מיר שטעלן זיך אָפּ — זאָגט מישא, מיר שטעלן אַוועק אויפן טראָטואַר דעם עמער, דאָד לאָזט אויך אַראָפּ זיין פּלי, און מיר רוען אָפּ. מער פון אַלץ אויף דער וועלט האָב איך פיינט צו טראָגן וואַסער. דער עמער קלאַפּט דיר איבער די פיס און באַגיסט די הויזן, און כּדי זיך אויסצוהיטן, גייס־ טו אויסגעדרייטערהייט. טראָגן מיר טאַקע אַלעמאָל וואַסער איך מיט מישאן בשותּפות. יעדער טראָגט פון אַ זייט, אַ ביסל אָפּגעצויגן פון זיך דעם עמער. דאָד טראָגט דעם דרומל, און ער זאָגט, אַז אים איז נאָך שווערער, ווייל דאָס הענטל איז אין אַ זייט און די קופערנע פּלי פול מיט וואַסער הענגט אינגאַנצן אויף דער האַנט.

עס איז אין מיטן העלן טאָג. מיר זענען אַלע אין דער היים. פּלוצלונג פאַלט צו אונז אַריין מיט אַ פּאַק אין האַנט

דעם גבירס עלטערע טאָכטער און האָט קוים כּוח אויסצורעדן „באַהאַלט דאָס בײַ אײַך. אַנישט בלײַבן מיר נאַקעט". מיר שפּרינגען אַלע אויף און פרעגן, וואָס איז געשען. זי דערציילט, אַז זיי האָבן זיך דערוווּסט, דאָס די „ווייסע" טרעטן ווייטער אָפּ. „די גזלנים קומען דאָך גלײַך... האָט רחמנות, באַהאַלט, בײַ אײַך וועט מען נישט זוכן". באַלד באַווייזט זיך אַ צווייטע טאָכטער און נאָך איינע, און דער זון — און אַלע מיט פּעק־לעך. ווען זיי זאָלן בײַ אונז אָנפרעגן, וואָלטן מיר פאַר קיין זאַך אין דער וועלט נישט צוגענומען די זאַכן. געפינען וואָס בײַ אונז איז נאָך ערגער, ווי בײַם גביר גופא. מען וועט זיך גלײַך טשעפּען פאַר באַהאַלטן „בורזשויסקע" גוטס. אָבער ערשט, ווען זיי האָבן שוין געבראַכט און בעטן זיך צעטומלטע און דערשראָקענע, איז פּשוט אוממעגלעך זיי אָפּשיקן קעריק. מיר בעטן נאָר, זיי זאָלן מער נישט אַרומלויפן הין און צוריק מיט אַזעלכע פּעק. די גאַנצע גאַס זעט דאָך, און מען וועט אונז מסרן. דאָס איבעריקע וועלן מיר אַליין קומען אָפּנעמען.

אַז איך, מישא, דאָד און פריידקע קומען צו זיי, בעט מען אונז זיך צוזעצן, ווי לאַנג זיי בינדן אַלץ איין. איין טאָכטער גיט דאָדקען אַ גלעט איבערן קעפּל, און אַ צווייטע וואַרפט אַ וואָרט, דאָס מיר זענען אַלע ענלעך און האָבן שיינע אייגלעך. און מיר שלעפּן אַלץ וואָס זיי גיבן אונז צו זיך אַהיים, אַז עס גייט אַ רויך.

צום אָוונט איז אונזער גאַנצע שטוב אָנגעפּאַקט מיט ווערטפולע זאַכן. מיר מאַכן פון דעם מאַטראַצן, לייגן עס אין די בעטן. די „ווייסע" טרעטן אייליק אָפּ. דאָרטן בײַם גביר וויינען די טעכטער.

היינט איז שוין דער צווייטער טאָג, ווי די „מאַכנאָווצעס" זענען אין שטאָט, און די רויבערײַ איז נאָך אין פולן גאַנג. קופּקעסווייז גייען באַוואָפנטע „פּאָווסטאַנצעס" פון שטוב צו שטוב — אונטערזוכן און רעקווירירן. מען רעדט, אַז מאַכנאָ

האָט זיי געשאָנקען די שטאָט אויף דריי טאָג. פויערישע פורן, אָנגעפילט מיט פאַרדעכטיקע זעק, שלעפּן זיך נאָך די זעלנער איבערן בריק.

מיט אַ פאַרבאַהאַלטענעם ציטער טרעפן מיר די גרופּקע, וואָס לאָזט זיך אַריין צו אונז אין הויף. אונזער טיר איז ברייט אָפן. אויף דער שוועל האַקט מאַמאַ מיט אַ האַק-מעסער פון אַ ברעטל שפּענדלעך.

אין די אָפענע פענסטער זיצן מיר קינדער און רעדן צווישן זיך. אונזער דירה האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין גבירישן אויסזען. איצט, ווען דער טיש איז פאַרשפּרייט מיט אַ פּאַפּיר, די בעטן נישט פאַרבעט, די ציגלנע דילן נישט אויסגעקערט, — יאָגט פון איר אַן אמתער אומעט. דורכן פענסטער זעט זיך די באָבע, וואָס ליגט אין בעט און קרעכצט. אָבער דאָס איז נישט קיין אָנשטעל. די באָבע איז טאַקע שוואַך און פילט זיך נישט גוט. מיר האָבן שוין אויסגעפּועלט, אַז גלייך ווי עס וועט ווערן רוהיקער זאָל מען זי אַריינגע-מען אין מושב זקנים, ווו עס וועט איר אפשר זיין גרינגער, ווי ביי אונז. מיר פילן, ווי עס רוקט זיך אויף אונז אַ באַרג צרות, און עס איז נישט פאַר דער באָבעס יאָרן עס דורכצו-טראָגן.

עס איז געגנוג די מאַכנאָווצעס זאָלן אַריינקוקן אין אונ-זערע פּנימער, אין אונזער דירה — זיי זאָל אָפּפאַלן די לוסט נאָך ווייטער צו זוכן. ווען זיי לאָזן זיך פאָרט צו דער טיר, באַגעגנט זיי מאַמאַ, און איידער זיי פרעגן וואָס, דערציילט זי, אַז מיר זענען היימלאָזע, בעט זיי, אויב זיי האָבן אַן איבעריק שטיקל ברויט פאַר די קינדער, און דאָס איז דאָך אמת — ברויט דאַרפן מיר טאַקע. אָבער עס פּאַסירט נישט, מען זאָל אונז געבן ברויט. זיי ענטפערן גאָרנישט און איילן זיך אַוועק.

מיר האָבן געהאַט אַ סך שרעק. מיר האָבן זיך געשראָקן מער, ווי מען שרעקט זיך פאַר אייגן גוטס, כמעט ווי פאַרן אייגענעם לעבן. מיר האָבן זיך צוגעזאָגט מער קיינמאָל נישט

צו נעמען באהאלטן ביי זיך זאכן. מיר האָבן גענוג אייגענע צרות.

איך, מישא און דאָד דרייען זיך אַרום אין די גאַסן. פאַר וועמען האָבן מיר מורא צו האָבן? אונז געפעלט דער הילוך פון די מאַכנאָווצעס — אַ מאָדנער געמיש פון ענגלישע און רוסישע מונדירן, דאָרפישע און שטאָטישע מלבושים. אַנדערע טראָגן פוטערס, ווייבערישע מאַנטלען. אויף אַ שוואַרצן קאַראַקול שלאָגט פיין אָפּ דער מעשענער באַנד קוילן איבער דער ברוסט. פיל טראָגן צו צוויי ביקסן, איינע אַ געוויינטלעכע, די צווייטע פון אייגענער קאָנסטרוקציע: די רער איז אָפּגעשניטן ביז אַ דריטל, און זי שטעקט אין גורט, ווי אַ רעוואָלווער. אויפן זעלבן גורט הענגען גראַנאַטן. זיי גייען קופּקעסוויז, ריידן הויך און שטענדיק אויף די טראָטואַרן. קיינער קאָמאַנדירט מיט זיי נישט. זיי טוען, וואָס זיי ווילן.

ווערן אַ מאַכנאָוויעץ איז נישט שווער. אויף פיל גאַסן שטייען טישלעך. מען דאַרף נאָר צוגיין צו איינעם, זאָגן דעם נאָמען, מען פאַרשרייבט דיך, און גלייך אויף אָן אָרט גיט מען אַ ביקס, אַ פּאָר שטיוול, אויב מען איז באָרוועס, מען רעכנט דיך אַריין אין אַ אָטריאַד. בעלנים איז דאָ אַ סך. און אויף די גאַסן קלעפּט מען אַלץ נייע אויפרופן, ווו מען רופט אַלעמען, ווער עס וויל זיך נאָר שלאָגן „אי קעגן גענעראַלן, אי קעגן קאָמיסאַרן, פאַר אַ פריי אַנאַרכיסטיש לעבן".

עטלעכע טעג, ביז די לאַגע איז קלאָר געוואָרן, זענען נאָך די זאַכן געלעגן ביי אונז. אָפּט פלעגט אַריינקומען צו אונז ווער פון גביר מיט אַ טעפּל געקעכץ, מיט אַ „קלייניקייט פאַר די קינדער". דערנאָך, אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן עפענען די קאַפעען, אַז אָפיצירן האָבן ווידער אָנגעהויבן שפּאַצירן מיט פריילינס אויף דער גרויסער גאַס און אין שטאָט-גאָרטן — האָבן מיר געעפנט אונזערע מאַטראַצן און אָפּגעטראָגן צום

גביר אַלע מינים פוטערס, זיידענע און אַטלעסענע פּרויען־קליידער, קרעלן און אַנדערע שיינע זאַכן, מיט וועלכע מען וואָלט געקענט אויספּוצן אַ סך כּלות אונטער דער חופּה.

אויף דער ערד, אַריבערגעדעקט, צווישן צוויי בּרענענ־דיקע ליכט, ליגט די באָבע. די נאַכט איז זי געשטאָרבן. אין דער פרי האָט מען אונז מיטגעטיילט פון מושב זקנים וועגן דעם. מיר זענען אַלע דאָ. זיי דערציילן, די באָבע איז געווען ביים פולן באַוווסטזיין, נישט געלאָזט רופן אונז. זי האָט גע־זאָגט: „מען דאַרף נישט, מיין טאָכטער איז אַ שוואַכע, מיט ברעקלעך קינדער, וואָס זי דאַרף אויסהאָדעווען. זיי שלאָפן איצט מסתּמא אַלע רוהיק, איז נישטאָ זיי וואָס צו וועקן. זאָל זיי דער אויבערשטער געבן לאַנגע יאָרן און מיין טאָכטער נחת פון אירע קינדער. אָט שטייט אַ קריגל און אַ פּאָר טע־פּעלעך, איינס אָן אַ הענטל — דאָס איז אַלץ, וואָס איך האָב דאָ מיטגעבראַכט. גיט דאָס איבער מיין טאָכטער". און זי איז געשטאָרבן.

עס קאָן זיין, טייערע באָבע, אַז דו וואָלסט געווען מיט אונז, וואָלסטו נאָך געלעבט. צוזעענדיק אונזערע צרות, וואָס האָבן דיך, גוטע באָבע, עלטער געמאַכט, ווי דיינע יאָרן, וואָלסטו נאָך געלעבט צוליב דעם אַליין — אונז נישט צו פאַרשאַפן קיין ווייטיק. און דיין טובה מיינענדיק, זענען מיר אַזוי פיל אַרומ־געלאָפן, ביז מיר האָבן געפועלט, מען זאָל דיך אין מושב זקנים אַריינגעמען. אונז האָט געשראָקן דער ווינטער, דער הונגער, וואָס רוקט זיך אויף אונז. מיר האָבן געוווסט, אַז דאָ וועט דיר זיין וואַרימער און זאַטער, ווי ביי אונז, און מיר האָבן גערעכנט, אַז דעם ווינטער וועסטו דאָ גרינג אַריבער־טראָגן, און זומער וועלן מיר שוין געוויס איניאיינעם קענען פאָרן אַהיים. און דו האָסט דאָ אַזוי ווינציק דערצויגן. באָבע,

דו האָסט געדאַרפט נאָך לעבן. אַ וווּנדער, וואָס גאָט, וועלכער קען אַלעמען אַזוי גוט, האָט פאַר אַזאַ גוטע באָבע נישט גע־האַט קיין יאָרן. איך וואָלט, באָבע, אַליין געגעבן פון מיין לעבן יאָרן פאַר דיר. פאַרגעס, באָבע, וואָס איך פלעג דיך אַן אַנדער מאָל נישט פאָלגן. איך בין אַ נאַרישער עקשן געווען. געדענק, אַז איך האָב דיך אַלעמאָל ליב געהאַט. איך ווייַן ערשט נישט אַזוי ווי פריידקע, וואָס ווייַנט אַזוי הויך, אַז מען הערט נישט די ווערטער פון תהילים, וואָס מען זאָגט נאָך דיר. איך האָב דיך אָבער נישט ווייניקער ליב געהאַט. מיין האַרץ איז פאַרקלעמט, און די אויגן פול, אָבער איך קען נישט ווייַנען. ווי פאַר די אויגן שטייסטו מיר, מיין באָבע, מיט דיין לאַנגן קלייד, ברוינעם שייטל און צוקנייטשט פּנים, וואָס האָט באַהאַלטן אין זיך אַזוי פיל גוטסקייט. איך געדענק דיינע הענט, וואָס פלעגן מיך אַזוי אָפט גלעטן; איך פיל נאָך דעם טעם פון זיי.

מאַמאַ וויל נישט, אַז די באָבע זאָל מען לייגן אין פרעמדע תכריכים, און זי נעמט אַרויס צוויי לייַלעכער פון אונזערע בעטן. די באָבע איז אַזאַ גוטע געווען, קיין זאַך איז איר פאַר אונז נישט שווער געווען, מיר וועלן איר שוין קיין מאָל נישט קענען אָפּדאַנקען, טאָ זאָל זי כאָטש ליגן אין אונזער לייַלעך, מיר וועלן קענען שלאָפן אָן אַ לייַלעך אויך.

נאָך דער באָבעס אָרון גייען נאָך מיר אַלע, חוץ דאָד־קען און מירעלען, וואָס זענען געבליבן אין שטוב, עטלעכע אַלטע יידענעס, דער באָבעס גוטע באַקאַנטע און די שמשים. דער ווינט אַנטקעגן אונז איז אַ טרוקענער, אַ שאַרפער. וואָס נענטער מיר קומען צום בית עלמין, אַלץ גיכער פאָרט דער אָרון, אַזוי אַז מיר לויפן אַלע נאָך אים אונטער.

מען לאָזט די באָבע אַראָפּ אין קבר, פּאַפּע האַלט אונטער מאַמאַ, וועלכע ווייַנט: — מאַמע, מאַמע, טייערע מאַמע מיינע, זיי מיר מוחל, אַ שלעכטער טאָכטער האָסטו בייַ מיר געהאַט, דו ווייסט דאָך אָבער אַלץ, מאַמע, אַז איך בין אין דעם נישט

ולדיק. זײַ מיר מוחל. אינאײנעם מיטן טאַטן זאָלסטו אויפן גימל א גוטע בעטערין זײַן פאַר מיר און פאַר די קינדער.

שלאָף, ליבע באָבע, איך װעל דיך קײנמאָל נישט פאַר־געסן, איך װעל אויך נישט פאַרגעסן קײן אײן װאָרט פון די מעשהלעך, װאָס דו פלעגסט אונז דערצײלן.

17. קאַצנמויז

איך מיט פרײדקען דאַרפן זיך שוין אומקערן אַהיים. מיר האָבן שוין פאַרקויפט, וואָס מיר האָבן אַהער געבראַכט. איינגעהאַנדלט האַרטן צוקער צו פירן צוריק. אונזערע פעקלעך זענען שוין פאַרבונדן, נאָר פאָרן קאָנען מיר נישט. אונזערע באַקאַנטע, בײ וועמען מיר שטייען איין, לאָזן אונז נישט. גלייך ווי זיי האָבן אונז דערזען, זענען זיי דערשראָקן געוואָרן: „מען הרגעט יידן אויף די באַן־סטאַציעס, מען וואַרפט אַראָפּ פון גייענדיקן צוג, און איר קומט אין אַזאַ צייט צופאָרן".

מיט אַן אמת, האָבן מיר שוין וועגן דעם געהערט בײ אונז אין שטאָט. אָבער נישט אויף אַזוי פיל. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס זענען איינצעלנע פאַלן, און דעריבער זענען אָנשטאָט פאַפען געפאָרן איך און פרײדקע. קינדער, האָבן מיר גערעכנט, ווער וועט באַמערקן, ווער וועט רירן. ווייסט מען בײ אונז אין דערהיים, ווי עס איז אין דער ווירקלעכקייט. וואָלט מען אונז אויך נישט געלאָזט פאָ־ן, כאָטש מיר האָבן פשוט נישט פון וואַנען צו לעבן. איצט איז שוין אָבער פאַרפאַלן, געקומען זענען מיר בשלום. וועגן צוריקפאָרן ווילן אונזערע באַקאַנטע אַפילו נישט הערן. „די רוצחים וועלן אייך אויפן וועג אומברענגען. זיי קוקן דען קינדער, אַלטע... זיי הרגענען... און אַז מיט אייך זאָל חס וחלילה פאַסירן, ווי וועלן מיר זיך פאַר אייער מוטער פאַרענטפערן".

איך וואָלט אפשר געפאָרן, נישט קוקנדיק אויף אַלץ אָבער פרײדקען האָבן זיי איבערגערעדט, און עס איז געבליבן מיר זאָלן וואַרטן עטלעכע טעג, ביז ס'וועט רויִקער ווערן.

דערווייל האָט זיך איינגעגעבן די שטאָטישע יידן צו
ברענגען די הרוגים, וואָס האָבן זיך זייט איניקע טעג גע-
וואַלגערט אויף אַ קליינער באַן-סטאַציע. ביי פיל האָט מען
נישט געפונען קיינע פאַפירן, לאָזט מען אַלעמען צו זיי צו,
אפשר וועט ווער דערקענען אָן איינעם אַ באַקאַנטן. בין איך
מיט פריידקען אויך אַריין אין דער געביידע, ווו זיי ליגן.
אפשר וועלן מיר וועמען דערקענען. די סטאַציע, ווו מען האָט
זיי דערמאָרדעט, ליגט אויף דער שטרעקע צווישן אונזער און
דער שטאָט.

אויף אַ צעמענטענעם דיל, מיט די קעפ צו דער וואַנט,
ליגן אין אַ שורה די הרוגים, און איבער זיי בויגן זיך לע-
בעדיקע, מערסטנטייל פרויען. פאַרוויקלטע אין טיכער, מיט
אימה אויפן פנים, באַקוקן זיי יעדן טויטן, זוכן אַ נאָענטן.
אַלע הרוגים האָבן איין פיינלעכן אויסזען. און אַז מען זוכט
צווישן זיי אַן אייגענעם און מען גייט דורך די שורה, גלויבט
מען זיך נישט, אפשר האָט מען אים דורכגעלאָזן? און עס
הויבט זיך אָן אויסדאַכטן, אַז אָט איז ער... ער איז טויט,
ער איז פאַרמוטשעט, האָט מען אים גלייך נישט דערקענט.
הויבט אַ פרוי אָן מיט שרעק צו באַקוקן די צעריסענע, פאַר-
שמוציקטע רעשטלעך פון מלבושים אויפן מת, און עס דאַכט
זיך איר, דאָס די קליידער זענען די זעלבע, הויבט זי ווילד
אָן באַטראַכטן דעם טויטן קערפער, זוכן באַקאַנטע טייערע
סמנים, זיך איינקוקן לאַנג מיט ווייטיק אין פנים. דער פנים
איז צושלאָגן, אויפגעגאַנגען, אין אייגן בלוט פאַרגאָסן. דאָס
בלוט איז פאַרגליווערט. מען וואָלט געקענט דאָס בלוט אַראָפּ-
שיילן מיט די נעגל פון געזיכט, פון די הענט, פון די צע-
פליקטע קליידער. בלוט איז נישט וואַסער, עס טריקנט נישט
אויס, עס פאַרשווינדט נישט, נישט לאָזנדיק קיין צייכן...

מיר בלייבן שטיין ביים ערשטן מת, גאָר אַ יינגן בחור.
ער ליגט אויפן רוקן, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אָן אַ זייט, ווי
ביי אַ קליין קראַנק קינד, וואָס קען נישט פאַרטראָגן די שיין,

און אויף זיין געזיכט ליגט דער גאנצער צער פון דער וועלט. מיר קענען דאָ מער נישט בלייבן.

מיר גייען ביידע צוריק. איך דערהער, ווי פריידקע וויינט אין זיך. איך האָב זייער פיינט, אז א מיידל וויינט. אן אנדערש מאָל וואָלט איך אָנגעשריגן אויף איר. איצט אָבער שווייג איך. אזוי גייען מיר איבער דער גאַס, איך און מיין שוועסטער, וואָס וויינט שטיל. איך וויל איר וואָס זאָגן. איך האָב אָבער מורא, מיין קול זאָל נישט ציטערן; אזוי גייען מיר לאנג. איך פיל, אז איך באהערש זיך, און איך זאָג:

— פריידקע, מיר מוזן פאָרן אהיים, היינט נאָך.

— וואָס וועט זיין, אז מען וועט אונז אוועקהרגענען אויפן וועג? זאָגט שטיל פריידקע.

איך ווייס נישט פארוואָס, נאָר איך ווער אויפגעבראַכט און ענטפער איר שאַרף.

— וועלן מיר האָבן טענות צו גאָט, וואָס ער האָט באַשאַפן מערדער אויף דער וועלט. פריידקע קוקט מיך אָן פאַרוואונדערט, דערשראָקן. איך קריג גלייך חרטה, און הויב אָן רעדן גאָר מיט אן אנדער שטימע.

— פריידקע, מיר טאָרן קיינעם נישט הערן. שוין עטלעכע טעג, ווי מען וואַרט אויף אונז. מען וועט זיך דערוויסן, וואָס דאָ קומט פאָר. זיי קען דאָך נישט איינפאַלן, אז מען האַלט אונז אָפּ, זיי וועלן גאָט ווייס וואָס מיינען. מיר וועלן טאקע דורכקריכן און קומען נישט קיין געשעדיקטע, אָבער אויב פאָפּא זאָל אונז פאָרן זוכן, וועט נישט זיין גוט...

אויף פריידקען האָבן מיינע ווערטער געווירקט נאָך מער, ווי איך האָב גערעכנט; זי האָט זיך תיכף אָנגעהויבן צו איילן, און קיינע וואָרענישן און בעטענישן פון אונזערע באַקאַנטע האָבן נישט געהאָלפן. מיר האָבן געבעטן, זיי זאָלן אונז נישט באַגלייטן צום וואָקזאַל. זיי האָבן אונז געפּאָלגט.

דער וואַגאָן איז נישט איינגעגאנצן אָנגעפּאַקט, און איך

בין דערמיט נישט צופרידן. מיר דאַכט זיך, אַז דאָ וואָלט גע־
ווען זיכערער, ווען דער וואַגאָן זאָל זיין פולער. איך מיט
פריידקען זיצן ביי אונזערע פעקלעך און רעדן נישט צווישן
זיך. איך באַמי זיך נישט צו קוקן אויף קיינעם, ווייל איך
ווייס, דאָס אַזוי איז שווער צו דערקענען, אַז איך בין אַ ייד,
אָבער איך דאַרף נאָר אַ קוק געבן, דערקענט מען מיך גלייך.
יידן האָבן גאָר אַנדערע אויגן, ווי אַלע אויף דער וועלט, און נאָך
דעם בליק פון זייערע אויגן דערקענט מען זיי אַלע מאָל.

די באַן לויפט. דאָס איז גוט און נישט גוט. גוט דער־
מיט, וואָס מיר דערנענטערן זיך צו דער היים. שלעכט —
וואָרום באַלד זענען שוין די געפערלעכע ערטער, ווו מען
הרגעט יידן. די שטימונג ביי מיר האַלט זיך אין בייטן. אַ
רגע ווער איך באַהערשט פון פרייד און זיכערקייט. אָט קום
איך מיט פריידקען אין שטוב. אַלע דערפרייען זיך מיט אונז.
מען רינגלט אונז אַרום. מען פרעגט, מיר דער־יילן, און דאָס
רייסט זיך איבער. זיי קומען אַריין אין וואַגאָן. די באַן גייט.
איך לאָז זיך אַרויסוואַרפן פון וואַגאָן אָן אַ געשריי. איך שפרינג
גאָר אַליין אַרויס. ניין, אַליין נישט. זאָלן זיי מיך אַרונטער־
וואַרפן אונטערן צוג. די רעלסן פון איין זייט, די ראָד פון
דער אַנדערער שניידן מיך גלייך איבער. פריידקע שרייט, לאָזט
זיך נישט אַרויסוואַרפן, כאַפט זיך אָן אין וואָס זי קען
נאָר. זי בעט זיך, עס העלפט נישט. זיי וואַרפן זי אַראָפּ. זי
ליגט אַ צעשניטענע נישט ווייט פון מיר. און ווייטער: אין
שטוב איז וואַרים. און שטוב איז ליכטיק. אַלע פרייען זיך
מיט אונזער קומען, מאַמע זאָגט, אַז איך מיט פריידקען זענען
בריות. און פון דאָסניי דער קאַפּויערדיקער געדאַנק. איך פיל,
אַז דאָס מאַטערט מיך אויס, איך שטרענג זיך אָן, אָבער איך
קען זיך נישט באַפרייען פון מיינע מחשבות. איך צייל די
סטאַציעס. אַלץ איז רויִק.

אין אונזער קופע שטייגט אַריין אַ קריסטלעכע פרוי.
די שוועסטער הייבט זיך גלייך אויף אַנטקעגן איר מיט פרייד.
די דאַמע איז פריידקעס אַ לערערקע פון גימנאַזיע. זי צע־

שמייכלט זיך, נעמט פריידקען אַרום מיט איין האַנט און זעצט זיך אַוועק לעבן אונז. מיר האָבן דעם זעלבן וועג. פריידקע דערציילט דער לערערקע נייעס פון שול און פון די חברטעס. די לערערקע איז אויפגערוימט, שמייכלט, פרעגט זיך נאָך, און פריידקע דערציילט און דערציילט, און די באַן לויפט און לויפט...

ווען עטלעכע באַוואָפנטע מענער אין פעלצענע היטלען עפענען מיט רעש די טיר און קומען אַריין צו אונז מיטן געשריי „זשידעס נישטאָ"? דערפיל איך, ווי כ׳ווען פאַרשטעלט מיך. די לערערקע האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, און זאָגנדיק „קינדערלעך מיינע, מען דאַרף גאָר וואָס נישט איז עסן", האָט זי גענומען אַראָפּנעמען פון דער אויבערשטער פּאָליצע אירע טשעמאָדאַנען, און איך מיט פריידקען אויף דער באַנק זענען דורך איר אײַנגאַנצן פאַרשטעלט. אין אונזער וואַגאָן זענען קיין יידן נישט געווען, און אָט פאָרן מיר ווי פריער. די לערערקע רופט אונז „קינדערלעך", איז אונז מכבד מיט פרוכט, און יעדעס מאָל, ווען דער גאַנג פון צוג ווערט פּאַוואָליער און מיר דערנענטערן זיך צו אַ סטאַציע, ווערט זי אומרויהיק.

איך האָב שוין פאַרלוירן די מורא, וואָס האָט מיך פריער אַזוי באַהערשט, מיינע אויערן זענען אָבער אָנגעשטרענגט און כאַפּן מיט דורשט דעם גערויש פון די רעדער, דעם גערויש און געפּילדער וואָס שטייט אויף די סטאַציעס, און מיר דאַכט זיך, אַז צו מיר דערטראָגן זיך לעצטע ווערטער, באַקאַנטע ווערטער פון נאָענטע מענטשן, אַז איך הער, ווי די רעדער שניידן לעבעדיק לייב, ברעכן ביינער. און דאָס הייסע בלוט ווייקט אונטער דעם באָדן; די רעלסן, די באַן, די אַרומיקע פעלדער — אַלץ ציט זיך צו דעם אָרט, וואָס דאָס בלוט האָט צעווייקט, און אַלץ זינקט און זינקט דאָרט איין...

ווען איך און פריידקע זענען אַרויף אויף אונזער גאַס, האָט אַ שכנה מיט אַלע כוחות זיך געלאָזט לויפן פאַרויס אָנזאָגן ביי אונז, אַז מיר זענען דאָ. און מיר האָבן פאַרשטאַנען,

וואָס אין שטוב האָט זיך געמוזט אָפּטון צוליב אונזער נישט־קומען ביז היינט.

גלייך ווי מיר זענען געקומען, האָב איך זיך אַוועקגע־לייגט אין גרויס פיבער, און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז פריידקע קראַנק געוואָרן. אפשר האָט זיך ווער פון אונז פאַרקילט, אָדער זיך אָנגעשטעקט אויפן וועג. ווער קען וויסן ? נאָר מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן געזונט צו ווערן, איז קראַנק געוואָרן מאַמאַ, און אַצינד קרענקען מיר שוין אַלע אָן אויפהער. די קראַנקהייט איז אַ קלעפּיקע און רופט זיך אָפּ צו עטלעכע מאָל.

אַזוי איז ביי אונז פון אַלע מאָל. ווערט נאָר איינער קראַנק, געדויערט נישט לאַנג, און מיר שטעקן זיך אָן איינער נאָכן אַנדערן. אין שפּיטאָל לאָזן מיר קיינמאָל נישט פירן ווע־מען פון אונז, מיט וואָס פאַרא געפאַר דאָס זאָל נישט זיין פאַרבונדן. מיר מעלדן קיין מאָל נישט וועגן דער קרענק, און מיר פועלן אויס ביים דאָקטאָר, ער זאָל אויך נישט מעלדן.

אויך איצט איז דאָ אַ פאַראָרדענונג אַריבערצופירן די קראַנקע אין ספּעציעל אויסגעבויטע באַראַקן. אויף אונז וואַרפן די באַראַקן אָן אימת מות. אַז מען זאָל קומען אַוועקפירן וועמען פון אונז אין אַזאַ באַראַק, וואָלטן מיר אויסגעחלשט פאַר שרעק. ביי אונז וואָלט דאָס הייסן פשוט, אַז מען רויבט אים צו פון אונז און פון דער וועלט. מיר האָבן נאָר איין דאָקטאָר, אונזער אַ באַקאַנטן, ועמען מיר קענען זיך אָנטרויען.

ער קען גוט אונזער פאַמיליע און קומט יעדן מאָל, ווען עמעצער ווערט ביי אונז קראַנק. זינט מיר זענען אין דער שטאָט, איז ער שוין אַ סך מאָל געווען ביי איטלעכן פון אונז. ערשט איז אים שווער צו קריגן, ווייל אין שטאָט הערשט פשוט אַ מגפה, און ער איז זייער פאַרנומען. קרענקען מיר כמעט אָן אַ דאָקטאָר, אָן רפואות, און באַלד ווי אָן עסן אויך, אין אַ פייכטער קאַלטער שטוב. און מען קען געניי בישט

וויסן, ווער ביי אונז איז געזונט און ווער קראַנק. עס זעט אויס, אַז מיר אַלע, אי די, וואָס ליגן אין היץ, אי די, וואָס שטייען אויף די פיס, די געזונטע און די קראַנקע, ראַנגלען זיך איינאיינעם מיט דער קראַנקהייט. דער געזונטער גייט אַרום די קראַנקע, פּאַדעט מיט וואָס ער קען נאָר, און אַלע מאָל מאַכט זיך אַזוי, דאָס אים קלעקט כּוח ריכטיק ביז דעם טאָג, ווען איינער קריכט אַרויס פון בעט, און גלייך פאַלט ער אויף זיין אָרט און ליגט שוין אין גרויס פיבער, און דער אָקאָרשט קראַנקער הויבט אָן אַרומגיין אַרום זיין פריערדיקן אויפפּאַסער און אַרום דער גאַנצער שטוב חולאים, שלאָפט נישט נעכט, זעט צו געפינען און מאַכן עסן, לויפט נאָכן דאָקטאָר. אַזוי קרענקען מיר חדשים לאַנג. מיר זענען שוין געוואָרן הויט און ביינער, מיר דערקענען נישט איינער דעם צווייטן. מיר ווייסן נישט, וואָס עס טוט זיך הינטער אונזערע פענסטער. זעלטן ווער פון אונז גייט אַרויס פון שטוב, און אַז ער גייט אַרויס, איז עס נאָר אויף אַ ווײַלע, כּדי עפּעס צו באַזאָרגן פאַר די קראַנקע. וואָס עס טוט זיך אין שטאָט, אַרט אונז נישט. די געפאַר איז ביי אונז אין שטוב, און מיר ווערן זיך קעגן איר מיטן גאַנצן כּוח. מיר דאַרפן געזונט ווערן, און אַלע אַנדערע סכּנות, אומגליקן, גליקן גייען אונז אינגאַנצן נישט אָן. ווען מיר דערהערן, אַז מען שיסט, ווייסן מיר, דאָס באַלד וועט די שטאָט האָבן נייע הערשער, וואָס ווילן איינאָרדענען אַלץ אַזוי ווי זיי פאַרשטייען, און נאָכן אַרט שיסן, נאָכן געדויער, פּרווון מיר טרעפן, ווער וועט דאָס זיין. די מאַכנאָווצעס קומען מיט שטורם און פאַרשיטן אונז מיט האַנט-גראַנאַטן און אַ האָגל פון קוילן-וואַרפער. די ווייסע שיסן לאַנגע שעהן אויף אונז פון שווערע האַרמאַטן. אַנדערע האָבן געוווער פון אַלע מינים. זעלטן מיר זאָלן אַ טעות האָבן נאָכן באַשיסן, ווער עס קומט אָן. מיט אַן אמת איז פאַר אונז גאַנץ גלייך, ווער עס זאָל נישט אָוועקגיין, ווער עס זאָל נישט קומען — פירן מיר זיך אויף אונזער אויסגעפּרוווטן שטייגער. די ערשטע נאַכט צינדן מיר נישט אָן קיין ליכט. דעם ערשטן

טאָג גייט קיינער נישט אַרויס פון שטוב. ערשט ווען די נייע מאַכט נעכטיקט דורך אַ מעת לעת אין שטאָט, ריזיקירן מיר אַרויסצושטעקן די נאָז אויף דער גאַס. אַזוי פירן זיך איצט אַלע איינוווינער פון שטאָט. פריער, אין אָנהויב פון בירגער קריג, איז מען נאָך נישט געווען געלערנט. פלעגן אַלע אויס נייגעריקייט זיך אַרויסשיטן אויף די גאַסן, צו זען, ווי עס זעען אויס די נייע און וואָס זיי ווילן. איצט ווייסט מען, אַז די נייע, וואָס קומען אָן אין שטאָט נאָך אַ קאַמף, זענען זייער נישט העפלעך, און דער ווערט פון אַ פרעמד מענטשנס לעבן שטייט ביי זיי גאַנץ שוואַך. און מען דאַרף זייער ווינציק האָבן, כדי זיי זאָלן דיך אָננעמען גראָד פאַר דעם, ווען זיי זוכן און ווען מען דאַרף דערשיסן. און חוץ דעם שטעלן זיי תיכף פשוטע פראַגן: אויף וועלכער זייט זענען אַנטלאָפן די, וואָס האָבן זיך אָפּגעצויגן? ווער האָט זיך איבערגעטוין און געבליבן אין שטאָט? און פאַרוואָס האָסטו געשאָסן אויף אונז, ווען מיר זענען אריין אין שטאָט?

ליגט מען ביי זיך אין שטוב. אָבער אויך אין שטוב לאָזט מען נישט צורו: ווער עס זאָל נישט פאַרנעמען די שטאָט, קלעפּט גלייך אין די גאַסן אַ באַפעל אָפּצוטראָגן דאָס געווער. דער באַפעל איז גאָר נישט אַזוי געפערלעך. ווער דאַרף געווער? האָט עס ווער, זאָל ער אָפּטראָגן. דער אומגליק איז נאָר, וואָס קיינער טרויט נישט. ווער עס זאָל נישט האָבן די מאַכט איבער דער שטאָט, גלויבט נישט אויפן וואָרט קיינעם פון די איינוווינער. אַזוי אַז נישט טרויענדיק קיין זאַך, גלויבט מען אויך נישט, אַז דו האָסט נישט קיין געווער. גייט מען זוכן איבער די הייזער. אז מען זאָל געפינען געווער טרעפט זיך זעלטן, דערפאַר געפינט מען גאָלד, זילבער, בגדים און אַנדערע ווערטפולע זאַכן, און אַפילו ווען אין באַפעל רעדט זיך נישט דערפון, נעמט מען דאָס אָבער צו. — אַזוי האַלטן אַלע אין איין זוכן: אַלע זוכן געווער, און יעטוועדער באַזונדער זוכט. ווער רעוואָלוציאָנערן, ווער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, ווער קאָמוניסטן, ווער מאַנאַרכיסטן, אַנאַרכיסטן, קאָמי־

סאַרן, אָפּיצירן. מען זוכט, ווער עס העלפט זיי און ווער עס שטערט זיי, ווער עס איז קעגן זיי און ווער מיט זיי. אַלע זוכן, און אַז מען זוכט, געפינט מען, און אַז מען געפינט, דערשיסט מען. מיר האָבן נישט קיין געווער און נישט קיין חפצים. מיר האָבן קיינעם נישט באַהאַלטן און אין קיינעם נישט געשאָסן, אָבער אונזער אימה איז גרויס, ווייל מיר זענען דאָך יידן. און יידן ערשט צו זיין איז נאָך מער געפערלעך, ווי אַ׳ך איניינעם. הרגענען אַ „רויטן" איז נאָך אַ שרעק, ווייל די „רויטע" זענען זיך נוקם פאַר אים. די „ווייסע" פאַרשווייגן נישט פאַר אַ „ווייסן". אָבער הרגענען אַ יידן — וועמען וועט אַ ציטער טון די האַנט?

דו ליגסט אין היץ, די אויגן קלעפּן זיך, אין האַלז ברענט. די הענט, די פיס ברעכן. דאָס אייז אויפן קאָפּ קילט נישט, באַוועגן זיך איז שווער. אין די אויערן קלינגט אָן אויפהער די שיסעריי, וואָס שרעקט דיך, און די שרעק מיטן פייער וואָס ברענט דיין קערפּער מישן זיך אויס און צאַפּן אויס פון דיר דאָס לעצטע ביסל כחות. ליגסטו אומבאַהאָלפן און טראַכסט: אַ באָמבע, אַ קויל פליען אומעטום, קענסט נישט וויסן, ווו עס וועט טרעפן. בין איך ליגנדיק אין בעט פּונקט אַזוי זיכער מיט מיין לעבן, ווי די, וואָס זענען אויף די פיס. אָבער ווי איז, אַז עס וועלן אַריינקומען אַ באַנדע און איינאָרדענען אַ פּאָגראָם אויף יידן — זיך באַהאַלטן ווו, אַנטלויפן קען איך נישט. איך קען זיך נישט רירן אויף אַ האָר פון בעט...

אַ שווערע קרענק. ליגסט אָפּ ⁄אַנג, שוין הויט און ביינער רייסטו זיך פון איר אַרויס, ביסט געזונט. עס גייט אַוועק גאָר אַ קורצע צייט — זי איז ווידער דאָ ביי דיר, זיך אָפּגערופן. אַזוי געדויערט עס עטלעכע מאָל, און ביז דו רייסט זיך איינגאַנצן אַרויס קאָסט אַ סך געזונט און לעבן. ראַנגלט זיך אונזער שטוב פאַרן געזונט, און מער ווי זיך אַרויסצורייסן

פון פיבער ווילן מיר נישט. מיר ווייסן שוין, אז די גאנצע שפיל, וואס קומט איצט פאר ארום אונז, טראגט חורבן, און לאז קומען וועד עס וויל, זאל ער טון וואס ער וויל, נאר זאל אויפהערן דער שרעקלעכער קאצנמויז און זאל מען אונז לאזן דאס, וואס געהערט זיכער צו אונז — אונזער לעבן.

דער בירגער-קריג האט שוין אונז פארמאטערט ביזן טויט. נישטא שוין מער קיין כוח פון די זוכענישן, פון די אבלאַוועס, פון די באמבעס, קוילן, גראנאטן, פון אלע וואַרעונישן, פון אלע צווואגענישן. מיר דארפן קיין זאך נישט – לאזט נאר לעבן! מיר האבן שוין אויפגעהערט צו ציילן, וויפל מאל עס האט זיך ביי אונז געביטן די מאכט, וויפל מאל יעדער צד איז אריין און ארויס. מיר ווייסן נאר, אז כאטש זיי קעמפן צווישן זיך, זענען זיי אלע קעגן אונז. זיי זענען ווי א סך קעץ, און מיר ווי איין מייזל, און אלע שפילן זיי זיך מיט אונז, מאטערן צום טויט. זיי קענען קומען אויף א פאר שעה, א טאג, אויף א וואך, און גלייך פאדערן זיי צושטייער, זיי דינען, אפילו א חשבון אפגעבן פאר דעם, וואס מען האט געטון, איידער זיי זענען געקומען. פאר אלץ באשטראפן זיי, און קיין בעסערע שטראף ווי שיסן, האבן זיי נאך דערווייל נישט אויסגעטראכט. אוי, דער קאצנמויז, דער קאצנמויז, ווען וועט ער זיך ענדיקן? און אז ער וועט זיך ענדיקן, צי וועלן מיר נאך האבן כוח צו לעבן!

18. אימה

שרעק קומט מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ און לאָזט זיך נישט אָפּ, ביז עס פאַרשווינדט נישט די סכּנה. שרעק איז שטאַרקער פאַר אַלץ. ווערסט פאַרגעסן אָן שלאָפן, אָן עסן, ווערסט נישט פילן קיין קעלט. די שרעק דרינגט דורך און דורך. עס פיבערט דאָס האַרץ, עס טרייסלען די קישקעס אין בויך, עס ציטערן די קני, די הענט, דו פילסט נישט דיינע איברים, דו באַהערשסט זיי נישט, דו ביזסט מער נישטאָ, עס איז גאָר דאָ דיין שרעק.

דרויסן איז די זון. דאָ אין חזיר שטאַל, ווו מיר באַהאַלטן זיך ערשט אויס, איז טונקל, שטיקנד און פייכט. פון די פּאָר חזירים אין שטאַל יאָגט אַ וואַרימער ריח. זיי הערן נישט אויף צו בריקענען און צו טונקען די שנוקעס אין דער קאָרעטע. מיר שטייען אַלע פּאַזע וואַנט, די פיס אין בלאָטע, שטיל, איינגעהאַלטן דעם אָטעם. מיר זענען שוין דאָ לאַנג. גלייך אין דערפרי, ווי עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער פּאָגראָם, האָבן מיר געעפנט שטיל אונזער שטענדיק פאַרמאַכטן פענסטער, וואָס גייט אַרויס אין אינוואַלידן הויף, אַלע דורכגעקראָכן, און גוט, עס זאָל גאָר נישט זיין קענטיק, פאַרמאַכט הינטער זיך דאָס פענסטער מיטן לאָדן. שטיל האָבן מיר אַלע, איינציקווייז זיך פאַרגנבעט אַהער. אונז דאַכט זיך, אַז דאָ איז זיכער. ווען ווער וועט איינפאַלן צו גיין זוכן יידן אין חזיר-שטאַל פון אינוואַלידן-הויז.

איך פיל מיך זייער שלעכט. ווען איך בין אַליין, וואָלט איך שוין לאַנג נישט אויסגעהאַלטן אזוי פון דאַנען אַוועק. מיך

וואָלט שוין קיין זאַך נישט אָפּגעשראָקן. אָבער איצט האָב איך מורא צו מאַכן אַ באַוועגונג. חוץ מיר איז דאָ אונזער גאַנצע שטוב, און איבער מיר קענען אַלע ליידן. אויב אַזוי, קענען מיר די פיס אָפּנעמען פון שטיין פאַרגליווערט, מעג מיך דער ריח שטיקן, וועל איך זיך קיין ריר נישט געבן. זיי קענען נאָך דערהערן. זיי... ווער זענען זיי? מיר קענען זיי נישט. זיי קענען אונז אויך נישט. טאָ וואָס ווילן זיי פון אונז? וואָס לויערן זיי אויף אונזער לעבן? אַזוי שטיי איך און טראַכט נישט ווילנדיק, וואָס זיי וועלן טון מיט מיר און מיט יעדערן פון אונז, ווען זיי זאָלן קומען און אונז געפינען. איך שרעק זיך פאַר זיך, איך שרעק זיך פאַר מירעלען, איך שרעק זיך פאַר דאָדקען, איך שרעק זיך פאַר פריידקען, איך שרעק זיך פאַר מישאן, פאַר מאַמאַ, פאַר פאַפּאַ, פאַר אונז אַלעמען. גאָט, האָב רחמנות!

מירעלע איז צושראָקן. מאַמאַ זיצט לעבן איר אויפן בעט און ווייזט איר אין אַ ביכל געמאָלענע בילדלעך. זעסט, אָט דאָס איז אַ קיאַלע, זי מאַכט מו-מו-מו. און דאָס איז אַ קעצעלע; זי מאַכט קניאַו-קניאַו. מירעלע לאַכט און חזרט איבער קניאַו קניאַו. דאָד, ווי אַלע מאָל בעת אַ גרויסער געפאַר, זיצט מיטביידע פויסטן ביים מויל און שווייגט. פריידקע, אַן אומבאַהאָל-פענע און אַ פאַרלוירענע, זיצט איינגענורעטערהייט אין דרייען און יעדע רגע בייטן זיך ביי איר די פאַרבן אין פנים. מישאַ הערט נישט אויף אַרומצושפּרייזן הין און צוריק איבערן צימער. פון צייט צו צייט קוקט פאַפּע פאַרזיכטיק אַרויס פון פענסטער. פלוצלונג טרעט ער אָפּ מיט אַ געשריי:

— אַי!

מיר שפּרינגען אַלע אויף גרייט צו לויפן, אָבער עס איז שפּעט. זיי זענען שוין אין הויף, זיי זענען אין שטוב.

דאָס האָט געטון נישט אידי. איך וואָלט דאָס גאָר נישט געקענט טון. דאָס האָט געטון מיין שרעק. איך האָב זיך אַ ריס

געגעבן, דורכגעשפרונגען פארביי זיי און אנטלאפן. איך האב קיין זאך נישט געזען, איך האב קיין זאך נישט געהערט. איך האב פארגעסן אן אלעמען און געפילט נאר זיך אליין. איך בין געלאפן אויפן הויף, אויפן טויער. ארויס אויף דער גאס און זיך געטראגן איבער דער גאס, ביז עס איז מיר איינגעפאלן א געדאנק, אז אויב איך זאל לויפן, קען מען מיך נאך אונטער-שיסן, און איך האב אויפגעהערט לויפן. געגומען גיין געלאסענער. איך גיי און מיין הארץ קלאפט, ביז איך בלייב שטיין און קען זיך נישט רירן פון ארט. אוי, גאט, פארוואס האבן זיי דאס געטון ? א האלב אנטבלויזטע פרוי ליגט אויף דער ערד, אירע ברוסטן זענען צושניטן און פארגאסן מיט בלוט.

א גראער ייד שלעפט זיך אין גאס, אנשטרענגנדיק אלע זיינע כוחות, ער קוקט זיך איין אין מיר און זאגט שטיל :

— זונעלע, דו זעסט ?

— איך זע — זאג איך, און גיי נאך דעם אלטן איבער דער ליידיקער גאס. איך טראכט, דאס מיט מיינע העלע האר און בארוועסע פיס קען מען מיך לייכט אננעמען פאר א שייגעץ, אבער מיטן אלטן, וואס יעדער זעט, אז ער איז א ייד, איז געפערלעך איצט צו גיין, איך דארף וואס גיכער אוועק פון אים. אבער איך קען נישט אוועקגיין, איך גיי הארט ביי זיין האנט, און יעדעס מאל ווי א קללה, א וויי-געשריי דערטראגט זיך צו אונז, דרייט אויס דער אלטער צו מיר דעם קאפ :

— זונעלע, דו הערסט ?

— איך הער... איך הער...

— פון א הויף לאזן זיך ארויס א מחנה באוואפנטע מענער, זיי באמערקן אונז און הייסן זיך אפשטעלן.

— אוי וויי צו אונז... אוי וויי צו אונז — שעפטשעט דער זקן.

— ווו לויפסטו דאס, ייד — פרעגט איינער — מתפלל זיין ?... האסט נישט וואס צו איילן אין סינאגאגע — וועסט באלד סיי ווי סיי זיין אויפן הימל...

די איבעריקע שמייכלען, דער אלטער בעט רחמים,

שטרעקט אויס זיינע טרייסלענדיקע הענט, כאַפּט אָן פאַר די קליידער.

— לאָז אָפּ, שד — גיט אים דער רוצח אַ שליידער פון זיך. דער אַלטער פאַלט, וויל זיך אויפהויבן, דערזעט פאַר זיך די רער פון ביקס —

— רבונו של עולם... רבונו של עולם — באַווייזט ער נאָר אויסשטעלן די הענט.

— — — — — — — — — — — — —

איך לויף אַהיים, אַהיים, אַהיים. וואָס איז מיט מירעלען, מיט דאָדקען, מיט אַלעמען פון אונז? אוי, איך האָב נישט גע־טאָרט אַנטלויפן. גיכער, גיכער, איך וויל נישט בלייבן אַליין לעבן. ווי מיט אַלעמען, אַזוי אויך מיט מיר. עס איז נאָך נישט שפּעט. אַפילו אויב איך וועל זיי טרעפן אָוועקגייענדיק, ביי דער טיר, אין הויף איז אויך גוט. גיכער, גיכער, איך וועל נאָך באַוויזן...

19. יתומים

איך האָב זייער ליב קליינע קינדער, איבערהויפּט גאָר פּיצינקע, וואָס האַלטן מיך שוין פאַר אַ גרויסן. מיר געפעלט זיך צוצוקוקן, ווי זיי הויבן אָן גיין. עס זעט אויס, אַז נישט גיין לערנען זיי זיך, נאָר גלייך לויפן, פליען. זיי רייסן זיך פאָרויס, זיי ווערן נישט מיד, זיי ווערן נישט נתפּעל פון פאַלן. אַז מען נעמט זיי פאַר אַ הענטל, גייען זיי גאַנץ זיכער. מיר געפעלט זיי צו פירן פאַר אַ הענטל, מיר געפעלט זיי צו לערנען גיין, נאָך אַנגענעמער איז אַזוינע ברעקלעך צו לערנען ריידן. כאַפּן זיי אַ וואָרט, וועלן זיי עס שוין נישט פאַרגעסן, פאַרקערט, וואָס ווייטער ווערן זיי שוין דאָס זעלבע וואָרט אַרויסזאָגן אַלץ שטאַרקער, אַלץ ריכטיקער. איך האָב ליב פאַר אַזעלכע קינדערלעך צו זאָגן גרינגע ווערטער און זיך צוהערן, ווי קאָמיש זיי זאָגן נאָך.

איך זיץ אויפן הויף. אַ ברעקעלע מיידעלע מיט אַ ווייס קליין פּנימל און גרויסע בלויע אויגעלעך האַלט איך אויף מיינע קני. זי פאָרט מיט אירע קליינע הענטלעך, איך שטעל אונטער דאָס געזיכט, גלעט זי מיך מיט אַלע אירע פינגערלעך און פרייט זיך. איך וואָלט געוואָלט ציען לאַנג פאַר דעם מיידעלע מאַ... זי וואָלט עס גלייך נאָכגעזאָגט. האָב איך אָבער מורא. מיר דאַכט זיך, אַז מען טאָר זי דאָס וואָרט נישט לערנען. איך ווייס, אַז נישט לאַנג, ווי אַ קריסטין האָט געבראַכט דאָס מיידעלע פון אַ צווייטער שטאָט אַהער צו איר באָבען. זי האָט דערציילט: „איך האָב געדינט ביי אייער זון. עטלעכע קריגס-לייט האָבן ביי אונז רעקווירירט אַ צימער און

זיך אין אים באַזעצט. די באַלעבאָסטע איז זיך זייער גוט באַגאַנגען מיט זיי. איינִיגע מאָל אין טאָג פלעגט זי מיך שיקן זיי פרעגן, צי זיי ווילן נישט קיין טיי, צי זיי דאַרפן נישט וואָס. זייער אָפט פלעגט מען זיי איינלאַדן צום עסן. דאַן האָבן מיר שוין געקאָכט בעסער, און דער מיטאָג פלעגט זיך פאַרציִען לענגער. אָוונט אין אָוונט פלעגן אַלע זיצן ביז שפּעט, מען פלעגט שפּילן אין שאָך. איר ווייסט דאָך, אַז אייער זון האָט דאָס זייער האָלט געהאַט. מען פלעגט שמועסן, ווען מען האָט דאָס געקענט איינפאַלן, אַז ביים אָפּטרעטן וועלן זיי ביידן, דעם באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע, מיטנעמען און אויפן וועג, גלייך הינטער דער שטאָט, דערהרגענען. אַז זיי האָבן געזאָגט צו אייער זון שפּעט אין אָוונט, בשעת זיי האָבן זיך געאיילט אָפּצוטרעטן: קום! האָט ער פאַרוואונדערט געפרעגט, וווהין? זענען זיי אים באַפאַלן זידלען: „וואָס מיינסטו, מיר וועלן איצט אין דער פינסטער אונטער א האָגל קוילן לויפן, און דו וועסט דאָ מיט דיין ווייב אין דער וואַרימקייט טרינקען טיי מיט סאָך... ווער דען, אויב נישט איר, יידן, האָבן אַלע צרות אויף רוסלאַנד געבראַכט... זיי האָבן אַזוי געבעטן, נישט פאַר זיך, נאָר פאַרן קינד. אָבער עס האָט גאָר נישט געהאָלפן. דאַן האָבן אייער שנור און זון מיך געבעטן, איך זאָל זייער קינד צו אייך אַוועקפירן. אָט האָב איך זי געבראַכט. אָט איז אויך אַ צעטעלע, וואָס זיי האָבן ביידע באַוויזן אָנשרייבן, איידער מען האָט זיי אַוועקגעפירט". דאָס צעטעלע איז גע-שריבן צו דעם מיידעלע. אוי, ווי מאָדנע, א בריוועלע האָבן זיי אויפגעשריבן צו אַ קליין מיידעלע, וואָס קען נאָך נישט ריידן. זיי שרייבן, אַז זי, דאָס מיידעלע, זאָל זיי נישט פאַרגעסן, און אַז ביי גאָט אויפן הימל וועלן זיי זיך נאָך אַלע זען.

אין הויף קומט אַריין חיימקע. ווי ער דערזעט אונז, גייט ער גלייך צו און זעצט זיך אַוועק דערביי. ער מאַכט זיך פאַר אַ שעפּסעלע, קריכט אויף אַלע פיר און מעקעט, מע... מע... דעם מיידעלע געפעלט עס, און זי פאָרט אויף חיימקען מיט אירע הענטלעך. איך מיט חיימקען לערנען אין

איין קלאַס, נאָר זיך חברן האָבן מיר אָנגעהויבן דעמאָלט, ווען עס איז געווען דער גרויסער רעגן. מיר זענען מיט די ביכער אונטערן אָרים געלאָפֿן אַהיים פֿון לערנען, מיטאַמאָל הערט חיימקע אויף צו לויפֿן און שטעלט לאַנגזאַמע טריט, ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען אַזאַ רעגן, און וויינט, שטעל איך זיך אויך אָפּ און פֿרעג: עס טוט דיר ווי אַ פֿוס? קענסט נישט לויפֿן? ענטפֿערט ער מיר נישט, זאָג איך: חיימקע, דו ביסט משוגע, מיר וועלן דאָך אַזוי ווערן אויסגעווייקט, אויב דו ווילסט נישט לויפֿן, טאָ לאָמיר כאָטש גיין האַרט ביי דער וואַנט, פֿאָלגט ער מיך, אָבער ער זאָגט גאָרנישט, און מיר גייען ביידע שווייגנדיק, פֿאָרויס ער, און איך נאָך אים. מיר פֿאַרדריסט, וואָס מיר גייען אַזוי פּאָוואָליע אונטער אַזאַ גוס רעגן, אָבער איך וויל זיך נישט קריגן און גיי אַזוי נאָך חיימקען, פּלוצלונג הייבט חיימקע צו מיר אָן ריידן: — הער, לייבקע, זאָגט ער, זינט מען האָט ביי אונז אין שטוב אויסגעהרגעט אַלעמען, נאָר איך מיט דער מוטער זענען געבליבן, האָט די מאַמע נאָך נישט אויפֿגעהערט צו וויינען. זי האָט שוין נישט קיין אויגן פֿון געוויין, וווּנדן זענען זיי שוין ביי איר. עס איז מיר געווען זייער שווער, קענסט זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן ווי, נאָר איך האָב זיך לאַנג געקליבן און איין מאָל געזאָגט צו דער מאַמען: מאַמע, האָב רחמנות אויף מיר, אויף דיין לעצט קינד, און הער אויף צו וויינען, שטרעקט זי צו מיר די הענט: „וואָס זאָל איך טון, קינד מיינס, וואָס זאָל איך טון, אַז איך קען נישט", און וויינט ווייטער. איך גיי גאַנצע טעג אַרום איבער די גאַסן, איך קען נישט זיין אין שטוב און צוזען אירע טרערן. איך ווייס, דאָס איך פֿאַרשאַף איר ווייטיק, ווי איך גיי נאָר אַוועק, הויבט זי גלייך אָן איבערצוקלערן, צי עס האָט נישט וואָס פּאַסירט מיט מיר. ער ווערט אַנשוויגן, און ווי דערמאַנענדיק זיך, זאָגט ער: „קום לויפֿן שנעלער אַהיים". פֿון דעמאָלט אָן האָט חיימקע מער נישט גערעדט וועגן זיין מאַמען, איך פֿרעג אים אויך נישט, אָבער מיר זענען געוואָרן חברים.

נישט ווייט פון אונז אויפן הויכן שול-בריקל זיצן פרויען מיט קליינע יינגלעך און ווארטן שוין אויף מנחה. דאָס זענען די ווייבער פון די קאָלאָניסטען, וואָס די מאַכנאָווצעס האָבן אויסגעשאָכטן. אַזוי ווי זיי האָבן נישט קיין גרעסערע זין ברענגען זיי די עופהלעך, זיי זאָלן זאָגן קדיש. אַן עלטערער ייד זאָגט הויך פאַר אַלעמען די תפילה, און די יינגלעך זאָגן נאָך וואָרט ביי וואָרט. די מוטערס לאָזט מען דאַן אין שול נישט אַריין, ווייל דעם ערשטן מאָל, ווי נאָר די קינדער האָבן אָנגעהויבן נאָכזאָגן די ערשטע ווערטער פון קדיש, זענען די מאַמעס אַרויס אין אַ שרעקלעכער יללה און אָנגעהויבן חלשן, אַזוי אַז מען האָט זיי געמוזט אַרויסטראָגן אויף די הענט. איצטער לאָזט מען אַריין נאָר איין יונגע פרוי. דעם ערשטן מאָל האָט געדויערט לאַנג, ביז מען האָט זי אָפּגעמונטערט, האָט אויף מאָרגן דער שמש צוגענומען ביי איר דאָס יינגל און איר געהייסן בלייבן אין הויף. נאָר זי האָט זיך אַזוי געבעטן — „איך האָב שוין נישט קיין טרערן צו וויינען. איך בין שוין פאַרשטיינערט, מיט מיר וועט שוין קיין זאַך נישט פּאַסירן. לאָזט מיך אַריין, איך וויל הערן, ווי מיין זון זאָגט קדיש נאָך זיין טאַטן". מען האָט זי אַריינגעלאָזט, און שטום איז זי געשטאַנען די גאַנצע צייט, דערנאָך האָט זי גענומען איר קינד און איז אַוועק.

באַלד באַווייזט זיך יאַנקעלע: — חברה, עס איז נאָך פרי ביז מנחה? — פרעגט ער. —פרי, ענטפערט חיימקע. קום אַהער. יאַנקעלע זעצט זיך לעבן אונז און שרייט צו אונזער שטוב: מישאַ! אין פענסטער באַווייזט זיך דאַד; וואָס? — רוף אַרויס מישאַן.

— באַלד, ענטפערט פון שטוב מישאַס קול.

יאַנקעלען קענען מיר פון לאַנג. ער פלעגט מיט זיין ברודער קומען זאָגן קדיש נאָכן טאַטן, וואָס איז געהרגעט געוואָרן אין מלחמה. דערנאָך, פון יענעם טאָג, ווען איבער דער שטאָט זענען אַרומגעפאָרן זעלנער אין אַן אויטאָמאָביל מיט אַן אויפשריפט „הרגעט יידן — ראַטעוועט רוסלאַנד".

און זיי האָבן אומגעבראַכט יאַנקעלעס מאַמע און ברודער. קומט ערשט יאַנקעלע אַליין זאָגן קדיש נאָך דער מאַמען. יאַנקעלע קען אַ סך שיינע מעשיות, מישא ווייסט אויך אַ סך זאַכן צו דערציילן. אַז עס איז אַ שיינער טאָג, קומען שוין אַלע יתומים, וואָס זאָגן אין דער שול קדיש אָביסל פריער, ווי די צייט. איך, מישא און דאָד גייען אין ערגעץ נישט אַוועק, מיר זוכן אויס אין הויף אַ זוניק אָרט, זעצן זיך אַלע אויס אויף דעם גראָז, וואָס שפּראָצט צווישן די שטיינער פון ברוקירטן הויף און מאַכט ווייך צו זיצן, און ריידן צווישן זיך.

עס איז אָנגענעם זיך צו וואַרימען אונטער דער האַרבסטיקער זון. איך מיט דעם מיידעלע, חיימקע, יאַנקעלע, מישא און דאָד זיצן אין אַ קרייז, עס קומט צו וועלפקע, דער איינציקער פון די יינגלעך, וואָס קומט קדיש זאָגן נישט נאָך אַ געהרגעטן, נאָר נאָך זיין פאָטער, וואָס איז געשטאָרבן פון פלעק-טיפוס. אָנשפּאַרנדיק ביידע הענט אונטער די באַקן, ציט זיך אויס אין גראָז דער שוואַרצער בערקע, וועגן וועלכן מען דערציילט, אַז בשעת די רוצחים האָבן געוואָלט הרגענען זיין טאַטן, האָט בערקעס מוטער אים אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט, נישט אָפּגעטראָטן פון אים און געשריען, מען זאָל זיי איניינעם טויטן, און מען האָט זיי טאַקעביידן געטויט. אַרומכאַפּנדיק די באָרוועסע פיס, זעצט זיך יאָסקע, וועלכער איז געבליבן לעבן, ווייל בשעת מען האָט אויסגעשניטן אַלע יידן אין זיין דאָרף, האָט ער זיך געפונען אין שטאָט, ווו די עלטערן האָבן אים געשיקט לערנען. זיך האַלטנדיק פאַר די הענט, קומען אַבראַשע מיט לענען. לענע און אַבראַשא זענען גאָר פון אַ וויטער שטאָט, זיי האָט אַהער געבראַכט צו אַ מומען אַן עלטערע שוועסטער, און זיי זאָגנדיק, אַז ווען זיי וועלן עלטער ווערן וועלן זיי פאַרשטיין און איר מוחל זיין, וואָס זי לאָזט זיי איבער אַליין אויף דער וועלט. נאָך דעם ווי מען האָט שוין אַוועקגענומען זייער טאַטע-מאַמע, האָט זי זיך פאַרסמט. אַבראַשא און זיין שוועסטערל ריידן זייער

שלעכט יידיש, נאָר זיי מוזן שוין גוט פאַרשטיין, ווייל ווען מען דערציילט, הערן זיי זיך זייער אויפמערקזאם צו.

יאַנקעלע זשמירעט די אויגן פון לאַנג קוקן אויף דער זון, און ער פרעגט, צי מען קען זיך נישט אויסלערנען קוקן זייער לאַנג. אַלע הויבן אָן ריידן, און מיר פאַרמעסטן זיך, ווער עס וועט לענגער אויסהאַלטן. פאַראינטערעסירט פון טומל, וואָס איז געוואָרן ביי אונז, קומען צו עטלעכע יינגלעך פון די, וואָס זיצן מיט די מוטערס אויפן בריקל. אַז זיי זעען, וואָס דאָ האַנדלט זיך, רופט זיך איינער אַ קלייגער, אָבער דרייסטער יאַטל, ווי אַ פירקאַנטיק קעסטעלע אָפּ: „אָ, אויף אַזאַ זון איז נישט קיין קונץ לאַנג צו קוקן. אָט אין מיטן זומער, ביי אונז אויף די פעלדער זיך אַוועקלייגן קעגן דער זון מיט אָפענע אויגן איז אַן אַנדערע זאַך". דער יאַטל זעצט זיך אַוועק און נעמט קוקן אין דער זון אַריין לענגער פאַר אַלעמען, ביז מיר הייסן אים אליין אויפהערן. „אָ, מיין ברו־דער האָט געקענט נאָך לענגער", זאָגט ער מיט גאווה. „ווו איז דיין ברודער?" „פרעגט אים עמיצער. „געשטאָרבן"—ענטפערט דאָס יינגל און ווערט אַנשוויגן, ווי אַלע מאָל, ווען מען דער־מאָנט צווישן אונז אַ נאָענטן, וואָס איז טויט, ווערן מיר אַלע שטיל און אומעטיק. דאָס יינגל זעט, אַז מיר זענען שטיל געוואָרן, מיינט ער, אַז מיר וואַרטן, אַז ער זאָל דערציילן וועגן זיין ברודער, און קוקנדיק אומרוהיק אויפן בריקל, ווו עס זיצט זיין מוטער, ווי מורא האָבנדיק, אַז זי זאָל נישט צוקומען, זאָגט ער: „מיין ברודער איז געווען אַ שטאַרקער און שוין אַ גרויסער, געוואָרן 18 יאָר אַלט. די מאַכנאָווצעס האָבן אים דערהרגעט".

— ווי אַזוי האָבן זיי אים דערהרגעט? פרעגט פלוצלונג יאָסקע, וועלכער ווייסט נישט, ווי אַזוי איז זייער גאַנצע שטוב אומגעקומען, רעדט קיין מאָל נישט וועגן דעם, אָבער האַלט אין איין אויספרעגן, ווי אַזוי מען הרגעט.

— גאָרנישט, הויבט אָן דאָס יינגל. די מאַכנאָווצעס האָבן געהייסן אַלע יידישע מענער זיך אויפקלייבן אין איין

אָרט, מען דאַרף זיי עפּעס מעלדן. דער טאַטע איז גלייך אַוועק. ביי אונז זענען אַריין אין שטוב אַ סך סאָלדאַטן, גע-הייסן דעם ברודער זיך אויסטון, זיי דאַרפן זיינע זאַכן. דער ברודער האָט זיך אָנגעהויבן אויסטון אַלץ, אפילו די העמד האָבן זיי געפּאָדערט אַראָפּנעמען. דער ברודער האָט אַלץ גע-פּאָלגט, ביז עס איז געקומען צו די סקאַרפּעטן, האָט ער איין סקאַרפּעט שוין אַראָפּגעצויגן, אויף דעם צווייטן האָט ער שוין נישט געהאַט קיין כּוח, ער איז דער גאַנצער געוואָרן בלאַס, מיט אַ שווייס באַדעקט, דאַן האָט געזאָגט איין מאַכנאָוועץ צו דער שוועסטער: „צי אים אַראָפּ דעם זאָק, אַ נישט דערשטעכן מיר אים". דאָס שוועסטערל האָט אָנגעהויבן וויינען און אים אַראָפּגעצויגן דעם זאָק. האָבן זיי דאָס געהייסן אַלץ איינוויקלען אין אַ פּעקל, און די שוועסטער האָט געמאַכט אַ פּעקל פון דעם ברודערס זאַכן. האָבן זיי צוגענומען דאָס פּעקל, און עטלעכע האָבן מיטאַמאָל דורכגעשטאָכן דעם ברודער מיט די שפּיזן פון זייערע ביקסן. דער ברודער איז געפאַלן מיט אַ שוואַכן קרעכץ, און מיר אַלע זענען אַנטלאָפן זיך אויסבאַ-האַלטן אין פעלד. „אָט דאָס איז דעם ברודערס רימען, איך טראָג אים אַלע מאָל אויף זיך", הויבט אויף דאָס יינגל די בלוזע און וויַיזט אונז אַ שמאָלן גירטל, וואָס האָט איינגעדריקט אַ רויטן פּאַס אין זיין לייב.

— אויף וואָס דאַרפסטו דאָס אויפן הוילן לייב? וווּנדערט זיך דאָד.

— אַזוי, שניידט אָפּ דאָס יינגל און פאַרשעמט זיך.

— און דער טאַטע, פרעגט יאָסקע.

— אויך דערהרגעט... מיט אַלעמען...

פון אַ יידענע אויפן בריקל לאָזט זיך צו אונז פריילעך לויפן אַ פינף יאָריק יינגעלע. די מאַמע שרייט אים נאָך, נאָר ער איז שוין לעבן אונז און לויפט מיט שווונג אַרויף אויפן יאַטל פון קאָלאָניע, וואָס האָט ערשט גערעדט, כאַפּט אים פון הינטן אַרום מיט די הענטלעך און פאַרשטעלט אים די אויגן. יענער כאַפּט אָן דעם קליינטשיקן, קוליעט אים איבער איבער

די פלייצעס און הויבט אים אָן צו קיצלען. „איך וועל דיר ווייזן, משהקע, אַ זשוליק צו זיין". דאָס יינגעלע קייכט אין צופרידענעם געלעכטער.

— נישט נאָר אייערע — רופט זיך אָפּ אַ צווייט יינגל אין קרייז — אונזער קאָלאָניע האָט מאכנאָ אויך אויסגעשניטן.

מיטאַמאָל באַמערקן מיר, ווי דאָס קליינע יינגעלע גיט דער גאַנצער אַ ציטער, און הגם ער בלייבט שטיין אויף די פיס, הויבן אָן אַלע איברים ביי אים צו שפרינגען, און דאָס פנימל ווערט בלאָס ווי קאַלך. דאָס יינגל, צו ווען ער איז צוגעלאָפן, הויבט אָן אים באַרוהיקן: „משהלע, משהלע, קיינער נישטאָ, אַ ליגן, משהלע, אָט איז די מאַמע, אָט איז די מאַמע".

די מוטער לויפט צו און טראָגט אַוועק פון אונז אין שרעק דאָס קינד. מיר ווערן אַלע צושראָקן, וואָס איז מיט אים? — גאָרנישט, זאָגט דאָס יינגל, וואָס האָט אים באַרוהיקט, מען האָט נישט געטאָרט דערמאָנען יענעם נאָמען, ווי נאָר ער דערהערט וועגן מאכנאָווצעס, פּאַסירט דאָס גלייך מיט אים. מען דאַרף זיך היטן אין זיין קעגנוואַרט נישט צו רעדן וועגן דעם.

מיר בלייבן אַלע זיצן שווייגנדיק. פּלוצלונג דערשרעק איך זיך, איך זאָל זיך נישט צעציטערן אַזוי ווי דאָס יינגעלע. איך הויב זיך אויף, נעם דאָס מיידעלע אויף די הענט און גיי איילִיק אַוועק.

20. ברויט

די „אָטשערעד" האָט פאַרגומען פּאַפּאַ. גאָר אין דער פרי האָט אים איבערגעביטן פריידקע. פריידקען האָט פאַרביטן מישא, און אַ זייגער צוועלף האָב איך פאַרנומען מישאס אָרט. פאַר מיר שטייט אַן אַלטיטשקער, מיט אַ צוטיילטן אין צווייען גרוי בערדל. פאַר אים אַ פרוי איינגעוויקלט אין אַ טוך, אַ שיין מיידל, אַ קליין מיידעלע, אַזוי ציען זיך איינער נאָכן אַנדערן אַ סך צענדליק מענטשן, ביז דער טיר פון דער בעקעריי. הינטער מיר שטייט אַ בחור אין אַן אנצוג, וואָס איז איבערגעמאַכט פון אַן ענגלישן מונדיר. נאָך אים אַ זייער איינגעהויקערטע גויע, דערנאָך — אַ בחור פון אַ זעלטן הויכן וווּקס און נאָך אַ סך מענטשן פאַזע וואַנט, ווייט אין גאַס אַריין. מיר איז זייער וויכטיק זיך איינצייכענען די נאָנטסטע שכנים, ווייל דאָ איז אַן „אָטשערעד" נאָך ברויט, און ווו עס האַנדלט זיך וועגן ברויט, מוז מען זיין פאָרזיכטיק. עס קען אַלץ פּאַסירן, אָנהויבנדיק פון דעם, אַז די הינטערשטע זאָלן אָנהויבן זאָגן, אַז דו ביזסט דאָ נישט געשטאַנען און דיך פשוט אַרויסשטופן. אָדער אין שטופּעניש קענסטו פאַרלירן דיין פּלאַץ און מער אים שוין נישט קענען אויפזוכן. דאָס לעצטע איז זייער מעגלעך, נעמענדיק אין אַכט, אַז די „אָטשערעד" שטייט אָפּ טעג, און איינער פון אַ משפחה בייט איבער דעם צווייטן. אָט האָט פּאַפּאַ נעכטן אין אָוונט זיך געשטעלט אין ריי, ערשט בין איך אויף זיין פּלאַץ, און פאַר מיר איז שוין געשטאַנען פריידקע און מישא. אַזוי איז מיט אַלעמען. איין מענטש קען נישט אָפּשטיין אַזוי לאַנג, וויפל עס קומט אויס, כדי צו דערגיין ביז

דער בעקעריי און קריגן דעם חלק, וויפל עס קומט זיין פאַמיליע. בייטן זיך בסדר אַלע, וואָס שטייען פאַר דיר און הינטער דיר, און יעדעס מאָל ווי איינער קומט באַפרייען דעם צווייטן, זאָגט מען: אָט גיי איך אַוועק, אויף מיין אָרט שטעלט זיך דער. און מערסטנטייל גיט מען צו, אַז דאָס איז אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ זון, אַ טאָכטער. אַז מען זאָל האָבן כּוח אַליין דורכצושטיין די גאַנצע „אָטשערעד", קאָן מען זיך באַקענען מיט דער גאַנצער משפּחה פון יעדן איינציקן פון דיינע שכנים.

די „אָטשערעד" שטייט, די בעקעריי איז פאַרמאַכט, דאָס ברויט באַקט זיך. לויט דער אויסרעכענונג פון מיינע אַרומיקע, וועלן מיר ערשט קענען קריגן ברויט פון צווייטן אויוון, אַזוי אַז צו וואַרטן איז נאָך גאַנץ גענוג. גיכער פאַר אַלץ וועט ווער פון אונזעריקע מיך נאָך באַווייזן אויסצובייטן. איך שטיי אָנגעשפּאַרט אין וואַנט פון מויער. די האַרבסטיקע זון וואַרעמט מיך און מאַכט מיך שלעפעריק. איך הער זיך צו, ווי פון זייערע ערטער רעדן זיך דורך דאָס שיינע מיידל מיטן הויכן בחור. דער געשפּרעך איז זייער אַ אינטערעסאַנטער. זיי רעדן עפּעס וועגן דעם וואָרט „מענטש" און דאָס וואָרט „פרוי". דאָס מיידל הנדלט זיך מיט איר שטים, און ער, דער הויכער, האָט גרויס פאַרגעניגן, רעדט וועגן „מענטש" און מענטשהייט, און שמייכלט אַ ביסל אומבאַקוועם און נאַריש. די אַלטע גויע ערקלערט דער צווייטער אין טוך, ווי אַזוי מען דאַרף קראָפּעווע צוגרייטן, כּדי מען זאָל עס קענען עסן, זי גיט נאָך צו — עס איז געשמאַק און געזונט, און ווייזט אָן, ווי דאָס וואַקסט לרוב. איך טראַכט, אַז גוט וואָלט געווען, עס זאָל פּאַסירן ערשט אַזוי ווי איין מאָל מיט פּאַפּאַן. ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַן „אָטשערעד" און פלוצלונג איז געוואָרן אַ געדראַנג און מען האָט אים אַריינגעשפּאַרט אין קראָם, און ער איז געקומען גלייך אַ היים מיט ברויט, בשעת אַנדערע זענען טעג דאָרט אָפּגעשטאַנען. מען וואָלט מיך דאָס ערשט אויך אַזוי אַריינגעשפּאַרט גלייך אין בעקעריי.

מען טיילט שוין ווידער ברויט. זייער פּאַוואָליע, טראָט ביי טראָט רוקט זיך די ריי פאָרויס. מען היט דאָס מאָל זייער גוט, אַז קיין זייטיקע זאָלן זיך נישט אַריינשמוגלען. דאָס איז זייער גוט, אַ נישט קען מען אָפּשטיין יאָרן.

איך בין דערגאַנגען נישט ווייט פון טיר, און דאָס ברויט האָט זיך געענדיקט. איצט וואַרטן מיר אויף אַ נייעם אויוון. ווי שפּעט עס איז, ווייס איך נישט, נאָר איך ווייס, אַז איך שטיי שוין דאָ זייער אַ לאַנגע צייט, ווייל אַלעמען אַרום מיר האָט מען שוין איבערגעביטן. וויילעווייז ווער איך אין פּעס אויף יעדערן פון אונזער שטוב, פאַרוואָס קיינער קומט נישט מיך פאַרבייטן. איך טראַכט, אַז איך וואָלט געדאַרפט אַוועקוואַרפן די „אָטשערעד" און קומען אַהיים און זאָגן: „אָט נאַט אייך, איר האָט געמיינט, אַז קיינער וועט נישט קומען, וועל איך מוזן שטיין, איר האָט זיך געפוילט מיך אומצובייטן און מיך געלאָזט אַ גאַנצן טאָג אָן טרינקען, אָן עסן. ערשט וועט איר שוין האָבן ב״ויט". איך האָב הנאָה אַזוי צו קלערן און שטעל זיך בשעת מעשה פאָר, וואָס יעדער פון שטוב וועט זאָגן, וועלכע געוואַלדן מען וועט מאַכן, און אַז זיי וועלן האַלטן, אַז איך בין גאָר משוגע געוואָרן, און איך גיב אַלץ צו: אָבער זיי זענען ווערט, אַזיי מוז מען טון.

איצט רעכן איך שוין, אַז אייגנטלעך, האָט מישאַן זיך אויך פריער געמוזט אויסדאַכטן, אַז מען לאָזט אים דאָ שטיין צו לאַנג, וואָרום ער האָט זיך זייער דערפרייט, אַז איך בין געקומען. פריידקע האָט אויך געמוזט אַזוי מיינען, און פּאַפּאַ איז דאָך דאָ אָפּגעשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט. די נעכט זענען ערשט קאַלטע. בעסער פאַר אַלעמען איז מיר. פריידקען באַגינען האָט געמוזט שוידערן. מישאַן האָט נאָך אויך געמוזט זיין גוט קאַלט. מיר איז אָבער וואַרעם פון זון, אפשר נאָך הייס, און דאָס איז אנגענעם. באַלד קומט פריידקע, אָדער גאָר פּאַפּאַ. איך קום אַהיים און אין אַ ווײַלע אַרום ברענגט ער דאָס ברויט. מיר מאַכן טיי און עסן זיך גוט אָן. ניין, עס איז אַ סך בעסער, איך זאָל אַליין ברענגען דאָס ברויט. באַלד נעמט מען

שוין ווידער טיילן, עס וועט נישט לאַנג דויערן. אויפן וועג וועל איך אָפּגריבלען אַ קליין שטיקעלע פּאַרן שטיין אַזוי לאַנג. איך וועל אָפּברעכן. און פּאַרוואָס נאָר אַ שטיקעלע? אפשר אַ גאַנץ שטיקל. איך וועל אויפן וועג אויפעסן מיין חלק. שפּאַצירן און עסן איז נאָך פיל בעסער, ווי אין שטוב ביים טיש. איך וועל גיין אַהיים מיטן זוניקן טראָטואַר און קייען פּאַוואָליע מיין חלק.

ביי אונז איז שוין שאָטן. מען זאָגט, אַז באַלד וועלן מיר זיך שוין אָנהויבן ריירן. איך וויל עסן. נו, וואָס וואָלט געווען, ווען מען בייט מיך אום? אין דער היים איז סיי-ווי-סיי גאָרנישטאָ. זיי מוזן וואַרטן אויף מיר נאָך אומגעדולדיקער, ווי איך וואַרט אויף זיי.

איך בין שוין נאָענט. איך בין שוין אין טיר. איך בין שוין אין בעקעריי. מען וועגט שוין פּאַר מיר ברויט. איך האַלט שוין דאָס ברויט אין האַנט. אָנדערהאַלבן פונט ברויט. דאָס ברויט איז וואַרעם, פריש. וואַרעם ברויט שמעקט, וואַרעם ברויט איז געשמאַק. איך גיי אויפן זוניקן טראָטואַר. מיין חלק איינגאַנצן דאַרף איך נישט אויפעסן, אָבער אַ פּערטל פון אים יאָ. אוי, ווי געשמאַק עס איז, נאָך איין שטיקעלע... נאָך אַ ביס...

אַז איך קום אין שטוב, ווערט דאָס אַ טומל — לייבקע איז דאָ... ער האָט שוין ברויט. טיי, שטעלט צו טיי. מען נעמט צו פון מיינע הענט דאָס ברויט, און גלייך אַ געוואַלט:

— לייבקע, דו האָסט דאָך אויפגעגעסן דאָס ברויט!

— וואָס חלומט זיך דאָס אייך, זאָג איך, אָט איז עס דאָך.

— משוגע ביסטו, מער ווי אַ העלפט האָסטו אויפגעגעסן.

— עס דאַכט זיך אייך. אַ פּאָר קלייגע שטיקעלעך האָב איך נאָר אָפּגעבראָכן.

— אַ שיין קליין שטיקעלע... זע נאָר וואָס עס איז געבליבן...

— דו ביזסט נישט שולדיק, ביסט געגאַנגען פאַרחלומט און אַליין נישט באַטראַכט, וויפל דו עסט...

— עס איז נישט אמת. ווער איך אין כּעס, אַזויפיל האָב איך געקראָגן, אַזויפיל האָב איך געבראַכט. אַ צווייטן מאָל מעגט איר מיך אין „אָטשערעד" נישט שטעלן, און דאָס, וואָס איך האָב אויפגעגעסן, איז געווען מיין חלק. איך האָב געהאַט רעכט דאָס אויפצועסן אין וועג. איר קענט מיר מער נישט געבן...

— עס וועט זיין געגוג וועגן דעם, זאָגט מאַמאַ, גייט עסן...

מיר האָט מען אויך געגעבן אַ שטיקל ברויט. ביים אָנ־הויב האָב איך זיך געקידיקט און נישט גענומען. דערנאָך בין איך בעסער געוואָרן און געגעסן גלייך מיט אַלעמען. אין שטוב אָבער האָט מען דאָס נישט פאַרגעסן, און זייער אָפט הער איך: „עס זאָל נישט זיין ווי מיט לייבקען, מיט דעם ברויט". טאָמער שיקט מען מיך אָדער אַן אַנדערן נאָך עפּסנוואַרג, אָדער ווען מיר עסן פון איין טעלער און איינער הויבט אָן צו עסן צו שנעל, ווערט גלייך געזאָגט: „טראַכט, וואָס דו טוסט, אַ נישט וועט זיין ווי דעמאָלט מיט לייבקען". מיר פאַרדריסט דאָס זייער, איבערהויפּט ווייל איך בין זיכער, אַז איך האָב דעמאָלט זייער ווייניק אויפגעגעסן. אַלץ וואָס איך האָב געקניבלט פון דעם אויבערשטן, האָט עס אויסגעזען, ווי עס פעלט אַ סך, אָבער זיך פאַרענטפערן פאַר אונזעריקע טאָר מען נישט. זיי גייען גלייך אַרויס מיט אַ געלעכטער. לאָזן זיי לאַכן. איך ווייס, אַז עס איז אינגאַנצן נישט אמת, דאָס איך האָב אויפן וועג אויפגעגעסן אַ העלפט פון דעם ברויט. איך בין דאָך נישט קיין משוגענער און נישט קיין גנב, איך זאָל צונעמען אַ העלפט פון דער פאָרציע, וואָס איך קריג פאַר אונז אַלעמען, נאָכדעם ווי מיר שטייען אָפּ אַ מעת לעת אין „אָטשערעד".

נישט קוקנדיק, וואָס מיר זענען גאַנצע טעג און אַפילו נעכט פאַרטון אין זוכעניש נאָך עפּעס וואָס פון שפּייז, און באַ

נוצן אַלע חכמות, וואָס זענען דאָ אויף דער וועלט, און זשאַ-
לעווען נישט אַוועקצוגעבן וואָס מיר פאַרמאָגן נאָר — האָבן
מיר דאָך די וואָך מער ווי אַ ביסל מעל נישט געקראָגן. און
ביז פון דער מעל איז געוואָרן ברויט, איז אונז נישט לייכט
אָנגעקומען, ווארום צו געפינען היינט האָלץ אָדער קוילן איז
אַזוי שווער, ווי ברויט גופא. אויף אויפצוקאָכן אַ ביסל גע-
קעכץ, אויף צו מאַכן אַ גלאָז טיי זאָרגן שוין איך, מישא און
דאָד. דאָס קומט אונז אָן נישט גרינג. די שטאָט איז געבויט
פון ציגל שטיין. קיין הילצערנע פאַרקאַנס זענען כמעט נישטאָ.
די האָלץ-און קוילן-סקלאַדעס שטייען פוסט. אויסער דער שטאָט
קען מען קיין בוימעל נישט טרעפן, אַלץ סטעפ און סטעפ. נאָר
אונז העלפט אַרויס, וואָס אנדערע הייזער האָבן בריקלעך, גאַ-
ניקלעך, און אַנדערע הילצערנע טיילן. צו דעם דאַרף מען צו-
רעכענען אַלטע מעבל און ביכער, וואָס מען באַנוצט אין אַנ-
דערע פאַלן. מאַכן און אויפהאַלטן אַ פייער איז נישט אַזוי
פשוט, ווי מען קען מיינען, איבערהויפט ווען מען דאַרף זיין
שפּאָרזאַם. דען מען קען גאָר קיין צנונג נישט האָבן, וואָס אַ
פייער קאָן אויפפרעסן, ביז ער קאָכט וואָס אויף אָדער באַקט
וואָס אויס. אָט, למשל, ווייסן מיר שוין, אַז כדי צו מאַכן
שנעל טיי דאַרף מען ערשטנס, גוט פאַרשטאָפּן דעם שנויץ פון
טשייניק: אונטער דעם דעק מיז מען אונטערלייגן פּאַפּיר, אַזוי
אַז ער זאָל זיך גוט אַריינפרעסן. עס שאַט אויך נישט פון
אויבן נאָך באַדעקן מיט אַ האַנטוך. דאָס האָלץ דאַרף מען
אויך אונטערלייגן מיט שכל: עטלעכע גראָבע שטיקלעך, אַלס
פונדאַמענט, די איבריקע צושניידן אין אַ סך דינע שפּענדלעך,
אַזוי אַז עס זאָל ברענען מיט אַ גרויסן פלאַם. דאָס גרויסע
פייער טאָר אויף איין מינוט נישט אָפּלאָזן, אַנישט איז גלייך
נויטיק טאָפּלט האָלץ. ווי דער טשייניק הויבט אָן זינגען, טאָר
מען שוין דעם מאָמענט נישט דורכלאָזן און מען מוז אָנהויבן
אונטערצולייגן פּאַפּיר, אָבער נישט קופּקעסווייז, נאָר בלאַט ביי
בלאַט, דער פלאַם זאָל גיין אויפן טשייניק און זאָל זיך נישט
שטיקן, און ווי עס קאָכט אויף, דאַרף מען מאָמענטאַל פאַר-

לעשן, ווייל דאָס איבערגעבליבענע האָלץ איז טרוקן און קען גיין אויף אַ צווייטן מאָל.

אָבער אויסבאַקן ברויט איז נישט אָפּקאָכן אַ ביסל טיי. בין איך, מישאַ און דאָד אַרויס אין גאַס, געגאַנגען אַ רעכט ביסל צייט און קיין פּאַסיקעס נישט געפונען. פּלוצלונג שטעלט זיך דאָד אָפּ און ווייזט אויף אַ פענסטער פון אַ הילצערנעםביידל אויפן מאַרק. אין פלוג האָבן מיר אים נישט פאַרשטאַנען, נאָר באַלד געכאַפּט, אַז ער מיינט דעם לאָדן, וואָס הענגט אויף האָקעס, אָנגעשפּילעט מיט אַ רינגעלע צו דער וואַנט. נישט קיין שלעכטער לאָדן – זאָגט דאָד, טרוקן ווי צונט, און האָלץ האָט ער אין זיך גענוג און גענוג אויף אונזער ברויט. אַז מיר ענטפערן אים, דאָס עס איז טאַקע אַזוי, ווי ער זאָגט, אָבער אין ביידל איז מען דאָך דאָ, זאָגט דאָד: וועמען אַרט עס? פאַרקערט, עס איז נאָך בעסער. זייענדיק אינעווייניק, קענען זיי דאָך נישט וויסן, אַז מיר טוען אויס דעם לאָדן. דורך דער וואַנט זעען זיי דאָך נישט. ביינאַכט, ווען זיי וועלן גיין אים צומאַכן, וועלן זיי זיך ערשט כאַפּן, און דאָס וועט דאָך זיין, ווען דער לאָדן וועט שוין זיין אַרויסגעפלויגן דורכן קוימען און דאָס ברויט פאַרטיק. — אָבער דאָד — טענה איך, עס איז דאָך פול די גאַס מיט מענטשן. — טאָ וואָס ווילסט איר, מאַכט ברוגז דאָד, איך זאָל זיי פאַרבאָטן אַרומצוגיין? און וואָס שטערן זיי? מיר נעמען דעם לאָדן אויף די פּלייצעס און גייען. וואָס קענען זיי וויסן, וווהין מיר טראָגן אים, אפשר גאָר פאַררירכטן. זיי ווייסן, ווער מיר זענען? און סתם מישט זיך קיינער נישט אַריין. אַלע שווייגן איצט. מיר זענען מיט דעם נישט מסכּים, דאָד היצט זיך און וויל אונז איבערצייגן, אַז עס איז נישטאָ קיין פּשוטערע זאַך, ווי ערשט אַראָפּצונעמען דעם לאָדן. „דו ביסט אַן אַלטער פּחדן" — זאָגט ער צו מיר, אין כּעס וואָס איך רייד אים אַנטקעגן. מיר פאַרדריסט דאָס, און איך הויב אָן מיט היץ אים דערווייזן, אַז זיין פּלאַן איז משוגע. דערווייל באַמערק איך נישט אַ שטיין אין מיטן וועג און צע-קלאַפּ זיך דעם גרויסן פינגער ביז בלוט. איך שפּרינג אונטער

פֿון ווייטאָג אויף איין פוס, האַלטנדיק פעסט צוגעדריקט צו דער ליטקע דעם צעקלאַפּטן נאָגל. דערפֿון ווערט עטוואָס גרינגער און עס הערט אויף צו לויפֿן בלוט. — אַז דאַרקע פּאַרטומלט דעם קאָפּ מיט זיינע נאַרישע פּלענער — זאָג איך מיט פּאַרדרוס. אייגנטלעך, איז דאָד דאָ גאָרנישט שולדיק, נאָר איך האָב אויף אים אַ האַרץ, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז איך בין אַ פּחדן פֿון אַלעמאָל. דאָד ענטפֿערט גאָרנישט, ער פּאַרשטייט, אַז מיר טוט וויי, וויל ער זיך מיט מיר נישט קריגן. אין אַ ווײלע אַרום גייט דאָד אַוועק פֿון אונז. מישא שרייט אים אונטער: ווו לויפסטו? נאָר ער ענטפֿערט נישט. אַזוי איז אַלעמאָל, אַז עס גייט נישט, גייט גישט, און איידער איך קום מיט מישאַן אין שטוב, צעקלאַפּ איך זיך נאָכאַמאָל דעם זעלבן פֿינגער. אין שטוב געדויערט אַ רעכטע צייט, און דאָדקע איז נישטאָ.

טאָ ווו איז ער? ביי אונז טראַכט מען אַלץ וועגן עטלעכע שייטלעך האָלץ אויסצובאַקן דאָס ברויט, און איך און מישע באַראַטן זיך, וואָס טוט מען פּאָרט. אומדערוואַרט באַווייזט זיך דאָד מיט אַ גרויסן לאָדן אויף די פּלייצעס. די גאַנצע שטוב נעמט אים אויף, ווי אַ חעלד. ער רעדט אָבער ווינציק. דעם לאָדן צעהאַקן מיר תיכף איף שפּענער, מען זאָל אים נישט קאָנען דערקענען, און באַהאַלטן דערווייל דאָס האָלץ אונטערן בעט. ביינאַכט וועלן מיר באַקן. דאָד זאָגט, אַז איך מיט מישאַן זענען גרויסע טיפּשים און איבער אונז האָט ער אַזאַ שווערן לאָדן געדאַרפט טראָגן איינער אַליין אַזוי לאַנג אויפֿן רוקן. ער האָט דאָך געמוזט גיין אַרום און אַרום, מען זאָל נישט וויסן, וווהין ער טראָגט עס.

פֿון דעם אויסגעבאַקענעם ברויט איז אונז געבליבן איין ל[illegible]בל. מסתמא וועלן מיר וואָס נישט איז קריגן אונטער דער צייט, נאָר אַ טאָג, צוויי וועט שוין באַשטימט אויסקומען אונ-

טערצוהונגערן. און עפּעס דאַכט זיך מיר, אַז מען זאָל מיר ערשט געבן אַ שטיק ברויט, איך זאָל קענען קייען מיט די ציינער גרויסע ביסנס און שלינגען, וואָלט איך געווען זאַט פון דעם אַ פּאָר טעג. איך רעכן, אַז איך בין אַלץ הונגעריק צוליב דעם, וואָס איך האָב שוין נישט געגעסן לאַנג אַ סך מיטאָמאָל, אַלץ צו ביסלעך און צו ברעקלעך... איך וואָלט זייער געוואָלט, אַז מען זאָל מיר אַוועקגעבן מיטאַמאָל מיין גאַנצן חלק ברויט און נישט מוצקעסווייז, ווי מאַמע טוט עס, צו עטלעכע מאָל אין טאָג, וואָס דו פּילסט גאָרנישט ווי דו עסט. דאָד און מישא ווילן אויך אַזוי, אָבער מאַמא איז וועגן דעם אַן אַנדער מיינונג. זי זאָגט, אַז אויב זי וועט אונז אַוועקגעבן מיט איין מאָל גאָר, וועלן מיר גלייך אויפעסן, דערנאָך זיך אויסהונגען און קומען בעטן ווייטער. „וואָס וועל איך אייך דאַן געבן? וועט איר זיך צעוויינען, וועט בעסער זיין?" מיר זאָגן צו, דאָס מיר וועלן מער נישט בעטן און אַוודאי נישט וויינען, אָבער עס העלפט נישט. מאַמאַ בלייבט ביי איריקן, גיט יעדן אַ קליין מוצקעלע ברויט, און דאָס איבריקע וויקלט זי איין אין אַ האַנטוך און באַהאַלט, מיר זאָלן נישט זען ווו, אויף שפּעטער. צו מאַמאַ קען מען גאָרנישט האָבן. ווינציקער פאַר אַלעמען עסט זי אַליין, נישט קוקנדיק וואָס זי איז שוואַך, און מיר בעטן, זי זאָל עסן מער. איך דערמאָן מיך, ווי די ערשטע צייט, אַז עס איז געוואָרן דער הונגער און מאַמאַ האָט אונז אָנגעהויבן טיילן שטיקלעכווייז און באַהאַלטן דאָס ברויט, פלעג איך, מישא און דאָד אַן אַנדערש מאָל זיך אַריינכאַפּן, ווען קיינער איז נישט געווען אין שטוב, און אויפזוכן דאָס באַהאַלטענע ברויט. מיר פלעגן עס געפינען צופּיסנס אין בעט אָדער אין נאָך אַזעלכע ערטער, פלעגן מיר אָפּשניידן דריי דינע מוציאס, פאַרוויקלען און אַוועקלייגן אויפן זעלבן אָרט דעם לאַבן. מאַמאַ פלעגט שטענדיק זיך כאַפּן, אַז מיר זענען געווען ביים ברויט. זי פלעגט אונז נישט אויסרעדן, נאָר בייטן דאָס באַהעלטעניש. איצט וואָלטן מיר דאָס נישט געטון, כאָטש מיר דאַכט זיך שטאַרק, אַז מ׳ט איין ביסן ברויט וואָלט איך גוט

זאַט געוואָרן, וואָלט איך דעם ביסן נישט גענומען, וואָרום ערשט איז מיט עסן אַ סך ערנסטער, ווי דעמאָלט.

מאָדנע איז עס. ביסטו הונגעריק, פילסטו שוין איינמאָל אַ טעם. מען ווערט פשוט אויס מענטש. ביסטו אָבער זאַט, איז דאָס אַזוי נאַטירלעך, אַז דו פילסט גאָרנישט. אַ גרויסע הנאה איז אָבער זיך אָנעסן זאַט נאָך אַ לאַנגען הונגער. איך רעכן, אַז דער הונגער וועט זיך דאָך וועט עס איז ענדיקן, און ברויט וועט זיין וויפל עס וועט זיך גלוסטן. דעמאָלט וועל איך אַרומגיין שטענדיק מיט גוטע שטיקער ברויט אין די קעשענעס און האַלטן אין איין קייען. אָט וועט דאָס זיין אַ גן-עדן. אַזוי ווי היינט, דהיינו. עס גיבן זיך איין מזלדיקע טעג. אַזוינער איז אויך היינטיקער טאָג, מיט וועלכן מיר זענען אַלע שרעקלעך צופרידן. און עס איז דאָ מיט וואָס. אַזוי איז דאָך שוין אויף דער וועלט: גייט עס נישט — העלפט גאָרנישט, וואָס זאָלסט נישט טון, וויפל דו זאָלסט נישט אַרומלויפן, קענסט אַרויסשטעקן די צונג. גייט עס אָבער אַוועק, איז עס שוין אָן אַ מאָס. אָט האָט זיך אונז געמאַכט אין אַ פּאָר שעה, אין דערפרי, צו קריגן דריי ציבעלעס: מען קען אַפילו זאָגן, אַז פיר, מחמת איין ציבעלע איז זייער אַ גרויסע, באַלד אַזוי ווי צוויי, און צו דעם קריגן מיר נאָך אַ גוטע פלאַש בוימל, איז דאָך שוין גוט. פּאַסירט אָבער אַ ביסל שפּעטער, דאָס מיר באַקומען ריכטיק טאָפּלט ברויט, ווי מיר האָבן גערעכנט. אויב אַזוי — האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן אַ פיינע סעודה. אין פרעגל-פאַן האָבן מיר אַריינגעבראָקט אַ ציבעלע, אַרויפגעגאָסן אייל, און דאָס אַלץ אַביסל דורכגעפּרעגלט. עס קריגט זיך דאַן אַ מערקווירדיקער טעם: עס איז געשמאַק און זעלטן געזונט. די פאַן הייסן אייל האָבן מיר אַוועקגעשטעלט אין מיטן טיש, אַלע האָבן זיך אַרומגעזעצט. פון אונזער ברויט האָבן מיר אָפּגעטיילט אַ העלפט, דאָס צעשניטן אין מוציאס, אָבער נישט צעטיילט יעדן אַ פּאָרציע, נאָר געלאָזן פריי אויפן טיש, און יעטוועדער האָט געגעסן פריי, וויפל ער האָט געוואָלט. דעם פאַרגעניגן פון אַזאַ עסן קען מען זיך פאָרשטעלן. דו קריגסט די פול-

קאָמסטע פֿאַרשטעלונג, אַז ברויט און אייל איז דאָ כאָטש זיך צו באָדן, און דו ווערסט ממש זאַט פֿון דעם געדאַנק אַליין. מיר האָבן אַלע געטונקען דאָס ברויט אין אייל און געגעסן.

מער פֿון אַלץ אין דער וועלט האָט מיין מאָגן האָלט פּעטס, קריגט ער אַביסל פּעטס, שפּרינגט ער ביי מיר פֿון שמחה, און אַלץ אין מיר ווערט אָנגעגאָסן מיט אַזאַ מין צופֿרידנהייט, אַז מיר ווילט זיך פֿון תּענוג איינשלאָפֿן. אַלץ ווערט אין מיר אַזוי פֿויל. די אויגן קלעפּן זיך, די הענט, די פֿיס הויבן זיך ניט, דער קאָפּ וויל נישט טראַכטן, אַלץ וויל דרעמלען, אָבער איך סטאַרע זיך נישט צו שלאָפֿן. איך זיץ אויפֿן בריקל אַנטקעגן דער זון אינאיינעם מיט דאָדן און מישאן. מישא טראַכט עפּעס, דאָד דרעמלט. איך קלער, אַז ערשט איז נישט די צייט פֿון שלאָפֿן. שלאָפֿן דאַרף מען, ווען דער מאָגן איז ליידיק, אָבער ערשט ווען מיין בויך איז אַזוי צופֿרידן, וויל איך פֿון אים הנאה האָבן, און אַז מען שלאָפֿט, פֿילט מען דאָך גאָרנישט. — לייב, רופֿט זיך אָפּ צו מיר מישא — דו ווייסט, אַז אַ מענטש איז זאַט, זעט אים אויס די וועלט גאָר אַנדערש, ווי בשעת ער איז הונגעריק?

מיר האָבן שוין לאַנג נישט געהערט שיסן און נישט געהאַט קיין שרעק. די באָלשעוויקעס זאָגן, אַז איצט זענען זיי שוין געקומען אויף אייביק, און קיינער וועט זיי נישט פֿאַרטרייבן פֿון דאַנען. מאַכנאָען, מיט וועמען די ווייסע האָבן זיך נישט געקענט אַן עצה געבן, האָבן זיי אין איין קוק פֿאַריאָגט, און אויך אַלע איבעריקע מינים באַנדעס. מען קען ערשט יעדע נאַכט זיך רוהיק אויסטון און זיך לייגן שלאָפֿן. די „רויטע" האָבן צוריק גענומען איינשטעלן די אָרדענונג, וואָס זיי האָבן שוין איינמאָל ביי אונז גענומען איינפֿירן, נאָר מען האָט זיי דעמאָלט געשטערט. איצט זאָגן זיי צו עס דערפֿירן ביז אַ סוף און נישט שוינען קיינעם, ווער עס וועט זיך שטעלן אין וועג. אין שטאָט קומען אָפּט פֿאָר פֿאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע

די באָלשעוויקעס דערקלערן דעם עולם, ווי אַזוי זיי מיינען איבעראַנדערשן דאָס לעבן. מיר, מישאן און דאָדקען געפעלט אָבער בעסער אַ קאָנצערט-מיטינג. אַ קאָנצערט-מיטינג איז אַזאַ זאַך: אין אַ גרויסן זאַל קומען זיך צונויף מענטשן — ווער עס וויל נאָר, פאַר אַלעמען איז דער אַריינגאַנג פריי. אַלע זעצן זיך אויס, און טאָמער עס קלעקט נישט קיין שטולן, בלייבן די איבעריקע שטיין. איינער שטעלט זיך פאַר אַלעמען אויף דער סצענע און רעדט, אַז אַלע זאָלן הערן און פאַרשטיין. דער רעדנער איז אַלעמאָל אַ מענטש, וואָס ווייסט דעם אמת, און ער זאָגט עס אַלעמען אויס. ווען דער עולם איז מיט אים מסכים, פּאַטשט מען בראַוואָ. דאָס טוט מען צום שלוס פון דער רעדע, אָדער אַפילו אין מיטן, ווען דעם רעדנער גיט זיך איין צו זאָגן אַ שטאַרק געלונגען וואָרט. דאָס פאַרגאַנגענע מאָל, למשל, האָט איינער אויסגעשריען: „מיר וועלן אומקומען, אָבער פאַר די צוקונפטיקע דורות וועלן מיר ברענגען גליק", איז דאָס דעם עולם זייער געפעלן געוואָרן, און אַלע האָבן אָנגעהויבן צו פּאַטשן מיט די הענט.

איך, מישא און דאָד זיצן, פאַרשטייט זיך, אין דער ערשטער ריי, דען מען זעצט זיך אויס לויטן קומען, און אַזוי ווי מיר זענען געקומען די ערשטע, זיצן מיר די ערשטע. מיר הערן זיך צו צו די רעדנער. דאָדקע געפינט איין, אַז זיי רעדן נישט שלעכט און גאַנץ הויך און דייטלעך. מיר פּאַטשן גערן בראַוואָ און וואַרטן מיט אומגעדולד, עס זאָל זיך אָנהויבן דער צווייטער אינטערעסאַנטער טייל – דער קאָנצערט. נאָך די אַפּלאָדיסמענטן קען מען זען, אַז נישט נאָר מיר אַליין, נאָר דער גאַנצער עולם וויל הערן אַ ביסל מוזיק. באַלד גייט מען אַרויס אויף דער בינע און מען מעלדעט, אַז דער קאָנצערט הייבט זיך אָן. איבערהויפּט געפעלט מיר איינע אַ זינגערקע. זי זינגט תּמיד צוויי לידלעך. איינס עפּעס נישט קיין קלאָרס, וועגן אַ קוש, און אַ צווייטס, אַן אומעטיקס, וועגן אַ טורמע. זי זינגט גוט. אַ ביסל שטערט נאָר הערן די פּיאַנאָ. נאָך איר גייט אַרויס אַ יינגערמאַן און זינגט מיט אַ באַס. דערנאָך דע.

קלאַמירט אַ מיידל אַ פיין לידל וועגן דער צוקונפט. מיר פּאַטשן אלע־מען שטאַרק בראַוואָ. און ווי מיר ענדיקן פּאַטשן, מעלדעט מען אונז, אַז עס איז שוין געענדיקט. אָבער מיר פאָדערן נאָך, אַלע שרייען אַזוי, אַז מיר פירן אויס, און די ערשטע זינגערין קומט אַרויס און זינגט אונז אָפּ וועגן פרילינג, מיר פּאַטשן איר אָפּ בראַוואָ און בעטן נאָך. עס געדויערט אַ ווײַלע, זיי זעען, דאָס מיר הערן נישט אויף, גייט אַרויס ווידער דער באַס און זינגט עפּעס אָפּ אַזוי האַסטיק, אַז מען קען גאָרנישט כאַפּן, וואָס ער זינגט. מיר אַפּלאָדירן, וויפל אים קומט, נאָך אונזער מיינונג, און וואַרטן ווייטער, אָבער דאָס ווייטערדיקע קלאַפּן העלפט שוין נישט, און מען דערקלערט דעם מיטינג־קאָנצערט פאַר גע־שלאָסן. דעמאָלט שטעלן מיר זיך אַלע אַוועק און זינגען אויס מיט כבוד אַ באַוווּסט לידל, און צעגיין זיך צופרידענע אַ היים.

21. אַ ווינטער

די פענסטער שטייען ביי אונז פאַרפרוירן, ווי די בערן, עס האָט זיך אויף זיי אָנגעלייגט אזא דיקקייט פון אייז און שניי, אַז עס לאָזט באַלד די שיין נישט דורך. אין שטוב שטייט אַ קעלט, אז עס פאַרפרירט גלייך דער אָטעם פון מויל, מיר ליגן אַלע אָנגעטועגערהייט, נאָר אָן שיך, אין די בעטן, אַרומגעדעקט מיט אַ באַרג פון קישנס און מאַנטלען. פאַפע קריכט אַרויס פון בעט און זאָגט: מיר וועלן מאַכן וואָס צו עסן. אויף היינט האָבן מיר דריי בולבעס, צוויי לעפל מעל, און אַ טעלער פון נעכטן איבערגעלאָזענע געדיכטע אויסגעקאָכטע רייז. פאַפע צודריקט די אויסגעקאָכטע בולבעס און מישט זיי אַריין אין טעלער רייז. דערנאָך שיט ער אַריין די פּאָר לעפל מעל און קנעט דאָס אַלץ גוט דורך מיט אַ ביסל וואַסער און עטוואָס זאַלץ - באַקומט זיך אַ גאַנצער טעלער טייג. פאַפע ברעכט אָפּ פון שאַפע אַ ברעט. אַזוי ווי אַלץ פון אונזער מעבל, וואָס מיר פאַרנוצן אויף פייער, ברעכט פאַפע די שאַפע מיט רחמנות. פריער האָט ער ברעטווייז אָפּגעריסן זיין רוקן (סיי ווי סיי זעט מען נישט), אַ צווייטן מאָל האָט ער זיך גענומען צום דעק, וואָס טיילט אָפּ די שופלאָדן. ווייטער איז נעגאַנגען איין שופלאָד נאָכן אַנדערן. שפּעטער דער דאַך. אַלץ מיט אַזאַ סדר, ווי מיר וואָלטן האָפן אַז אָט וועט פּאַסירן אַ נס און פון שאַפע וועט עפּעס פּאָרט בלייבן. היינט האַלט שוין פאַפע ביי די פאָדערשטע טירן. דאָס ברעטל צושניידט ער זיין דינע שפּענדלעך און מאַכט דערמיט אָ פייער. אויף אַ טרוקנער

פרעגל-פאן לייגט ער אויס פלעצלעך פון דעם טייג און באקט עס אויפן פייער, אויסער דעם קאכט ער אויף א טשייניק וואסער. מיר זעצן זיך ביי דעם בעט, ווו עס געפינען זיך מאמא מיט מירעלען, און עסן די פלעצלעך פון א געמיש, רייז, בולבעס, מעל און זאלץ געבאקן אויף א טרוקענער פאן, און פארטרינקען עס מיט הייס וואסער, אפגעגעסן — קריכן מיר צוריק אריין אין די בעטן.

א קעלט אין שטוב איז נישט דאס, וואס אין דרויסן. אפילו א גרויסער פראסט קען זיין אין דרויסן אנגענעם· אין שטוב איז אבער א קעלט דאס גרעסטע אפקומעניש· די פרעסט ציען זיך אן אויפהער· איין טאג שטארקער פארן צווייטן און אלץ מער און מער דרינגט דער פראסט אריין אין אונזער נישט געהייצטער שטוב. אלץ שטייט פארפרוירן ביי אונז. גאנצע מעת לעתן קריכן מיר שוין נישט ארויס פון די בעטן, ווו מיר האבן מיט אונזערע לייבער געשאפן א ווארימקייט, וואס מיר דארפן, כדי אונזער לעבן צו דערהאלטן. ווארימקייט איז געגליכן צו לופט. דער מענטש דארף זי אן אויפהער האבן. מען קען דאס נישט אזוי ווי עסן אריינגעמען אין זיך אויף שעהן. קענסט זיך טעג גליען ביי א קאלך אויוון — גייסטו פון אים אין פראסט — פרירסטו שוין גלייך. מיט היץ קען מען זיך נישט אנגרייטן· היטן מיר ווי די אויגן אין קאפ די ווארימקייט אין אונזערע בעטן, און מיר ווייסן, אז ווי לאנג מיר פארלאזן זיי נישט, האלט זי. איך פיל אויף א האר, אויב אין בעט ווערט קילער. דאס טרעפט מערסטנטייל, ווען מען זעצט זיך אוועק. איך טו אפילו אלץ מעגלעכעס, כדי נישט אפצוקילן מיין געלעגער. ווען איך זעץ זיך אוועק, צי איך צו דעם קישן פון צוקאפנס הארט צום רוקן, און די זייטיקע ברעגעס פון דער פערענע צי איך צו צו מיין גוף. דאן איז ווינציקער מעגלעכקייט די ווארימקייט זאל ארויסגיין פון אונטערן צודעק. אויב איך פיל, אז דאס בעט האט זיך פארט אפגעקילט, לאז איך זיך איינגאנצן אראפ אונטער דער פערענע און צי אריבער איבערן קאפ אלץ מיט וואס איך בין נאר צוגעדעקט. איך ליג אזוי א

רעכטע צייט און אָטעם, אָדער איך שלאָף איין אויף עטלעכע שעה. דאַן כאַפּ איך זיך אויף אין אַן אַנגענעמער וואַרימקייט. ביינאַכט באהאַלטן מיר די קעפּ אונטער די פּערענעס, אַ נישט וואָלטן מיר אויפגעשטאַנען אָן נעזער. יעדן פרימאָרגן קריכט פּאַפּע אַרויס פון בעט, פאַרוויקלט זיך די אויערן, די נאָז, אויף די הענט ציט ער אַרויף אַ פּאָר וואָלענע זאָקן, וואָס פאַרבייטן זייער גוט הענטשקעס, און גייט אריינברענגען וואַסער. אַז ער קומט מיטן וואַסער, קלאַפּט ער לאַנג מיט די פיס און רייבט איין האַנט אין דער אנדערער: „אהא, א ברענענדיקער פראָסט דאָס איז... נאָך גרעסער, ווי נעכטן. עס שניידט ווי מיט מעסערס. ווען מיר דאָס באַלד טרינקען אַ הייס גלעזל טיי". פּאַפּע פּאַסט גוט אויף, אַז דאָס פייער פון די שפּענדלעך זאָל טרייבן אויפן טשייניק, און לאַדט אונז איין — ווער וויל זיך אָנוואַרימען ביים פייער אַביסל די הענט. מיר שפּרינגען אַרויס, זשאַלעווען נישט אונזערע הענט, שטעקן זיי פּשוט אין פייער און קוועלן פון נחת: אַ שאָד נאָר וואָס אין רוקן שפּירן מיר די קעלט און מוזן צוריק אַנטלויפן אין די בעטן. די טיי קאָכט. אַ געדיכטע ווייסע פּאַרע גייט פון טשייניק און פילט אָן די שטוב מיט אַ נעפּל, וואָס האַלט אָבער נישט לאַנג. פּאַפּע נעמט דעם קאָכיקן טשייניק, טראַגט אים צו צום פענ-סטער און לאָזט די פּאַרע אויף די שויבן, וואָס זענען שוין אַזוי פאַרפרוירן, דאָס די אויבערשטע פלאַך איז שוין נישט קיין אייז, נאָר א שניי, וועלכער ווערט פון טאָג צו טאָג שוואַרצער. — זעט, ווי עס לאָזט אָפּ די פענסטער, זאָגט פּאַפּע. די שוואַרצקייט אויף די פענסטער ווערט טאַקע דורכ-זיכטיקער און אין שטוב ווערט ליכטיקער. כּדי די גלעזער, וואָס שטייען אין אַזאַ קעלט, זאָלן נישט פּלאַצן, גרייט זיי פּאַפּע פריער צו. ער וואַרימט די גלאָז אַ ווילע אין זיינע הענט. דערנאָך האַלט ער זי אַ ווילע איבער דער פּאַרע פון טשייניק. שפּעטער גיסט ער פאָרזיכטיק אַריין אַביסל וואַרים וואַסער, שווענקט דורך, און ערשט דאַן גיסט ער זי שוין אָן פול מיט הייס וואַסער. די גלעזער זענען ביי אונז, ווי

יי פיל אין שטאָט, פון פלעשער געמאַכטע. מען זעט אָפּצו-
ניידן פון אַ פלאַש די אויבערשטע העלפט, און פון דעם
איבעריקן קריגט זיך גלייך אַ גלאָז. אָבער נישט פאַר אַלעמען
האָבן מיר גלעזער. פאַר וועמען עס קלעקט נישט קיין גלאָז,
קריגט טיי אין אַ טעלער. די טעלער היטן מיר, ווייל היינט
באַקומען אַ טעלער צו קויפן איז אָפּגערעדט, און אויב עס
טרעפט אַמאָל אַ טעלער פאַלט אַראָפּ און צעברעכט זיך, דע-
מאָלט וואַרפן מיר אים נישט אַרויס, נאָר מיר מאַכן אין פאָר-
צעליי לעכעלעך מיט אַן אָל און בינדן צוזאַמען די געבראָכענע
טיילן, און עס ווערט ווייטער א גאַנצער טעלער. מען פאַר-
שמירט מיט אַ שטיקל טייג די שפּאַלטן און לעכלעך און מען
קען אַפילו אין אים עסן זופּ. טרינקען מיר אַלע טיי, ווער פון
אַ גלאָז, ווער פון אַ טעלער. די הייסע גלאָז האַלטן מיר פעסט
מיט די פינגער, און זי וואַרימט די האַנט. מיר זיפּן דאָס
הייסע וואַסער, ביז עס ענדיקט זיך דער טשייניק — אין אַ
ווילע אַרום וועט ווערן פון אים אַ שטיק אייז, און עס איז
אַן עבירה איצט צו לאָזן פאַרפרירן אויפגעקאָכטע וואַסער. עס
איז גוט. דאָס וואַסער דערוואַרימט די ליפּן, דעם צונג, דעם
גומען, דעם האַלז, דערוואַרימט דעם מאָגן און פילט אים אָן,
און אַ מאָגן מוז זיין אָנגעפילט, אויב נישט טשעפּעט ער. נאָכן
טרינקען ווערט אונז גוט וואַרים. עס דאַכט זיך, אַז אין
שטוב איז אַפילו וואַרימער געוואָרן. מיר ציען זיך אויס אונ-
טער אונזער באַדעקונג, און פון צופרידנקייט הויבן מיר אָן
אַ ביסל צו שמועסן. מישא נעמט שוין צום טויזנטן מאָל מיר
און דאָדקען באַשרייבן די מעלות פון די דרום לענדער, און
אַז ער האָט אַ פּלאַן, ווען אַלץ וועט ווערן צוריק רוהיק, זיך
דאָרט באַזעצן, ווייל דאָרט איז אייביק ליכטיק און וואַרים.
מאמא דערהערט עס און זאָגט: וואָלט נאָר דער אומגליק נישט
אַרויף אויף דער וועלט, ווי מען האָט דאָ גופא אויך נישט
געלעבט שלעכט, און זאָלן קומען די אַמאָליקע צייטן, וועט מען
שוין אין די דרום לענדער נישט דאַרפן פאָרן. און די מאַמא
הויבט אָן צו דערציילן, ווי וואַרים עס פלעגט זיין ווינטער

אין אונזער פאַרברענטער דורך דער מלחמה שטוב. די אויערן פלעגן שמעלצן פון חמימה, און וויפל קלאַפּטער האָלץ מען פלעגט אויף אַ ווינטער אָנגרייטן, און ווי מען האָט דאָס צום עסן געהאַט, וואָס א מויל קען ריידן. מען פלעגט זיין ליבן נאָמען דאַנקען, אַז מען האָט נאָר אַפּעטיט געהאַט, צום עסן איז שוין ממילא געווען כּל טוב. מיר הערן זיך צו מיט נייגעריקייט, ווי אַזוי מען האָט דאָס געלעבט. — אפילו ביי אייך, קינדער, פלעג איך זיך דאַרפן לאַנג קליאַנען, ביז איך פלעג פּועלן, איר זאָלט אַביסל מילך טרינקען, אָדער אַ שטיקל פּוטער-חלה אויפעסן.

— גוטע נאַראָנים זענען מיר דאַן געווען, זאָגט צו אונז מישא.

— וואָס האָט איר, קינדערלעך, דענסטמאָל געוווסט. איר האָט דאָך נאָך אין בעט... ווען די מלחמה איז אַרויס, און פון איר זענען אַלע צרות געקומען.

ווי שוין אַ סך טעג, קאָכט היינט מאַמאַ ווידער אויס די איינציקע זאַך, וואָס מיר פאַרמאָגן: גרויפּן. גרויפּן איז אַ זאַך, וואָס קאָכט אָן פון זיך אַליין און ווערט זייער קלייאיק. מאַמאַ קאָכט דאָס אויס געדיכט, באַלד ווי אַ קאַשע, און מיט איין מאָל אויף א גאַנצן טאָג. אַזוי עסן מיר עטלעכע מאָל אין טאָג פאַרעווע גרויפּן. מיר עסן דאָס נישט מיט קיין גרויס אַפּעטיט, אָבער אויך אָן עקל. מיר שלינגען דאָס מיט דער זעלבער תאווה, מיט וועלכער מיר היטן אָפּ דאָס וואַרים אין בעט. מיר ווייסן גוט, אַז די ביידע זאַכן האַלטן אויף אונזער לעבן. נעמען מיר טאַקע אַריין אין זיך גרויפּן, וויפל אונזער מאָגן האָט נאָר אַ נויטווענדיקייט. קיינער פון אונז האָט נאָך אַ שלעכט וואָרט נישט געזאָגט וועגן די גרויפּן, קיינער האָט זיך נאָך נישט אָפּגעוואָרפן פון דעם. מיר באַגרייפן, וואָס

וואָלט שוין פון אונז געווען, אויב ביי אונז זאָל נישט שטיין דאָס טאָרבעלע מיט די דומפּיקע גרויפּן. ווען אַרט שוין ערשט, וואָס עס איז פאַרדומפּן און מאָדנע זויער פון די וועריםלעך, וועלכע עס איז אוממעגלעך אַרויסצוקלאַפּן. מיר איז שוין אַזוי אַלץ איינס, ווייל חוץ דעם ריח, וואָס שטייט אין מיין מויל, פיל איך שוין גאָרנישט. יעדן פרימאָרגן, ווען איך כאַפּ זיך אויף, איז מיין מויל פול מיט בלוט געמישט מיט שפייעכץ, וואָס עס האָט אזאַ ריח, אַז עס איבלט צו אָטעמען. איך דאַרף נאָר אָנרירן די יאַסלעס, אָדער עסן, ווי דאָס לאָזט זיך אַוועק, אַזוי אַז אַלץ וואָס איך עס, איז מיט דעם געמישט און האָט דעם זעלבן טעם. די יאַסלעס זענען רויט אָנגעשטרענגט און אויפגעגאַנגען, אַזוי אויך דער גומען און דאָס גאַנצע מויל. עס איז אַן אָפּקומעניש. די איינציקע זאַך, וואָס איך קען טון, איז וואַשן דאָס מויל מיט קאַלט וואַסער. ביי אונז האָבן דאָס איך און מישא. מיר קענען זיך אָבער גאָר נישט העלפן. דער הונגער איז נישט קיין שפּילכל. מישא זאָגט, אַז מיר האַלטן נאָך גוט. אַנדערע האָבן פון שלעכט עסן אַריינגעכאַפּט ערגערע זאַכן אין מויל. מיר קענען איינעם, ביי וועמען די גאַנצע צורה אַרום מויל איז הויך געשוואָלן געוואָרן, מען הייסט אים עסן בולבעס, וועט אַראָפּגיין. איין קלייניקייט — בולבעס עסן. ווי קריגט מען עס ערשט? מיר האָבן אפילו דאָ נישט לאַנג צוריק יאָ באַקומען אביסל בולבעס. זיי זענען געווען איבערגעפרוירען, שוין שוואַרץ, אויסגעשוויצט און אַביסל אונטערגעפוילט. מיר האָבן פון דעם געקאָכט בולבע קאַשע. אַזוי ווי די קאַרטאָפל זענען געווען זייער קלעפּיק, פלעגט זיך קריגן אַ ציענדיקע פעטע קאַשע, מיר האָבן דאָס גערופן „די שוואַרצע קאַשע”. נישט קוקנדיק אויפן הונגער, איז די קאַשע געווען זייער שווער צו עסן. דער טעם האָט געוואָרגן אין האַלז. דאָס האָט אפילו איבערגעשלאָגן דעם ריח, וואָס שטייט ביי מיר אין מויל. הייבט בענקען מיר נאָך דעם און אונז דאַכט זיך, אַז ערשט וואָלטן מיר די קאַשע געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. אַזוי גייען ערשט טעג. שווער ציען זיי זיך, ווען

מען ליגט אונטער אַ באַרג שמאַטעס און מען לעבט פון הייס וואַסער און געדיכטע גרויפּן.

אַ קליין ווייס קעצעלע מיט געלע שטרייפן האָט דאַד געבראַכט אַהיים. ער האָט דאָס קעצעלע עפּעס ביי אַ טויער דערזען, איז עס אים געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט עס אין שטוב מיטגענומען. אונז איז עס אויך אַלעמען געפעלן. עס איז קליין, נישט לאַנג, ווייזט אויס, די אויגן געעפנט, און זעלטן שיין מיט זיינע ווייסע האָר אין געלע פּאַסן געשטרייפט. מישא האָט דעם אַ נאָמען געגעבן — „טיגער", ווייל עס איז טאַקע ענלעך אויף אַ טיגער מיט זיין געל געפלעקטן פעלכל. עס האָט ליב צוזאַמענדרייען זיינע פיסלעך, עקל און קעפּל, אַלץ אין איין קנויל און זיך וואַרימען אין פענסטער קעגן דער זון. מיט עסן האָט עס דאַד באַזאָרגט, און מען קען זיך אויף אים פאַרלאָזן: דריי פערטל פון זיין חלק פלעגט ער דעם קעצעלע אָוועקגעבן. אַזוי אַז ביים טיילן עסן פלעגט מאַמא זיך שוין ווענדן צו דאַדקען: „דאָס איז פאַר דיר, און פאַר דיין קאַץ וועל איך געבן באַזונדער". מיר האָבן זי אויך, פאַרשטייט זיך, אונטערגעקאָרמעט, און מאַמאַ פלעגט זאָגן: „דער זאַטסטער ביי אונז אין שטוב איז ערשט דער טיגער, ער ווייסט גאָרנישט, וואָס פאַר א צייטן מיר לעבן איבער".

דאָס איז געווען אָנהויב זומער. איצט איז מיטן ווינטער. „טיגער" איז שוין גרעסער געוואָרן, אָבער האָלט האָבן מיר אים ווי פריער. אָבער וואָס קענען מיר טון, אַז אַ קאַץ האָט נישט קיין שכל? אַ וויסטע קעלט שטייט ביי אונז אין שטוב. „טיגער" פאַרטראָגט נישט קיין קעלט, מיר פאַרטראָגן אויך נישט. מיר זענען אָבער מענטשן און פאַרשטייען, אַז אונטער די פערענעס, קישנס און קליידער האָבן מיר פאַר דער קעלט קיין מורא נישט, אָבער דער „טיגער", וואָס טוט מען מיטן „טיגער"? ער איז פון קעלט א העלפט געוואָרן, זיין שיין פעלכל הענגט אויף די ביינדלעך, מיר האָבן אים אויך אַריינגענומען

אין בעט. ליגט ער רוהיק. אים געפעלט. איז אָבער אן אומגליק: צודעקן לאָזט ער זיך פאַר קיין פאַל נישט, און אויב אַזוי, איז דאָך קיין פעולה נישט, האָט אים דאָך די קעלט איינגאַנצן און נעמט אים דורך. אַ נס וואָלט געווען פאַר אים, ווען ער לאָזט זיך איינדעקן. דאַן וואָלט ער געלעגן אין זיין אייגענער וואַרימקייט און אים וואָלט ווייל ווי די וועלט געווען. — מיר פאַרשטייען דיך, טיגער, דיר איז נישט באַקוועם. אָבער אונז איז דאָך אויך נישט באַקוועם צו ליגן איינגעדעקט אזוי שווער און אַזוי לאַנג. וואָס קען מען טון, אז מען קען זיך נישט העלפן? זיי נישט קיין נאַר, טיגער, לאָז זיך איינדעקן. אָבער „טיגער" אַנטלויפט דענסטמאָל פון צופיסנס, ווו ער ליגט, און מען קען מיט אים גאָרנישט מאכן. אַז פאַפע מאַכט א פייער, וואַרימט זיך „טיגער" דעמאָלט ביי אים, אָבער נישט לאַנג ברענט אַ פייער ביי אונז אין שטוב, אַז דעם „טיגער" זאָל דאָס העלפן. דער „טיגער" גייט אויס, גייט אויס ווי אַ ליכט פאַר אונזערע אויגן, און מיר קענען גאָר אים נישט העלפן. ער קומט שוין מער נישט צו אונז אויפן בעט. אַפילו אַז מיר ברענגען אים מיט געוואַלט, אַנטלויפט ער אויך און שלעפט זיך אַוועק צוריק צום בראָט-קאַסטן פון בלעכענעם אויוועלע. דער „טיגער" מוז נאָך געדענקען די גוטע צייטן. נאָך אין אָנפאַנג ווינטער פלעגט פאַסירן, אַז מיר פלעגן אויסהייצן דאָס בלעכענע אויוועלע, און דאָס פלעגט זיין אַ יום-טוב אין שטוב. ווען דאָס בלעך איז שוין געווען אָפּגעקילט, פלעגט דער „טיגער" אַריינקריכן אין בראָט-קאַסטן, און איך, דאָד און מישא פלעגן זיך אויסזעצן אין די רינגען, אַזוי ווי טעפּ, און מיר אויבן און דער „טיגער" אין „דוכאָווקע" האָבן געצויגן אין זיך חיות פון וואַרעמען אויוועלע. ערשט אָבער איז דאָס בלעך קאַלט. דער „טיגער" ליגט אין אַ קנויל גאַנצענע טעג און רירט זיך נישט צו צום עסן, וואָס מיר פרוּוון אים געבן. אים געפעלט גאָרנישט, ער וויל וואַרעמקייט. פון בעט זע איך, ווי לאַנגזאַם עס גייט אויס דאָס קעצל. נאָך זיין רירן מיט די פיסלעך זעט מען, אַז עס וועט באַלד זיין אַן ענדע צו אונזער טיגער. עס

וועט מיר פון דעם זייער אומעטיק. איך דערמאָן זיך, ווי גאָר נישט לאַנג צוריק פלעגט זיך דער „טיגער" אַרויפדראַפּן אויפן בעט. דאָד פלעגט אים נעמען אויף די הענט און שטעלן פראַגן, אויף וועלכע דער „טיגער" פלעגט מוזן ענטפערן יאָ. ד. ה. אַ שאָקל טון מיטן קעפּל פון אויבן אַראָפּ, אָדער „ניין" — אַ שאָקל מיטן קאָפּ אין אַ זייט. דאָד פלעגט פרעגן די קשיא און גלייך אַריינבלאָזן דעם קעצל אין אויער. כּדי דער „טיגער" זאָל זאָגן „ניין", פלעגט ער בלאָזן שטאַרק. דעמאָלט הויבט די קאַץ אָן וואַרפן דאָס קעפּל הין און קעריק אין די זייטן. עס זאָל זיך קריגן „יאָ", פלעגט ער בלאָזן שוואַכער, און „טיגער" פלעגט פון נישט צופרידנקייט געבן אַ לאָז דעם קאָפּ אויף אַראָפּ... טאָמער האָט זיך טיגער אַמאָל דערשראָקן, פלענט ער בלייבן שטיין אויף איין אָרט אָן באַוועגונג, נאָר איין טריט פלעגט ער מאַכן מיט זיינע פאָדערשטע פיסלעך אויף הינטער. אַזוי אָבער ווי די הינטערשטע פיס בלייבן אויפן זעלביקן אָרט, פלעגט זיך דער רוקן ביי אים אויסבויגן, זיך אויסהויבן ווי אַ הויקער. דער עק פלעגט ווערן דריי מאָל דיקער און די אויערן שטאַטיק. אוי האָט ער דעמאָלט קאָמיש אויסגעזען! און אַ שרעק האָט ער געהאַט נאָר איינע: דאָס איז געווען, ווען ער פלעגט טרעפן אין הויף דעם שוואַרצן קאָטער.

ניטש קוקנדיק, וואָס אין צימער איז אַ ביטערע קעלט, קריכן מיר אַרויס פון די בעטן און רינגלען אַרום דאָס יונגע קעצל, וואָס גייט אויס פון קעלט. אַ צאַרטע זאַך אַ קעצל, עס פאַרטראָגט נישט קיין קעלט, עס האָט ליב ווייך, עס האָט ליב וואַרים, עס האָט ליב מילך. און מיר האָבן עס געהאַלטן אין קעלט און געקאָרמעט מיט דעם, וואָס מיר האָבן אַליין געגעסן. גייט עס ערשט אויס. די קעלט האָט עס אויסגעמאַטערט. די לעצטע צייט עסט עס שוין גאָרנישט. אומזיסט ליגן לעבן דעם די בעסטע שטיקלעך שפּייז, וואָס מיר האָבן נאָר געקענט געבן. דאָד וויל דאָס קעצל ראַטעווען, ער פּרובירט צורוקן צו זיין מויל אַן עקסטרע געמאַכטע זופּ. „טיגער", טרינק, בעט ער זיך ביי דעם קעצל. אונז דאַכט זיך, אַז עס זאָל נאָר אָנהויבן לאַ-

קענען, וועט עס גלייך קריגן כּוח צום לעבן. דאָר טונקט איין די מאָרדעטשקע אין זופּ, אָבער גאָרנישט, דאָס קעצל וויל מער נישט, קען מער נישט לעבן אַזאַ לעבן. מיר זענען אָבער נישט שולדיק — קיין בעסערן האָבן מיר אַליין נישט.

דאָס קעצל איז טויט. נישטאָ מער קיין „טיגער". פּאַפּע טראָגט אים אַרויס אויף אַ טאַץ. דאָר שרייט נאָך: „פּאַפּע, לעבן פּאַרקאַן לייג אים אַריין אין שניי און פּאַרשיט מיט שניי". מיר קריכן אַריין צוריק אין די בעטן, וואָס זענען שוין אָפּגע־קילט. מיר זענען אויך פּאַרפרוירן. ליגן מיר אַזוי לאַנג שטיל און זוכן זיך צו דערוואַרימען.

די זון האָט שוין געקראָגן וואַרימקייט און נוצט דאָס אויס אויף אונזערע פּאַרפרוירענע פענצטער. דאָס אייז אויף די שויבן ווערט דורך די זון־שטראַלן פּאַרוואַנדלט אין ליכטיקע טראָפּנס וואַסער, וואָס לויפן אַראָפּ פון גלאָז. אין שטוב ביי אונז ווערט אַלץ ליכטיקער. דער פרילינג, דער פרילינג, דער פרילינג איז דאָ. איך, מישא און דאָד ליגן אויסגעצייגן אין דער ברייט פון בעט. מיר ליגן די אויגן צום באַלקן און שווייגן. אין צווייטן בעט זענען מאַמאַ מיט מירעלען. פּאַפּע און פריידקע זענען אין שטוב נישטאָ. זיי גייען אַרום זוכן וואָס ניי״ט איז פון שפּייז. עס איז שוין נישט פרי. מיר האָבן נאָך גאָר נישט געגעסן. אין שטוב איז קיין זאַך נישטאָ. עס איז שטיל. איך טראַכט: באַלד וועט צעגיין דער שניי. עס וועט ווערן וואַרעם. גאָר אין גיכן וועלן מיר זיך דאָס אויסזעצן אַלע דריי אויפן גרויסן, הויכן בריקל אין הויף. דאָרט איז אַ גאַנצן טאָג די זון, און מיר וועלן האַלטן אָפן די מיילער, די זון זאָל קענען פריי אַריינקומען אין מויל. אַ גרויסע זאַך די זון. אַלץ טוט זי אויף. זי וועט מיטן קוק אויסהיילן אונזערע יאַסלעס. מיר וועלן גאַנצע טעג אַרומשפּאַצירן אין די גאַסן. דעמאָלט גייט שנעל אַוועק דער טאָג, און עסן ווילט זיך אויך נישט אַזוי שטאַרק, ווי בשעת דו ביסט אין דער היים. ערשט ווילט

זיך זייער עסן· פּאַפּע מיט פֿריידקען ווייסן דאָך, אַז אין שטוב איז שוין קיין זאַך נישטאָ. פּאַפּע און פריידקע ווילן דאָך אויך עסן. ליידיקע וועלן זיי נישט קומען. אָבער ווי איז, ווען זיי דערציילן, אַז זיי זענען אויסגעלאָפן די גאַנצע שטאָט און גאָר· נישט נישט געקראָגן. ניין, פריידקע וועט אַריינגיין די ערשטע מיט אַ פּאַרוויקלט פּעקל אין האַנט. וואָס דאָרטן וועט זיין, איז נישט וויכטיק, אַבי אַ זאַך, וואָס מען קען עסן: איך וועל עסן פּאַוואָליע. לאַנג עס איבערקייען און לאַנג עס האַלטן אין מויל. די גאַנצע געשמאַקייט ליגט דאָך אין דעם. גלייך ווי פּאַפּע וועט אַריינקומען, וועט ער זאָגן: „אַרויס פון די בעטן — קומט עסן". און ווי פּאַפּע וועט דאָס נאָר אַרויסרעדן, וועלן מיר שוין זיצן ביים טיש און עסן. פריידקע וועט אַסך דערציילן, וויפל זיי זענען זיך אָנגעלאָפן. „מיר זענען געקומען אַהין, האָטן אונז געענטפערט, אַז עס איז שוין מער נישט געבליבן. אַז מיר האָבן זיי נישט געלאָזן צורו, האָבן זיי אונז געשיקט עפּעס אין אַן אָרט. האָבן מיר נישט געטראָפן, און דאָס איז גראָדע גוט געווען. דאָרטן וואָלטן מיר באַשטימט גאָרנישט געקראָגן, אַזוי בלאָנדזשענדיק, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אָן עפּעס אַ יידענע, און זי האָט אונז אָנגעוויזן". מיר הערן זיך אַלע איין און עסן.

אָט איז פּאַפּע מיט פריידקען, עס טויג נישט. פּאַפּע גייט אַריין דער ערשטער, פריידקע נאָך אים, — מאָרגן וועלן מיר געוויס קריגן גרויפּן. מען האָט עס אונז פאַרשפּראָכן אין אַן אָרט — זאָגט פּאַפּאַ. מיר ענטפערן קיינער נישט. אויב עס וועט זיין, ווי פּאַפּע זאָגט, איז זייער גוט. מאָרגן — דאָס מאַכט נישט אויס, ביז מאָרגן וועלן מיר זיך שוין דערטראָגן. אָבער גיכער פון אַלץ וועט זיך פון דעם מאָרגן גאָרנישט אויסלאָזן. פּאַפּע אַליין מוז אין דעם נישט זיין אַזוי זיכער, ווי ער זאָגט דאָס אונז.

די זון איז שוין אַוועק פון אונזערע פענסטער. דער פראָסט פאַרציט ווידער די שויבן מיט אייז· עס איז גוט, וואָס עס איז שויו אָוונט. באַלד איז נאַכט און גלייך מאָרגן· מען קען שוין רעכענען, אַז עס איז מאָרגן. די נאַכט שלאָפט מען דאָך

דורך, ווײל מען דאַרף סײ ווי סײ נישט עסן. מאָרגן וועלן מיר קריגן גרויפּן, אַזוי זאָגט דאָך פּאַפּע. ערשט, בשעת זײ ווײסן, וווּהין צו גײן, וועט דאָך לאַנג נישט דויערן עס צו ברענגען. גרויפּן וועלן דאָך לײכט פּאַרטיק. וועלן מיר דאָס תּיכּף עסן. עסן. איך וויל עסן. עס איז שוין פֿינסטערלעך. וואָס אָנצוצינדן האָבן מיר נישט, און נישט מיר נויטיקן זיך אין דעם. מיר ליגן אין די קלײדער און אין די שיך, נישט ווײל עס איז קאַלט, נאָר ווײל מיר ווילן עסן, און מער ווײסן מיר גאָרנישט. זיך איצט אויסטון און מאָרגן פֿרי ווידער אָנטון? צו וואָס? מיר ווילן עסן, און מער אַרט אונדז גאָרנישט, מיר ווילן עסן, און מער פֿילן מיר גאָרנישט. עס איז גענוג, עס איז פֿולקאָם גענוג.

איך בין אַ קײזער פֿון אַ גרויסער מדינה. איך האָב פּאַלאַצן, גאָלד, זילבער, בריליאַנטן, און איך קליאַנע זיך עפּעס בײ אַ קלײנעם מענטשעלע, וואָס האַלט אין די הענט אַ לאַבן ברויט, ער זאָל זיך מיט מיר בײטן. ער איז מסכּים. מיט גרויס שמחה און מיט גרויס שרעק, ער זאָל נישט חרטה קריגן, כאַפּ איך פֿון אים דעם לאַבן ברויט. שוואַרץ עלטער ברויט. דאָס איז גוט. אַלט ברויט איז שפּאָרעוודיק. מיט אַמאָל דערפֿיל איך, אַז דאָס ברויטל צופֿאַלט אין מײנע הענט אין ברעקלעך, שיט זיך פֿונאַנדער דורך מײנע פֿינגער אויפֿן ברוק. איך פֿאַל צו צו די שטײנער און הויב אָן מיטן מויל צו זוכן די ברעקלעך, אָבער די ברעקלעך זינקען אין ברוק. איך דריק די ליפּן אַלץ שטאַרקער צום ברוק און דערפֿיל, דאָס ער איז הײס און װײך. עס איז נאַכט. אַלע שלאָפֿן. איך ליג אויפֿן בויך, אין מויל האַלט איך פֿאַרביסן אַ שטיקל פֿון קישן. פֿון חלום בין איך זײער פֿאַרמאַטערט און אויסגעשוויצט. איך דערפֿיל, אַז דער בויך קראַמפּט מיר. איך קנעט מיט בײדע הענט דעם בויך, ווײלעווײז דאַכט זיך מיר, אַז עס ווערט פֿון דעם גרינגער, ווײלעווײז, אַז עס קראַמפּט דערפֿון נאָך מער, עס ווילט זיך מיר אַ קרעכץ טון. מיר דאַכט זיך, אַז ווי איך הויב נאָר אָן צו קרעכצן, וועט איבערגײן, אָבער איך בײס

דעם קישן. איך דאַרף נאָר איין קרעכץ געבן, כאַפּן זיך אַלע אויף. אַלע שלאָפן — שלאָף אויך! קיינער האָט נישט געגעסן מער פאַר דיר. וואָס פאַר אַ עסן דאָ אין מיטן נאַכט... מאָרגן — מאָרגן וועט זיין גרויפּן. גרויפּן איז זייער גוט פאַרן בויך. אוי דער בויך. עס שניידט, עס קראַמפּט. עס איז גאָרנישט. מאָרגן, מען מוז איינשלאָפן. איך דריי זיך עטלעכע מאָל הין און קעריק. מיר דאַכט זיך, אַז מאַמאַ שלאָפט נישט. איך באַגעגן זיך מיט מישאַס אויגן. הייסט עס, אַז ער שלאָפט אויך נישט. מען טאָר נישט קרעכצן. דערפון וועט בעסער נישט ווערן. מען קען נאָך אויפוועקן מירעלען. מען מוז איינשלאָפן. איך לייג זיך ווידער אויפן בויך. מיט אַלע פינגער פוןביידע הענט דריק איך דעם בויך, עס קראַמפּט. אַ שווייס בייט זיך ביי מיר פון הייס אויף קעלט.

מיר הונגערן. דער הונגער צווינגט דיך צו עסן שרעקלעך שנעל, צו קוקן, ווי דיין מאַמע, טאַטע, ברידער און שוועסטער עסן און דיר זיך לאָזן אָפּדאַכטן, אַז זיי עסן מער פאַר דיר, און דיך מאַכן אויפגעבראַכט אויף זיי. עס העלפט נישט, וואָס דיין מאַרך ווייס דעם אמת, אַז עס איז ריכטיק פאַרקערט. די שרעק פאַרן הונגער וועקט דיך אויף אין מיטן נאַכט און יאָגט דיך צו זוכן אין דער פינסטער וואָס נישט איז צום עסן און זיך אָנפּאַקן דערמיט, וויפל עס גייט אַריין. אן אַנדערש מאָל וועט דיך די זעלבע שרעק נישט לאָזן זיך צורירן צו דער שפּייז. דו וועסט וועלן עסן, אָבער דו וועסט ליידן און וועסט עס באַהאַלטן אויף שפּעטער. עס איז אַזוי גרינג זיך צו ראַטעווען פון הונגער. וואַסער איז דאָ וויפל דו ווילסט. דאַרפסט נאָר אַ שטיקל ברויט. איין שטיקל ברויט. אַ שטיקל ברויט, גיט כאָטש אַ שטיקל מאַקוכע, קאָרע, בולבע-שאָלעכץ, גיט וואָס איר גיט, נאָר וואָס עס איז אין מויל. עסן, עסן. מיר עסן אַלץ, פון אַלץ קענען מיר מאַכן עסן. אונזער מאָגן באַנוצט זיך מיט ווינציק, אַז ער קראַמפּט אַמאָל, איז נישט געפערלעך. מעג ער

קרעמפּן, נאָר נישט פון ליידיקן, נאָר נישט פון הונגער. די ביינער קען מען שוין אויף אונז איבערציילן. נאָר דאָס איז דאָך גאָרנישט. מיר לעבן, מיר שטייען אויף די פיס. מיר קענען נאָך אַרומגיין, מיר האָפן, אַז מיר וועלן נאָך קענען דערטראָגן, ביז עס וועט אַריבער דער הונגער. מיר ווילן לעבן, לעבן...

22. גערא̇נגל

ווי עס איז נאָר אַראָפּ דער פראָסט, האָבן מיר דער־
ספּירט, אַז לענגער טאָרן מיר דאָ נישט בלייבן. מיר זענען
שוין איינגאַנצן אויסגעשעפּט און זענען מער נישט בכּוח אַזוי
נו ציען. דערהערנדיק, אַז פון אַנדערע ערטער פון רוסלאַנד
ועט מען דעם זומער שיקן די היימלאָזע עשאַלאָנענווייז צוריק
אין זייערע היימען, איז ביי אונז געבליבן, דאָס מיר מוזן זיך
אומבאַדינגט דערשלעפּן צו אַזאַ אָרט. גאַנצע טעג זענען מיר
אַרומגעלאָפן איבער אַלע מינים אַנשטאַלטן, אָפּגעהאַקט אַלע
זירן און בריקלעך, בעטנדיק אַן ערלויבעניש אויף צו פאָרן.
שווער מיטן טויט צו גלייך איז אונז אָנגעקומען, ביז מיר האָבן
די ערלויבעניש און די נויטיקע בילעטן געקראָגן. אין איילעניש
האָבן מיר צוזאַמענגעפּאַקט, וואָס מיר האָבן נאָר פאַרמאָגט, און
זיך געלאָזט צום וואָקזאַל. די באַנען זענען געפּערלעך איבער־
פילט. מיר מיט אונזערע פּעק שטופּן זיך אַלע איינעם. מיר
האָבן מורא זיך נישט צו פאַרלירן, און שרייען און רופן איינער
דעם אַנדערן מיט קולות, וואָס דערגרייכן ביזן הימל. יעדעס
מאָל ביים אַריינגיין אין וואַגאָן און אפילו ביים אַרויסגיין ווערן
מיר אזוי אויסגעמאַטערט, ווי מיר וואָלטן טעג גאַנצע געגאַנגען,
געלאָפן אָן אָפּשטעל. דער שווייס גיסט זיך פון אונז, אלע
זאַפּען מיר, און לאָזן זיך אַראָפּ אויף אונזערע פּעקלעך רוען.
פאָרן אויפן דאַך פון וואגאָן אָדער אָנגעהאָנגענערהייט פון
אויסנווייניק, איז שוין איצט פאַרבאָטן, און איטלעכעס מאָל,
ווען דער צוג דאַרף אָפּגיין פון סטאַנציע, שטעלן זיך אויס
ווייטע אַרמייער פון ביידע זייטן באַן און שיסן אין דער לופטן.

כדי אָנצושרעקן און צווינגען אַראָפּקריכן די יעניקע, וואָס פּרווון פֿאָרן אויף אַ פֿאַרבאָטענעם אופֿן.

מיט עסן וואָלט זייער ביטער געווען, ווען מיר האָבן נישט מיט זיך אַ טוטל זאַלץ. אָבער אַזוי ווי מיר פֿאַרמאָגן אַ ביסל זאַלץ, האָבן מיר שוין וואָס צו עסן. זאַלץ איז דאָך אַזאַ זאַך, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן, ווי לופֿט. אָן זאַלץ ווערט אים דאָס לעבן גלייך פֿאַרמיאוסט. אָן זאַלץ האַלט אַ מענטש אויס לענגער, ווי אָן לופֿט אָדער אָן וואַסער, אָבער וואָס פֿאַר אַ טעם האָט דענסטמאָל זיין לעבן און וואָס פֿאַר אַן אויסזען האָט ער דאַן. אין וואַגאָן זענען אַלע מאָל דאָ פּויערים. זיי האָבן אַ סך מער פֿאַר אונז וואָס צו עסן. זיי האָבן אָבער לחלוטין נישט קיין זאַלץ. דערזען זיי עטוואָס זאַלץ, איז ווי זיי וואָלטן בריליאַנטן דערזען. די אויגן פֿלאַמען זיי גלייך, און מיר בייטן ביי זיי אַ ביסעלע זאַלץ אויף אַ שטיקל קלייען ברויט, אויף אַ פּאָר אָפּגעקאָכטע בולבעס. אַז זיי קריגן דאָס הייפעלע זאַלץ, האַלטן זיי עס לאַנג אין האַנט, דערנאָך טראָגן זיי דאָס צו צום שפּיץ צונג. שטאַרק צו לעקן קען מען זיך ערשט נישט פֿאַרגינען, ווייל דאָס איז היינט נישט פֿון די ביליקע זאַכן. אַנדערע שיטן אַריין עטוואָס זאַלץ אין אַ קוואָרט הייס וואַסער, מישן אויס און מיט אַ זעלטענעם פֿאַרגעניגן טרינקען זיי עס לאַנג, זיפּ ביי זיפּ. מיר טרינקען אויך אַ סך זודיק וואַסער. מען קריגט עס וויפֿל מען וויל, אויף יעדער סטאַציע, נאָר געזאַלצן מאַכן מיר עס נישט. אין זאַלץ האָבן מיר נאָך קיין דוחק נישט געהאַט, און דעריבער איז עס ביי אונז נישט פֿאַרהייליקט

אַ פֿרישער פֿרילינג־אָוונט איז ערשט. דער צוג שטעלט זיך אָפּ ביי דער שטאָט, וווהין מיר פֿאָרן. מיר שטייגן אַראָפּ מיט אונזער געפּעק. דער וואָקזאַל איז אַזוי פֿול, דאָס קיין אָרט פֿאַר אונז געפֿינען מיר נישט. קלייבן מיר זיך קעריק אַרויס אויפֿן פּעראָן. ער איז שמוציק און אויך באַלייגט מיט זאַכן און מענטשן. פּאַזע וואַנט לייגן מיר זיך אויס מיט אונזערע זאַכן, טרינקען זיך אָן מיט געקאָכט וואַסער, וויפֿל איז אונז

גייט נאָר אַריין, עסן אויף ביז אַ האָר, וואָס מיר האָבן נאָר
פון עסנוואַרג, ציִען זיך אויס און שלאָפן גלייך אַלע איין.
איך ווייס נישט פאַרוואָס, צי דאָס פייפן פון די לאָקאָ·
מאָטיוון, צי די געשרייען און דאָס אַרומלויפן פון די מענטשן
ווירקן גוט אויפן שלאָף, אָדער ווייל מיר האָבן זיך געשלעפט
עטלעכע טעג און די גאַנצע צייט זיך נישט צוגעלייגט. ווי עס
זאָל נישט זיין — געשלאָפן זענען מיר די נאַכט אויסגעצייכנט·
אויפגעכאַפּט האָבן מיר זיך אין דער פרי אויסגערוטע און אוי·
סערגעוויינלעך צופרידענע· מישא האָט זיך תיכף אַוועקגעשטעלט
אויפן פעקל, ווו ער איז געשלאָפן, און דעקלאַמירט אַ ליד פון
איינעם אַ גרויסן דיכטער. זייער אַ פיין ליד. עס הויבט זיך
אָן: „מיר לעבן אַזוי, אַז עס ווילט זיך אונז זינגען”. ווייטער
רעכנט אויס דער דיכטער דאָס לעבן פון אַ מענטשן, און עס
ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ מענטש האָט אין זיין לעבן אַזוי פיל
פרייד און ווילטאָג, דאָס ער קען נישט נישט זינגען. אַז מישא
ענדיקט, דעקלאַמירט פריידקע, און נישט קיין שלעכטע זאַך.
דאָרט זאָגט זיך, אַז מען דאַרף זיך נישט נעמען צום האַרצן,
וואָס עס איז נאָך דערווייל נישט אַזוי שטאַרק גוט אויף דער
וועלט, און מען דאַרף גלויבן, דאָס עס וועלן נאָך קומען אַמאָל
בעסערע צייטן אויך. אַזוי ווי נעכטן האָבן מיר פון גרויס
שמחה, וואָס מיר זענען געקומען אויף אַן אָרט, אויפגעגעסן
אונזער גאַנצע פּראָוויזיע, טרינקען מיר ערשט הוילע זודיקע
וואַסער. שפּעטער גייען מאַמאַ און פּאַפּע אַוועק אין שטאָט, זען
קריגן אַן אָרט, ווו מיר זאָלן קענען אַראָפּפאָרן, און איך, מישא,
דאָד, פריידקע און מירעלע בלייבן ביי די זאַכן. דער פרימאָרגן
איז אַ זעלטן שיינער. די לופט איז ריין, לייכט. עס ווילט זיך
איינאָטעמען וואָס מער. אַרום איז אַ געפּילדער און אַ פּייפעריי,
צוגן קומען, גייען אָפּ, מענטשן שרייען, לויפן. עטלעכע טריט
פון אונז באַמערקן מיר אַ רעדל מענטשן, ווער עס גייט פאַרביי,
שטעלט זיך דאָרטן אָפּ אויף אַ רגע. אַנדערע שטייען און קוקן
שוין אַ רעכטע צייט. מיר ווערן נייגעריק און שטופּן זיך דורך
צווישן אַלעמען. אויף דעם צעמענט פון פעראָן זיצט אַ יונגע

רוי, אויף אירע הענט האַלט זי אַ קליין זויגעדיק קינד, וואָס צאַפּלט קוים און פּישטשעט אַזוי ווי אַ פייגעלע. דערבײַ שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, די אויגן אָנגעשטעלט אין איין פּונקט אויף דער ערד, אַ מאַנסביל, ווי עס ווײַזט אויס איר מאַן. די יונגע פרוי לאָזט נישט אַראָפּ די אויגן פון קינד, וואָס שטאַרבט ערשט אויף אירע הענט, און פון אירע אויגן רינען טרערן. דאָס פּאָרפאָלק, בײַ וועמען עס שטאַרבט דאָס קינד, זענען מסתמא, ווי טויזנטער אַנדערע, געקומען צולויפן אין דער שטאָט פון די הונגעריקע ראַיאָנען, כּדי זיך צו ראַטעווען פון הונגער-טויט, און דאָ פאַרלירן זיי זייער עופהלע, וואָס גייט אויס, ווײַל עס האָט נישט מיט וואָס צו לעבן. עס געדויערט גאָרנישט לאַנג, און דאָס קינד ליגט שוין אָן באַוועגונג אויף דער מוטערס אויסגעשטרעקטע הענט. פון דער פרויס אויגן גיסן זיך ערשט די טרערן גיכער, גרעסער, און די ווינקלען פון מויל ציטערן. איינער לייגט אַוועק בײַ אירע פיס אַ ביסל געלט און גייט אַוועק. גלייך טוען דאָס נאָך אייניקע, און אַ קופּקעלע געלט וואַקסט אויס אויף דער ערד. דער מאַנסביל קוקט נאָך אַלץ אָן באַוועגונג אין זעלביקן פּונקט. די פרוי קוקט מיט פולע אויגן טרערן, וואָס רינען אָן אויפהער אויף איר טויט קינד, וואָס זי האַלט אויף די הענט. פאַר זיי איז אַ שמוציקער, פאַרשפּיגענער פּעראָן, עטלעכע גראָשן געלט און אַ רעדל מענטשן אַרום, די ערשטע אין רעדל שטייען איך, מישא, דאָד, פריידקע און קוקן שטיל צו.

מיר האָבן געהאַט מזל. אויפן פּעראָן האָבן מיר זיך געוואַלגערט סך-הכּל פיר נעכט און דרײַ טעג. איצט זענען מיר שוין אין אַ צימערל פון אַ האָטעל, וואָס מיר האָבן אויסגעפּועלט אין „זשילאָטדעל" *). דער צימער איז נישט קיין שלעכטער. אַ ביסל איז אַן עבֿירה, וואָס אין דעם בעט, וועלכעס געפינט זיך

*) דירה-אַמט.

אין אים, קען מען נישט שלאָפן. אַמאָל איז דאָס געווען אַ מאַטראַצן-בעט. האָט ווער פון די פּאָריקע איינוווינער פון צימער אַראָפּגעצויגן די לייוונט פון מאַטראַץ, אַזוי אַז עס זענען געבליבן די הוילע פּרוזשינעס און שלאָפן אויף זיי איז אוממעגלעך. זיי קענען דורך איין נאַכט פאַרוואַנדלען אַ מענטש אין אַ קאָטלעט. שלאָפן מיר אויף דער ערד. די דילן זענען הילצערנע, און עס איז נישט געפערלעך. אין אַלגעמיין זענען מיר צופרידן, וואָס מיר זענען אַהער דערפאָרן. מיטן עסן האָבן מיר זיך אויך נישקשה איינגעאָרדנט. מען האָט אונז געגעבן דאָס רעכט צו באַקומען יעדן טאָג מיטאָג אין אַ קיך. גאַנץ פרי, מחמת די קוך איז ווייט פון אונזער וווינונג, גייען מיר אַרויס צום עסן. טאָג-טעגלעך קריגן מיר דעם זעלבן מיטאָג, וואָס באַשטייט פון צוויי געריכטן: קאַשע און זופּ. אַ טעלער קוקורוזעזופּ און אַ טעלער קוקורוזע-קאַשע. מען גיט אויך אויף אַ חלק אַ מוציא ברויט. נאָר דאָס ברויט עסן מיר נישט, מיר גיבן עס מאַמען צו באַהאַלטן, און אין אָוונט גיט אונז מאַמע אַוועק די שטיקלעך ברויט, וועלכע מיר עסן אויף און גייען שלאָפן.

מיר האָבן אַרויסגעטראָגן צו פאַרקויפן אַ פּאָר פון אונזערע קישעלעך. די קישעלעך, אויף וועלכע מיר זענען אַמאָל רוהיקע, אָן שרעק פאַרן לעבן, געשלאָפן, וועלכע די באָבע האָט אין יענעם טאָג פון פייער אַרויסגעראַטעוועט, און וואָס האָבן אונז אין שווערע צייטן דאָס לעבן דערוואַרעמט, זענען אונז זייער טייער. מיר פילן, ווי יעדעס פון זיי וואָלט אַ טייל פון אונזער לעבן פאַרמאָגט, און אונז איז שווער זיך מיט זיי צו שיידן. און מורא האָבן מיר אויך. ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ ווינטער וואַרט אויף אונז דעם נייעם יאָר? אָבער עס איז נישט געווען קיין ברירה. זענען מיר אָפּגעשטאַנען מיטן בעטגעוואַנט אויפן מאַרק אַ גאַנצן אָוונט, און אין אָוונט זיי געמוזט צוריק טראָגן אַהיים. קיינער קויפט נישט. קיינער דאַרף איצט נישט קיין קישנס. ברויט, אַ העמד, שיך, אַ בגד קען מען פאַרקויפן לייכט, אָבער נישט קיין קישנס, און דאָ דאַרפן מיר

אַזוי געלט, אין שטאָט קען מען קריגן צו קויפן קעראָסין, און מיט קעראָסין וואָלטן מיר געקענט אָנצינדן די מאַשינקע און האָבן אַ גאַנצן טאָג הייס וואַסער אין שטוב. אָן הייס וואַסער קען מען איצט אַ מינוט נישט אויסקומען, ווייל אין שטאָט הערשט די כאָלערע, איבער דער גאַנצער גאַס שרייען און שרעקן גרויסע אויפשריפטן, מען זאָל נישט טרינקען קיין רויע וואַסער. מיר היטן דאָס אַלע אָפּ, ווי די אויגן אין קאָפּ. מיר גייען נאָך ווייטער. קיינער פון אונז טרינקט אַפילו נישט קיין געקאָכט וואַסער, אויב עס איז אָפּגעקילט. דאָס וואַסער מוז זיין זודיק, ערשט פון פייער. נישט קוקנדיק, וואָס מיר האָבן נישט צו עסן זאַט און זענען אָפּט הונגעריק, עסן מיר פאַר קיין פאַל נישט אַזוינס, וואָס אונז פאַלט דער קלענסטער חשד, מעג עס זיין אַפילו אַ נאַרישער חשד. אַלץ וואָס מיר עסן, קאָכן מיר, און אַלץ מוז זיין זודיק.

די כאָלערע אין שטאָט האַלט אין איין וואַקסן. אויף דער ברייטער גאַס האָט מען די שוי-פענסטער אויסגעפוצט מיט בילדער, וואָס ווייזן, ווי די כאָלערע זעט אויס, און ווי דער מענטש, וואָס פאַלט קראַנק אויף איר, מאַטערט זיך אויס, און ווי עס זעען דאָ אויס אַלע זיינע גלידער, און צוגעשריבן איז: „טרינקט נישט קיין רויע וואַסער, דאָרטן איז ערשט דער טויט". אין מיטן פענסטער איז אויפגעהאָנגען אַ טאָוול, וווּ עס איז מיט קרייד אויפגעשריבן, וויפל מענטשן זענען קראַנק געוואָרן דעם פאַרגאַנגענעם טאָג, וויפל פון זיי זענען געשטאָרבן, און וואָס פאַר אַ פּראָצענט דאָס מאַכט אויס. איך, מישא און דאָד גייען יעדן טאָג זען, ווי עס האַלט מיט די ציפער. דערווייל האַלטן זיי אין איין שטייגן, און די פענסטער און די גאַסן פּוצט מען אַלץ מער און מער מיט אַלע מינים בילדער פון כאָלערע און מיט אויפשריפטן אַלץ מכּוח דעם רויען וואַסער. מען האַלט אין איין שרעקן, און די גאַנצע שטאָט איז שוין נישקשהדיק אָנגעשראָקן. דערזעט מען אַ סאַניטאַרן אויטאָמאָביל, וואָס לויפט אָפּט דורך די גאַס, קוקט מען אים נאָך, ווי דאָרטן וואָלט דער מלאך-המות אַליין געווען, און טאָמער טראָגט זיך

פון אַ הויז דער ריח פון קאַרבאָל, גייען אַלע אַריבער אויפן צווייטן טראָטואַר.

נעכטן בין איך געשטאַנען אין אַ ריי נאָך וואַסער ביי דער „וואָדאָקאַטשקע", ווייל די קראַנען ביי אונז אין האָטעל זענען צעבראָכן, איז צוגעקומען איינער אַ שייגעץ און אונטער־געשטעלט דאָס מויל אונטערן קראַן, כּדי זיך אָנצוטרינקען. דער טאָג איז אַ הייסער, האָט זיך אים טרינקען פאַרוועלט. האָט זיך די גאַנצע „אָטשערעד" צעקאָכט: „עס איז קיין ווונדער נישט, וואָס מענטשן פאַלן, ווי די פליגן, זע נאָר, רויע וואַסער טרינקט ער ערשט, ווילסט נישט לעבן, הענג זיך אויף, ווער לאָזט דיך נישט? אָבער כאָלערע ווילסטו קריגן און אונז אָנשטעקן"... אַזוי שרייענדיק, האָבן אים עטלעכע גויעס אַוועקגעשלעפּט פון קראַן. אַ ברייטער מאַנסביל האָט דעם שייגעץ געגעבן אַ שטופּ מיט דער פויסט אין ברוסט, אָפּציענדיק, איז דער שייגעץ הינטערווייַלעך אַרויף אויף אַ צווייטן, וועלכער האָט אים אָפּ־געשטופּט פון זיך און אָפּשטופּנדיק נאָך דערלאַנגט אַ בריק. אַ דריטער, צושרייענדיק „טרינק זיך, אויב דו ווילסט נישט לעבן", האָט אים געגעבן אַ פּלעם איבער דער צורה. דער שייגעץ איז אַנידערגעפאַלן שרייענדיק: „וואָס ווילט איר פון מיר"? און אַלע אַרומיקע האָבן אים אָנגעהויבן טרעטן מיט די פיס: „ווילסט נישט לעבן — לעב נישט". די גויעס האָבן געקראָגן רחמנות אויפן יונג און האָבן גענומען אָפּשטופּן די, וועלכע האָבן אים געשלאָגן, נאָר דערווייל קומען אַלץ צו נייע, און זעענדיק, ווי מען שלאָגט איינעם, העלפן זיי אונטער. נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס עס איז אָנגעפאָרן אַ מיליטערישער לאַסט־אויטאָמאָביל און האָט זיך אָנגעהויבן מאַכן אַ וועג אין עולם, איז מען אָפּגעטראָטן פון שייגעץ, וועלכער איז געבליבן ליגן, שטאַרק קרעכצנדיק. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן אים מענטשן אויפגעהויבן פון ברוק און אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל.

היינט איז בײַ אונז אין שטוב פרײלעך. דער „פרימוס" ברענט שוין, און אַ טשײַניק װאַסער פול װי אַן אױג שטײט אױף אים. מישאַ, זײער אַן אױפגעלעגטער, טאַפּט אָן מיטן פינגער דאָס דעקל פון קאַן, כאַפּט גלײַך צו דעם פינגער: „אױ, עס איז הײס. באַלד קאָכט עס אױף". פון צופרידנהײט דרײבט ער אײן האַנט אין דער אַנדערער, שפּרײזט איבערן צימער, שטעלט זיך אָפּ פאַר דעם ברױט, װאָס ליגט אױפן טיש, ברעכט אָפּ אַ שטיקל און גיט אַ זאָג: „לײב, דיר האָט זיך װען געחלומט אַזאַ לאַבן ברױט"? אין טײ װאַרפן מיר אַרײַן אַ שטיקעלע סאַכאַרין און טרינקען נישט קײן הױלע װאַסער, װי שטענדיק, נאָר זיסע, אַז עס צעגײט פּשוט דאָס האַרץ פון געשמאַקײט, און קײַען דערצו ברױט, אמתע ברױט. אַלץ איז בײַ אונז הײנט אַזױ גוט, צוליב צװײ טעמים. ערשטנס, האָט זיך עפּעס געביטן אין שטאָט. פריער איז אַלץ געװען טױט, פאַר געלט קײן זאַך נישט צו קריגן. װאָס קױפן האָט מען נאָר געקענט אין דער שטיל, געהײם, מיט מורא. און דאָ האָט מען דערלױבט צו האַנדלען אױפן מערק. אַ סך זאַכן, װאָס האָבן פריער געפעלט, טראָגט מען ערשט אַרום פראַנק און פרײ פאַרקױפן. מען זאָגט, אַז פון איצט װעט אַלץ גײן בעסער און בעסער. װײל שלאָגן שלאָגט מען זיך שױן נישט. דער בירגער-קריג האָט זיך שױן געענדיקט, װעלן זיך שױן ממילא ענדיקן גאָר אינגיכן אַלע צרות.

לכתחילה האָבן מיר פון דעם גאָרנישט געװאָסן, דען מיר האָבן נישט געהאַט קײן געלט, מיט װאָס צו קױפן. און דאָ מיטאַמאָל איז דאָס געקומען צו אונז דער אײנפאַל. אַזױ װי קײנער קױפט נישט קײן בעטגעװאַנט, און קײן אַנדער זאַך צו פאַרקױפן האָבן מיר נישט, האָבן מיר גענומען און אין אַ זאַק אױסגעשאָטן פון פערענע די פעדערן, צעעפנט דעם אײנשיט, אים אױסגעװאַשן, און אַלס אַ שטיק צײַג אַרױסגעטראָגן אױפן מאַרק. דאָס צײַג האָבן מיר שנעל פאַרהאַנדלט פאַר אַ

גוטן מקח. דאָס זעלבע האָבן מיר געטון מיט די קישנס. אויף אזאַ אופן האָבן מיר נאָך אַרויסגענומען מער, ווי מיר האָבן געבעטן מיט די פעדערן אינאיינעם. מיט דעם געלט האָבן מיר געקויפט קעראָסין פאַרן „פרימוס", סאַכאַרין צו דער טיי און ברויט.

23. מיטן עשאַלאָן

אויף אַ זייטיקער ליניע פֿון באַן־סטאַציע שטייט אַ לאַנגער צוג מיט לאַסט־וואַגאָנעס. פֿאַר אים מיט זייערע זאַכן וואַרטן אַ סך פֿאַמיליעס. דאָס זענען די „בעזשענצעס”, וואָס מען שיקט ערשט צוריק אַהיים. צווישן אַלעמען, נאָענט איינער צום אַנדערן, שטייען מיר. עס געדויערט, ביז מען ווייזט אונז אָן אַ וואַגאָן, וואָס מען פֿאַרטיילט צווישן אונז מיט נאָך פֿיר פֿאַמיליעס. דער לאַסט וואַגאָן פֿאַרמאָגט נישט קיין טרעפּלעך. מיר לייגן אונטער די זאַכן, און איבער זיי, ווי אויף טרעפּ, קריכן אַלע אונזעריקע אַריין אין וואַגאָן, חוץ מיר מיט מישאַן, וואָס דערלאַנגען דערנאָך די פּעק און דראַפּען זיך אַרויף אויף די הענט אינעווייניק. ביי דער וואַנט לייגן מיר אויס אונזער באַגאַזש, וואָס איז אָנגעשטאָפּט אין עטלעכע זעק. די זעק זענען גרויסע און שווערע. מיר שלעפּן מיט זיך אַלץ, וואָס אונז איז נאָך געבליבן: די געפּליקטע פּעדערן, וואָס מיר האָבן אויסגעשאָטן פֿון די פֿאַרקויפֿטע קישעלעך, אַ באַרג צוקרימטע און צולאָמטע שיך, און אַלע מינים שמאַטעס אָן אַ צאָל און אָן אַ ברעג. זינט דער מלחמה האָבן מיר דאָך נישט געקויפֿט קיין נייע זאַך, אַלץ אַלטע און געניצטע, און אַלץ, וואָס ביי אונז איז חרוב געוואָרן, האָבן מיר קיין מאָל נישט אַרויסגעוואָרפֿן. ווייל אייביק האָבן מיר מורא געהאַט, אַז עס וועט ווערן ערגער און דאָס וועט אונז נאָך אַמאָל צונוץ קומען. און זיי זענען טאַקע צונוץ געקומען. מיר האָבן זיך אין די אַלטע זאַכן איינגעוויקלט, זיך מיט זיי אײַנגעדעקט. איצט, ביים אָפּפֿאָרן, האָבן מיר פֿריער געוואָלט מיטנעמען מיט זיך נאָר די

מער ווערטיקע זאכן. אָבער אז עס איז געקומען וואָס איבער־צולאָזן, האָבן מיר נישט געהאַט אויף דעם קיין שליטה. מיר זענען שוין מענטשן געניטע, און ווייסן שוין, אַז וואָס עס קען צונויץ קומען אין אַ עת צרה, קען מען קיין מאָל נישט פאַרויסזען. ערשט, פירענדיק מיט זיך אַביסל איבעריקע זאכן, כאָטש טראַנטעס, פילן מיר זיך זיכערער.

דער עשאַלאָן הויבט פּאַמעלעך אָן אָפּגיין פון וואָקזאַל. מיר שטייען אַלע אין די ברייטע צעעפנטע טירן פון לאַסט־וואַגאָן און קוקן אויף דער שטאָט, וואָס מיר פאַרלאָזן. די באַן לויפט אַלץ גיכער און גיכער... ביז מיר וועלן קומען צו דער שטאָט, פון וואַנען מען האָט אונז אין דער צייט פון דער מלחמה אַרויסגעטריבן, האָבן מיר לאַגג צו פאָרן. אונזער געגנט האָט זיך אָפּגעטיילט פון רוסלאַנד און איז געוואָרן אַ זעלבסטענדיקע מדינה.

לאַנגזאַם שלעפּט זיך אונזער עשאַלאָן איבער די גרויסע רוסישע שטרעקעס. אויף יעדער סטאַציע שטעלט ער זיך אָפּ און שטייט אַן אַנדערש מאָל אָפּ טעג, ביז ער רוקט זיך ווייטער. מיר פאָרן שוין לאַנג, און ווייל דער צוג באַוועגט זיך אַזוי פּאַוואָליע, האָב איך איינגאַנצן אזוי ווי פאַרגעסן, אַז מיר פאָרן און וועלן באַלד קומען אויף אַן אָרט, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז פון היינט אָן וועלן מיר זיך אַזוי שלעפּן און שלעפּן.

אַלע פינף פאַמיליעס פון וואַגאָן זענען מיר פון דער זעלביקער געגנט, אָבער פון פאַרשידענע שטעט. אַלע הערן נישט אויף צו זאָרגן פון דעם, וואָס עס דערוואַרט זיי אין דער היים: „אַלץ וואָס מיר האָבן אַמאָל פאַרמאָגט, האָט מען דאָך חרוב געמאַכט, וועט ווער עס איז די ערשטע צייט זאָרגן פאַר אונז, ביז מיר וועלן צו וואָס ווייטער זיך קענען נעמען? וועט מען אונז געבן אַ דאַך אויפן קאָפּ? מן הסתם וועט דאָך נישט זיין, אַז מען וועט אונז לאָזן הפקר"...

צו אונז דרייען גייט שוין אפשר צום צענטן מאָל צו אַ ייִנגל אין דאָדקעס יאָרן, און צום צענטן מאָל הויבט ער אונז אָן צו דערציילן, אַז בשעת מען האָט זיי אַרויסגעטריבן, האָבן זיי אויפן בוידעם איבערגעלאָזן אַ קאַץ מיט קעצלעך, און ווייל ער קען נישט אַרויסזאָגן קיין „ק”, קומט ביי אים אַרויס אַ „אַץ מיט עצעלעך”.

איך, מישא און דאָד לייגן אַרויף איינער אויף דעם אַנדערן אַ פּאָר זעק און שטעלן זיך אויף זיי אַרויף. דאַן קומען מיר צו צום הויכן פענסטער פון וואַגאָן. מיר שטעקן אַרויס די קעפּ, דער ווינט פרישט אונז. מיר פאַרזשמורען די אויגן און דרייען אויס דעם פּנים צום ווינט. מיר האָבן שטאַרק הנאה, פילנדיק אויף זיך דעם שטראָם פון לופט. דערפרישטע נעמען מיר אַריין צוריק אונזערע פּנימער אין וואַגאָן און בלייבן לאַנג קוקן ביים פענסטערל אויף אַלץ, וואָס טראָגט זיך פאַרביי אונז, און מיר האָבן שטאַרק הנאה, וואָס די וועלט איז אַזוי גרויס, וואָס זי האָט אַזוי פיל פעלדער, וואַסערן, וועלדער און אַזאַ שיינע זון.

איך כאַפּ זיך אויף, דער וואַגאָן איז פול מיט דעם גרוי-בלויען ליכט פון טאָג. איך פיל, ווי דער צוג ציט זיך פאָראויס אַלץ נענטער און נענטער צו אונזער היים. מיר זענען דאָ אַלע, חוץ אונזער גוטע באָבע. אָט איז דער פּאַפּע מיט זיין ברייטער באָרד, אין וועלכער עס וועבן זיך שוין ווילבערנע פעדים, ער דרימלט האַלב זיצנדיק אויף אַ פּעקל, די הענט אונטערן קאָפּ. ווי צאַרט פלעגט אונז פּאַפּע באַרוהיקן אין דער צייט פון אַ סכנה. טאָמער איז ווער פון אונז קראַנק געוואָרן, איז ער די גאַנצע צייט פון בעטל נישט אָפּגעטראָטן, וואָכנווייז זיך נישט אויסגעטון, קיין אויג נישט צוגעמאַכט. אין הונגער פלעגט ער אונז זיין חלק ברויט אַוועקגעבן, אין די קעלטען איז ער ווינציקער פאַר אַלעמען געווען איינגע־דעקט. אַלץ אונז אָפּגעגעבן און יעדע ווילע אונז באַקוועמער געמאַכט.

אויף אַ זעקל, אַרומנעמענדיק מירעלען, שלאָפט מיין מוטער, וואָס האָט אַלע מאָל פאַר אונז אזוי פיל גוטע צערטלעכע ווערטער. איך געדענק דעם אויסדרוק פון מאמעס געזיכט אין יענע געפערלעכע מינוטן. איר בליק, וואָס פלעגט פון איינעם פון אונז אַריבער גיין אויפן צווייטן, זיך שרעקנדיק פאַר יעדן באַזונדער און פאַר אַלעמען אינאיינעם. טאָפלטע ליידן האָט מאַמאַ געהאַט. ליידנדיק אי פאַר זיך, אי פאַר אונז.

דאָס קעפל אָנגעשפאַרט אָן מאַמאַ, שלאָפט רוהיק מיין יונגסט שוועסטערל מרים, זי איז אַזוי קליין, אזוי בלייך, עס איז דאָך נישט לאַנג, ווי זי האָט גיין און ריידן אָנגעהויבן, און זי ווייסט שוין אזוי גוט די שרעק פון הונגער און קעלט, די געפאַר פון אַלע שיסערייען, און נאָך אַ זאַך ווייסט מיין קליין שוועסטערל, זי ווייסט, אַז מיר זענען יידן און מען קען אונז אויסשעכטן, ווי די שעפסן.

צעוואָרפן די הענט, שלאָפט אומרוהיק מישא, מיין קלוגער ברודער. אין די אַלע רעגעס, טעג, יאָרן פון אומגליק איז ער געווען דער איינציקער פון אונז, ווער עס האָט ליידנדיק גע-דולדיק איינאיינעם מיט אַלעמען, שאַרפע ווערטער געפונען פאַר אַלע עולות, וואָס מען איז קעגן אונז באַגאַנגען.

אין אַ קנויל שלאָפט פריידקע, די שטילסטע, די גע-דולדיקסטע פון אונז. קיין זאַך איז איר פאַר אונז נישט שווער. מער פאַר אַלעמען איז זי אין די רייען נאָך ברויט געשטאַנען. אַלע אַרבעט נעמט זי שטענדיק אויף זיך. די בעסטע איז זי פריידקע ביי אונז.

האַרט לעבן מיר שלאָפט דאָד. דער שטאַרקער דאָד, אין די שרעקליכסטע מינוטן, ווען מיר האָבן אַלע גערופן רחמים צו גאָט און צו מענטשן, האָט דאָד געשוויגן, אַלע רוהיק אין פנים געקוקט און געשוויגן.

און איך, אַ קליין יידיש יינגל, אויף וועלכן עס האָט זיך אויסגעגאָסן אַזאַ ים ליידן און ווער עס ווייסט נישט, וואָס מאָרגן דערוואַרט אים, ווינטשט דער גאַנצער וועלט און יעדן מענטש באַזונדער אַלדאָס גוטס.

ע נ ד ע